STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02942

DI UHAMAS

Faivel Zygielbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פייוול זיגעלבוים / די אוהאמאס

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תשל"א — 1971

פייול זיגעלבוים

די אוהאמאם



ראמאן פון דרום-אפריקע

FAJWEL ZYGIELBAUM

THE UHAMAS

פייוול זיגעלבוים

✶

די אוהאַמאַס

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

צייכענונגען און שער: אבידע אילון (זיגעלבוים)

©

נדפס בישראל תשל״א
Printed in Israel 1971

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ, תל־אביב

אין אָנדענק —

אונדזער מאַמען: הענעלע דעם שוחטס,
ווו איר קבר איז ווייסן מיר נישט.

ברודער שמואל מרדכי (אַרטור),
זיך אומגעבראַכט אין לאָנדאָן,
ווייל די וועלט האָט געשוויגן...

ברודער משה,
אַ קרבן פון „ענקאַוועדע".

ברודער פּיניע מיט זיין ווייב רוזשקע און קינד,
אומגעקומען אין פּאָנאַר.

שוועסטער חוה,
אומגעקומען אין אוזבעקיסטאַן.

שוואָגער אייזיק פרידלאַנד,
אומגעקומען אַלס פּאַרטיזאַן.

שווערין מאַניע מיט איר בן־יחיד אַרטור,
אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

שווערין גאָלדע מיט איר ליכטיקער טאָכטער רבקהלע,
אומגעקומען אין טרעבלינקע.

און אַ סך אַנדערע פון אונדזער גרויסער משפחה,
וואָס האָבן געטיילט דעם ביטערן גורל
פון אַלע יידן אין פּוילן און געפאַלן
אין געטאָס, פּאַרטיזאַנקעס,
לאַגערן, סאָוויעטישע תפיסות
צי גאַז־קאַמערן,
זיי אַלע לזכרון

ת. נ. צ. ב. ה.

אינהאַלט:

אַ פּאָר ווערטער פון מחבר	9
צווישן מחבר און חיבור — דב סדן . . .	15
סאָקאַבולאַ	27
די אוהאַמאָס	43
אין לאָקיישן	59
בענעט	77
זיך פאַרברענטער נעכטן	119
אויפן וועג צוריק	159
די חתונה . . . . . : . . .	197
בענעט מאַסיליבו דינגאַן	215



אַ פּאָר ווערטער פון מחבר

ווער ווייסט וויפל יאָרן ס'איז געלעגן אין הינערפלעט דער דרומדיקער טייל אַפריקע, ווו ס'גיסן זיך צוזאַמען דער אינדישער מיטן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

ווען אין דער וועלט האָט מען שוין געדרוקט ביכער, איז די טייל וועלט נאָך געווען באַהערשט פון לייבן און אַנדערע חיות און צווישן זיי האָבן אויך געלעבט צוויי־פיסיקע באַשעפענישן: די קורצע בושמענער און האָטענ־טאָטן, וואָס האָבן זיך גענערט ווי די חיות מיט פלייש פון פאַנג און געוויקסן.

די חיה האָט געלעבט אין אָפענעם פעלד; דאָס צוויי־פיסיקע באַשעפעניש — אין אַ הייל. אין די היילן האָט מען געפונען סימנים פון מענטשלעכן שכל, כלים פון שטיין, אָדער ליים, פרימיטיווע קונסט־גראַווירן און מאַלערייען מיט פאַרבן פון קרייטעכצער.

פון דער צייט איידער דער ווייסער מענטש האָט גע־שטעלט זיין פוס אויף דעם קאָנטינענט, זענען דאָ מאָגערע קוועלן צו לערנען דעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס פון די פאַרשידענע שבטים. מקורים ווייזן אָן, אַז עס זענען געווען גרויסע גרופּן שוואַרצע, וואָס האָבן איבערגעוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, געפירט מלחמות, געלאָזט בערגלעך מענטש־לעכע ביינער און ציין... באַקעמפט און באַהערשט איינע די אַנדערע. זיי האָבן זיך באַפעסטיקט ביי נאַטירלעכע גרע־ניצן, ווי בערג, טאָלן און טייכן.

אויף דער דרום־זייט פון לאַנד האָט זיך באַוויזן דער שבט זולו, וואָס איז געווען אַ טייל פון אַ גרעסערער גרופּע, וואָס האָט געהייסן „נגוני״. דאָס איז געשען אַרום 300 יאָר צוריק, ווען זיי האָבן זיך באַזעצט אינעם קנויל פון בערג און טאָלן וואָס איז געוואָרן „זולולאַנד״.

די זולו־„טשיפס״, וואָס זענען דורכן פאָלק באַטראַכט געוואָרן ווי קייסאָרים, האָבן געהאַט אַ סך מאַכט און געהערשט איבערן לעבן פון יעדן איינעם. אַ טייל פון די „טשיפס״ זענען באַרימט מיט זייער העלדישקייט, מוט און... אכזריות. וועגן פאָפּולערסטן „טשיף״ שאַקאַ זענען פאַראַן פאַרצייכענונגען פון זיינע זיגרייכע מלחמות און מיאומדיקע אכזריותן. ווען זיין מאַמע איז געשטאָרבן, האָט ער באַפוילן זיין 60 טויזנט קעפּיקער אַרמיי אַרויס־צוווייזן טרויער דורך שעכטן איינער דעם אַנדערן. ווען די זון איז דעם טאָג אונטערגעגאַנגען זענען אַרום אים גע־לעגן 7000 הרוגים. צו זיין מאַמעס קבורה האָט ער באַפוילן מען זאָל ברענגען 10 שיינע מיידלעך און זיי באַגראָבן לעבעדיקערהייט מיט דער מאַמען, זיי זאָלן זי באַגלייטן אין הימל אַריין...

ער האָט ליב געהאַט צו הערן אַן אָדע געזונגען פאַר אים:

האָסט באַזיגט שוין די שבטים, ווען איז אַ נייע שלאַכט?

יאָ, ס׳וועט זיין אַ צווייטע שלאַכט.

האָסט באַזיגט שוין מלכים, ווו וועט זיין נאָך אַ קאַמף?

יאָ, ס׳וועט זיין נאָך אַ קאַמף.

האָסט געוואונען יעדן שטרייט, ווען, ווען, מיר זענען גרייט!

יאָ, יאָ, יאָ, ס׳וועט זיין נאָך אַ שטרייט.

דער רוצחישער שאַקאַ איז געפאַלן דורך דער האַנט פון זיין האַלב־ברודער דינגאַנע, וואָס האָט פאַרנומען זיין טראָן און ווערט דערמאָנט ווי אַ מער יושרדיקער הערשער.

די מענטשן פון זולו־שבט טיילן זיך אויס פון אַנדערע שבטים מיט זייער פיזישער שיינקייט, אַרבעטס־פעיקייט, דעם חן פון זייער שפּראַך צוליב אַ ספּעציעלן קנאַק מיט דער צונג, זייער פאָלקלאָר, הלבשה, געזאַנג און טענץ, וואָס איז מער נושא־חן ווי פון אַנדערע שבטים.

פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, זינט מ׳האָט געפונען גאָלד, איז דרום־אַפריקע, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דריי פערטל מיליאָן קוואַדראַט מייל, דורכגעגאַנגען אַ דינאַמישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס האָט אַבסאָרבירט אַלץ גרעסערע מאַסן שוואַרצע פון די רעזערוון אין די מינען, בוי און אינדוסטריע.

ווען מ׳גייט מיט באָרוועסע פיס פילט מען דעם מאָך און זאַפט פון דער ערד. די אַפריקאַנער ערד, וואָס יערט מיט עקזאָטישע פלאַנצן און פירות, מיט גאָלד, אוראַניום און דימאַנטן איז אַזוי דערנערדיק טרוקן פאַר דער גרויסער מערהייט מענטשן, וואָס באַאַרבעטן און באַלעבן די ערד.

אַ העלפט פון מיין לעבן האָב איך געטראָטן אויף דער אַפריקאַנער ערד, געזען דעם צוזאַמענשטויס פון הויט־קאָלירן, פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן אַלע, וואָס באַלעבן דאָס שיינע לאַנד אַפריקע. כ׳האָב געאַרבעט מיט זיי. דער זולו האָט מיך פאַסצינירט סיי מיט זיינע שטאָטישע און באַזונדערס מיט זיינע קראַאַל־געוווינשאַפטן, מנהגים, שטרעבונגען, געזאַנג, לעגענדע און טאַנץ.

דאָס האָט מיך געפירט צו זייערע רונדע שטרוי־„פּאַלאַצן" אין זולולאַנד.

*

צום סוף וויל איך האַרציק דאַנקען אונדזער מורינו, פּראָפ. ד ב ס ד ן פאַרן „געבן שלום" די „אחינו בני זולו" און שרייבן די הקדמה; מיינע טייערע חברים יהודה קערש און משה חיים מאָרגענשטערן פאַר מוטיקן מיך אַרויס־צוגעבן דאָס בוך.

ואחרון, אחרון חביב, מיין טאָכטער א ב י ד ע, פאַר באַצירן דאָס בוך מיט אירע צייכענונגען, הילע און אותיות.

דב סדן

צווישן מחבר און חיבור

ווי קומט דער מחבר צו דעם חיבור — איז אַ קשיא, וואָס שווימט בדרך הטבע אויף, ווען דער סוזשעט און זיין באַהאַנדל געפינען זיך נישט אויף דער ליניע פון אינטע־רעס אָדער קאָנטאַקט, ווי זי גייט, בדרך כלל, אָן אין דער ליטעראַטור און שפּראַך, מיט וועלכער דער מחבר קער זיך אָן לויט זיין אָפּשטאַם, שייכות און סביבה. אָט די קשיא פרעגט זיך טאַקע לגבי דעם סיפּור המעשה, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז, און וואָס איז, לויט זיין טעמע, ווייט פונעם איצטיקן צענטראַלן אינטערעס, און אַפילו פונעם פעריפערן קאָנטאַקט, אין דער דערציילישער יידיש־ליטע־ראַטור. די איצטיקע יידיש־פּראָזע קאָנצענטרירט זיך טעמאַטיש בעיקר אַרום די ביידע פּאָלוסן פון אונדזער אייגענעם קיום — דאָס לעבן אויף די ווייטערע און נאָנטע־רע סטאַציעס פאַר דעם נעכטיקן אומקום, דאָס לעבן אויף דער שוועל און איבער דער שוועל פון הייניטיקן אויפקום.

ווייזט אויס, אַז די רעקאַפּיטולאַציע פון יידישן לעבן אין דעם טאָפּל־פּנימדיקן קאַטאַקליזם פאָדערט דעם בכל לבבך ובכל נפשך פונעם יידישן שרייבער, אַזוי אַז זיין גאַנצע שאַפערישע ענערגיע שעפּט זיך אויס אין דער וועלט און די ליטעראַטור איז נאָך אַלץ ווייט זי אויסצושעפּן. אויב בלויז דערמאָנען אונדזערע צוויי גרויסע צענטרען, איז עס כמעט אַ כלל גדול, אַז אַ יידיש־פּראָזאַיקער, וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע, זאָל רעקאַפּיטולירן כמעט בלויז דאָס לעבן אין מזרח־אייראָפּע — די בולטסטע משלים

זענען באַשעוויס און גראַדע — און אַ יידיש־פּראָזאַיקער אין ארץ־ישראל זאָל טאָן דאָסזעלבע — אַ בולטער משל יחיאל האָפער, און זאָל פּרוון אויך רעקאַפּיטולירן דאָס היגע לעבן — אַ בולטער משל ישעיה שפּיגעל.

אוודאי, נאָך מיט אַ האַלב דור צוריק איז עס אַנדערש געווען, און אַ רעפּרעזענטאַטיווער יידיש־פּראָזאַיקער ווי אָפּאַטאָשו, וואָס האָט רעקאַפּיטולירט אַ ווייטן נעכטן אין די פּוילישע וועלדער און אַ נאָך ווייטערן נעכטן אין רעגנסבורג און נאָך אַ ווייטסטן נעכטן אין ר׳ עקיבאס צייטן, האָט ער אַרומגענומען מצדי צדדים דעם נאָענטן נעכטן און נאָנטסטן היינט, סיי אין פּוילישע שטעטלעך סיי אין אַמעריקאַנער כרך גדול, און נאָך דעם אַלעמען האָט נאָך זיין פּאַלעטרע פּאַרמאָגט פּאַרבן גענוג צו מאָלן און סקיצירן אַ רייכע טיפּאָלאָגיע פון די קאָליריקע — תרתי משמע — שכנים.

לא־כל־שכן אַ דור פריער, ווו סיי אונדזער פּאָעזיע סיי אונדזער פּראָזע אין אַמעריקע האָבן זיך באַוויגן אויף דער ליניע פון אַזאַ ברייטער טעמאַטיק — און דאָס אין ביידע שפּראַכן אונדזערע — און עס איז בולט אַ קלאָרע הבחנה: אַ יידיש־שרייבער איז מער נוטה געווען אַריינצודרינגען אין לעבן פון די נעגערס, אַ העברעיש־שרייבער איז מער נוטה געווען אַריינצודרינגען אין לעבן פון די אינדיאַנער. און איך האָב עס געפּרווט אויסטייטשן, אַז דער חילוק באַשטייט אפשר אין דעם פּאַרשיידענעם גרונטגעפיל פון ביידע שפּראַכן — העברעיש האָט זיך דאָרט דעמאָלט אידענטיפיצירט מיטן שטילן אַריסטאָקראַטישן אַראָפּ, יידיש ווייטער האָט זיך דאָרט דעמאָלט אידענטיפיצירט מיטן רוישיקן דעמאָקראַטישן אַרויף.

און כדאי צו ברענגען אַ דוגמה פון אַ צווייַשפּראַכיקן שרייבער — י. י. שוואַרץ, וואָס זיינע צוויי גרויסע פּאָעמעס

גייען אין אַ פֿאַרקערטן סדר פֿון זיין ביאָגראַפֿישן גאַנג, צומערשט האָט ער געשריבן „קענטאָקי״, און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער „יינגע יאָרן״, וואָס באַשרייבט זיין היים אין ליטע, און דאָ האָט ער פּלוצים אַריינגעוואָרפֿן אַ קאַפּיטל: פֿעלקער און זייערע געטער (לויטן וואָרט פֿון פּסוק: גויים ואלהיו, אַזוי הייסט אויך אַ קאַפּיטל אין רנק״ס „מורה נבוכי הזמן״) און עס איז אַ גאָר עקזאָטיש קאַפּיטל — עס באַשרייבט מעקסיקע.

איך האָב בשעתו געפּרווּט דערקלערן, אַז דער דיכטער ברענגט בכיוון אין דעם קאַפּיטל, די וועלט פֿון דער ווייטער יצרדיקער פּאַגאַנישקייט און די וועלט פֿון דער נאָנטער פֿאַנאַטישער קאַטוילישקייט, ווי אַ פּאָן אויסצובולטן דעם היפוך — די וועלט פֿון אַן אָרעם, אָבער מאָראַליש און גייסטיק אויסגעאיידלט, ליטוויש יידיש שטעטל.

אָבער היינט־צו־טאָג איז דער דאָמינאַנטער גאַנג פֿון אונדזער ליטעראַטור אַן אַנדערער — נישט זי זעט און נישט זי ווייזט די וועלט פֿון די שכנים, ווי אַ וועלט אין זיך און פֿאַר זיך. אמת פֿאַראַן אַ חילוק צווישן די גרעסערע און קלענערע ליטעראַטור־צענטרען און דער אָפּשטאַנד צווישן זיי אין כלערליי תחומים, איז אויך ניכר אין דער ליטעראַטור. אויף מיין וועג איבער דרום־אַמעריקע איז מיר טאַקע אויסגעקומען פֿיל מאָל צו הערן: וואָס עס געשעט אין צפֿון־אַמעריקע געשעט אויך בעל כרחו ביי אונדז מיט אַ דור אָדער אַ האַלב דור שפּעטער. איך וויל נישט און קען נישט אַנטשיידן, אויף וויפֿיל די הנחה פֿאַר דעם נישט איבעריק פֿריילעכן פּראָגנאָז, איז אַ מין מושכל ראשון, אָבער וואָס שייך ליטעראַטור זענען דאָ פֿאַראַן דערשיינונגען, וואָס דערמאָנען אַ דור אָדער האַלב יאָר פֿריער.

אַזוי אַ שטייגער, האָב איך מיך אין בוענאָס איירעס באַגעגנט מיט קהאָס קליגער און זיך צוגעקוקט צו אים, כדי צו דערגיין, ווי לעבט דאָס זיין דיכטונג, סיי אין די געסלעך פון לודמיר און צפת, סיי אין די פּאַמפּאַס פון קאָרדאָווע, אין דער פּאָליכראָמיע פון קאָריענטעס. און אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ האָב איך מיך באַגעגנט מיט ראָזאַ פּאַטאַשניק, וואָס קראַשניק און אירע יידן זענען טאַקע ביי איר דער אויבן־אָן, אָבער זי זעט אויך און ווייזט אויך די וועלט פון דער שוואַרצער מאַקומבאַ אין איר קאַר־נאַוואַל־רויש, וואָס חתמעט איר ביטערן גורל. דעסגלייכן האָב איך מיך דאָרט באַגעגנט מיט הערש שוואַרץ, וואָס האָט אַן ענלעכן, אַפּילו אַקצענטירטערן גאַנג און צוגאַנג אין זיין טעמאַטישן אויפטייל. נאָך מער, אין מאָנטעווידעאָ האָב איך מיך געטראָפן מיט איציק ווײַנשענקער, און געהערט וועגן זיין באַזונדערן אינטערעס פאַר די דאָרטיקע עטנישע גרופּן. אָבער ווען ער האָט מיר שפּעטער צוגעשיקט זיין בוך „אורוגוואָרצלען״, האָב איך מיך געוווּנדערט און נישט געוווּנדערט איבער זיין הקדמה, וווּ ער דערציילט, אַז זאַמלענדיק דעם מאַטעריאַל, האָט ער געטראַכט, אַז דאָס בוך וועט ער אַרויסלאָזן אין שפּאַניש, נאָר זיינס אַ פריינד האָט זיך איינגעשפּאַרט און אים כמעט געצוווּנגען, עס זאָל אַרויס אין מאַמע־לשון.

איך דערצייל דאָס אַלץ סיי לגופו של חיבור, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז, סיי לגופו של מחבר, פּייוול זיגעלבוים.

ווען איך האָב מיך באַגעגנט מיט אים דאָ ביי אונדז אין ירושלים, און אונדזערע שמועסן האָבן זיך געדרייט אַרום ענינים ליטעראַטור, איז עס געוועזן דער ענין פון איציק מאַנגער און זיין אָריגינאַליטעט.

ער, פּייוול, האָט דאָך באַנייט דעם פאַרלאַג „אַליי־

נעניו" ווו עס זענען, מיט דער הילף פון יונה גלאַזער, אַרויסגעגעבן מאַנגערס „האָצמאַך־שפּיל" א. א.

ווי עס שרייבט טאַקע מאַנגער אין דער הקדמה צו זיין בוך „דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט", לאָנ־דאָן 1948, פונקט ווי ער פּייוול, האָט אונדז שפּעטער גע־האָלפן אַרויסגעבן אין ירושלים „מדרש־איציק", (1969). דעסגלייכן האָט ער אין תל־אביב געהאָלפן מיכאל וויי־כערט, זיין לערער און רעזשיסער, אַרויסגעבן „טרופּע טאַ־נענצאַפּ". (1966)

אָבער ווען איך האָב געלייענט אין „צוקונפט", אין „דרום־אַפריקע" און אין „ישראל־שטימע" פראַגמענטן און קאַפּיטלען פון זיין בוך וועגן זולומענטש און זולולאַנד, האָב איך געפרעגט, ווי דאָס ווערטל גייט: ווי קומט דער קרבן צו דעם מזבח, אָדער ווי אויבן שטייט: ווי קומט דער מחבר צו דעם חיבור. באמת, ווי קומט דערצו פּייוול (לייב) זיגעלבוים, געבוירן אין קראַסניסטאַוו, אין לובלי־נער קאַנט (1908), געכאָוועט אין אַ טאָפּל רייכער משפּחה — רייך אין קינדער, כמעט אַ טוץ, און רייך אין אָרעמ־קייט — וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דער טיפּישער יידישער נויט, און איז זי מיט אַ וווּנדערלעך וויטאַלער גבורה בייגעקומען — מיטן כוח פון ווילן, גייסט און גלויבן. דער עלטסטער ברודער שמואל מרדכי (אַרטור) איז געוואָרן אַן איבערגעגעבענער יידישער אַרבעטער־פירער און האָט זיך מוסר נפש געווען פאַרן גורל פון פּוילישע יידן אונטער דער היטלעריסטישער ממשלת־זדון און אַרויס אויפוועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט און האָט פּראָ־טעסטירט קעגן איר טויבקייט און טעמפּקייט און זיך לסוף מקריב געווען.

דער, מיט דרייצן יאָר יינגערער ברודער, פּייוול (לייב), האָט זיך געלאָזט צו דער יידישער בינע, שטודירט אין

ווייכערטס שול־טרופע, געוואָרן אַ מיטגליד אין „יונג טעאַטער" און איז, צוויי יאָר פֿאַר היטלערס אינוואַזיע קיין פּוילן, אַוועק קיין דרום־אַפריקע, האָט דאָרט געש־פּילט און רעזשיסירט, סיי יידיש, סיי ענגליש טעאַטער, און גענומען שרייבן. אויב עס ווייזט זיך אויס גאָר פֿאַר־שטענדלעך, אַז ער האָט געשריבן און דער „באַארד אָף דעפּיוטעס" האָט אַרויסגעגעבן „געטאָגראַד" (1944), וואָס דראַמאַטיזירט דאָס וואַרשעווער געטאָ, ווייזט זיך ווייניקער פֿאַרשטענדלעך, אַז ער האָט געשריבן און געדרוקט דער־ציילונגען פֿון זולו־לעבן. מיר זאָגן: ווייניקער פֿאַרשטענדלעך, אָבער נישט: אומפֿאַרשטענדלעך, דען כדרך הטבע דאַרף עס נישט זיין קיין חידוש. פּונקט ווי עס איז נאָך מיט אַ האַלבן דור צוריק נישט געווען קיין חידוש, און, פֿאַרקערט, מען דאַרף דערינען זען אַ סימן פֿון אַ רענאָרמאַליזאַציע פֿון אונדזער ליטעראַטור, וואָס קיין שום מענטשלעכס דאַרף איר נישט זיין פֿרעמד.

און עס מאַכט נישט אויס, אויב מיר זאָלן אפילו אויסגעפֿינען, אַז די אויסטערלישקייט, ווי זי שטעקט אין עקזאָטיק. האָט אונדזער מחבר צוגעצויגן און אָנגערעגט, דען עס איז אַ קיימא לן, אַז נישט איין מאָל ווערט דרויסנ־דיקער נייגער אַ סטימול פֿאַר אַן אינעווייניקסטן אינטע־רעס, און דער דאָזיקער אינטערעס דעקט אויף די טיפֿערע סיבות פֿון דעם כוח המושך, וואָס האָבן זיך אין דעם סוזשעט באַהאַלטן, און צום סוף אַנטפּלעקט זיך דער סוד פֿון דער אידענטיפֿיקאַציע צווישן דער ביאָגראַפֿיע פֿונעם מחבר און דעם ענין פֿון זיין חיבור.

מיר האָבן פֿאַר זיך אַ משפּחה־כראָניק — אַ זיידע, וואָס האָט אויסגעשפּיגן די לונגען אין די גאָלדמינעס און קריגט דערפֿאַר אַ פֿאָר אַקער אין זולולאַנד און באַארבעט זיי, אַ זון וואָס וויל אין שטאָט אַריין טרייבן אַ לומפּנ־

פראַלעטאַרישן קיום, אָבער ירשנדיק דעם טאַטנס פעלד בלייבט ער אין דער היים, אַן אייניקל, וואָס וואַקסט אויס אין דער דאָזיקער היים אין איר נאַטור און וואַקסט אין זיי אַריין, און ער איז עס בעצם, דער גיבור פון דעם סיפור־המעשה. דאָ האָבן מיר אפשר אַ רמז אויף אַ פאַרבינדפונקט צווישן מחבר און חיבור — עס איז דעם אייניקלס צונאָמען: אוסינדילע. וואָס מיינט: דער געב־ליבענער, דער אָפגעראַטעוועטער, ווייל ער, דאָס אייניקל, איז איינער־אַליין אָפגעראַטעוועט געוואָרן פון זיין משפחה, וואָס איז פאַרלענדט געוואָרן און אַוועק מיטן רויך פון אַ בראַנדפייער, וועלכער איז מיט אַ ווילדן שטורעם אַראָפּ פון הימל.

דער המשך איז אפשר אָבער־אַמאָל אַ רמז פון אַ פאַר־בינדפונקט צווישן מחבר און חיבור — דאָס אָפגעראַטע־וועטע קינד, דער קיילעכדיקער יתום, ווערט פאַרוואָגלט אין אַ פרעמד־נישט־פרעמד, אין אַ שטאָט, וואָס איז טאָטאַל אַנדערש פון זיין געבוירן־דאָרף, אָבער צווישן אייגענע, אַ פעטער און אַ מומע, אחינו־בני־זולו.

דאָס קינד דערמאַנט מיט ווקס און גאַנג אַ טיפּיש יידיש קינד, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אָפגעשטאַנענקייט און נויט, צו אַן אייגענער ווערדע — שיין, קלוג, פאַרשטאַנדיק, אויפגעוועקט, פלייסיק, מוטיק, מיט אַ נאַטירלעך געפיל פון שייכות און מסירת צו זיין היים, שבט, פאָלק, ווייסט ער זיך צו באַהויפּטן אין דער שטאָט, וווּ ווייס איז צו־אויבערשט און שוואַרץ צו־אונטערשט. און אַ בענקעניש צו דעם שלימות פון די קינדער־יאָרן ברענגט אים צוריק אין דאָרף אַריין.

אוודאי אַז מען קוקט זיך איין, באַמערקט מען גענוג קלאָרע קאָנטורן פון אַ מיטאָס וועגן גואל — דער אָפגע־ראַטעוועטער צווישן בעלי־חיים (הינערשטייג), אַדאָפּטירט

ווייט־ווייט פון זיין געבוירנאָרט, באַגלייט פון צווי גוטע מלאכים (דער רעוורענד און דער שול־פּרינציפּאַל), אַרומ־גערינגלט מיט ליבע (די אַדאָפּטירערס זיינע, די מוזיק־לערערין, די פריינד), איז סיי איבערן און סיי אין שבט זיינעם, און געפינט זיך אויף דער שוועל פון דער דיאַלעק־טיק, וואָס שטעקט אין יענעם מיטאָס: דער דורך אַ נס געראַטעוועטער ראַטעווער זיין פאָלק, בפרט אַז אַלע צייכנס ווייזן אָן, אַז מיט אים זענען די גייסטער פון די אבות, אָבער דער סוף איז, אַז ער פאַלט אויף איינעם פון די שטעגן צו דער גאולה — ביים גרויסן פּראָטעסט פון די אונטערדריקטע און באַליידיקטע, וואָס האָט זיך אויסגע־דריקט אין פאַרברענען פון די פּעסער, וואָס זענען מחייב בלויז די שוואַרצע — און זיין נישט דערפילטע מיסיע גייט איבער צו דעם יורש זיינעם, וואָס ווערט, נאָך זיין טויט, אין זולודאָרף געבוירן.

דאָס איז די קאַנווע פונעם סיפּור המעשה. און מיר רופן עס בפירוש אַזוי, און נישט ראָמאַן, ווי דער מחבר רופט עס אָן, ווייל עס איז, סיי אין גאַנג פונעם תוכן סיי אין אויסבוי פון דער צורה, אַ מעשה פאַר יונג און אַלט, פאַר משכילים און פּראָסטאַקעס, ווי עס זענען געווען די סיפּורי מעשיות, און דערמאָנט דעם שניט פון „די הייזקע פון פעטער טאָם", און קאָן אפשר האָבן אַן ענלעך דאָברע־מזל.

אָבער מען טאָר נישט פאַרהוילן צווי סכנות וואָס האָבן דאָ געלאָקערט און דער מחבר האָט זיך געמיט זיי, בכוחו, אויסצומיידן.

די איינע סכנה שטעקט אין אַן איבערלאָד פונעם פאָלקלאָריסטיש — דעם מחבר איז עס געראָטן דעם דאָזיקן, נויטיקן עלעמענט פּראָפּאָרציאָנעל און אָרגאַניש

אַריינצופלעכטן אין עצם־סיפור, און בלויז אין איין קאַפּיטל (די חתונה) איז פאַלקלאָר דער כל־ולך.

די אַנדערע סכנה ביי אַזאַ סיפור שטעקט אין דעם פּובליציסטישן עלעמענט, וואָס איז נוטה זיך אַריינצורייסן, דאָ איז דער מחבר געווען זייער געוואָרנט און האָט גע־דענקט, אַז סיפור מעשה איז אַ פּרשה אלה תולדות, אַ גע־שיכטע און דער סובסטאַנטיוו געשיכטע שטאַמט פון ווערב געשען, און ער דערציילט וואָס און ווי עס איז געשען, און היט אָפּ די געקייטלטקייט פון די געשעענישן אין אַ לע־בעדיקן שטראָם.

צום סוף וויל איך מיך אומקערן צום באַמערק, אַז דער סוזשעט און באַהאַנדל אין אונדזער סיפור־מעשה איז אַן עדות פון אַ טעמאַטישער רענאָרמאַליזאַציע אין דער ליטעראַטור אונדזערער. און דערפאַר קומט דעם מחבר אַ דאַנק.

ווער איך אים פאַר זיין לענגערן סיפור־המעשה אָפּ־דאַנקען מיט אַ קורצערן סיפור־המעשה. —

דער יאַריטשעווער רב, ר׳ וואָלף גערסטל, וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט אַסטראָנאָמיע און באָטאַניק, און האָט מחמת דעם אָנגעווירן דאָס רבנות, האָט מיר דערציילט, אַז ווען יאַריטשעווער קהל האָט אים פּירגעהאַלטן, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע זאַכן, און אַז דער סוף זיינער וועט זיין ווי דער סוף פון דעם משכיל אין שכנות־דיקן קיליקעוו, ר׳ שמשון הלוי בלאָך, וואָס האָט אין זיין „שבלי עולם" פּאָפּולאַריזירט געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע, האָט ער, דער רב, זיי געענטפערט, וואָס ר׳ שמשון הלוי בלאָך האָט געענטפערט דעם קיליקעווער רב, וואָס האָט אים דאָס פּירגעהאַלטן: סטייטש ווי קומט עס, אַז אַ

ייִד, אַ בן תורה, וואָס קען זיך פֿאַרנעמען מיט הלכה, און קען שרײַבן שאלות ותשובות, זאָל װעלן דעם עולם פּילעווען מיט אַזעלכע מעשׂיות. רבי — האָט אים ר׳ שמשון הלוי בלאָך געענטפֿערט — מי לנו גדול כהלל, וואָס לויט אים פּסקנט מען: הלכה כהלל, פֿון דעסטוועגן דערציילט די גמרא, אַז ווען מען האָט געוואָלט אויספּרוּוון זײַן ענוות און זײַן געדולד, האָט מען אים נישט געפֿרעגט אַ דבר־הלכה, נאָר מען האָט אים אָפּגעזוכט אין באָד, ווו מען טאָר קיין דברי תורה נישט רעדן און מען האָט אים גע־פֿרעגט, פֿאַר וואָס האָבן די בבליים קײַלעכדיקע קעפּ און פֿאַר וואָס האָבן די תרמודער קאַליע אויגן און פֿאַר וואָס האָבן די אַפֿריקער ברייטע פֿיס. רימט מען אים, אַז ער איז דריי מאָל אַרויס פֿון באָד, און האָט זיי בנעימות געענטפֿערט, אָבער באמת דאַרף מען אים אויך רימען, וואָס ער האָט געוווּסט זיי צו ענטפֿערן, אַ סימן אַז ער האָט זיך געלערנט, סיי מפּי הקריאה, סיי מפּי השמועה, און מסתמא אויך מפּי הראייה — ווייסן מיר דאָך אַז ער איז געקומען פֿון ווייט, פֿון בבל, און עס הייסט וועגן אים: ארי עלה מבבל, אַ לייב איז אויפֿגעקומען פֿון בבל, און אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז ער איז געווען אַן אָרעם קינד, האָט ער מסתמא דעם וועג געמאַכט צו פֿוס, נישט אויף אַ קעמל און נישט אויף אַן אייזל, נאָר טאַקע ווי אַ לייב, וואָס שפּרייזט דורך ווייטע מדבריות, און אַזוי האָט ער זיך טאַקע צוגעקוקט און געלערנט. און בכלל האָט דאָך הלל געהאַט אַ טבע זיך פֿון דער נאָענט צוצוקוקן — הייסט עס דאָך וועגן שמאַי, אַז ער האָט דעם גר אַוועקגעשטויסן מיטן איילמאָס אין דער האַנט. דהיינו ער האָט אים געהאַלטן פֿון דער ווייטנס. קומט אויס, אַז מען דאַרף זיך צוקוקן און לערנען וואָס זענען עס עפּעס די בבליים, די אַפֿריקער און אַלע שבעים אומות, און מען דאַרף צו זיי

פון דער נאָנט זיך צוקוקן, און וואָס מען זעט דאַרף מען אויך ווייזן און באַשרייבן.

מיר וועלן פאַרענדיקן לאמור: אויב דער משל וועגן וויטן וואָס דאַרף זיין נאָנט מיינט: תורה היא ולימוד היא צריכה, מיינט דער נמשל וועגן עקזאָטישן, וואָס דאַרף וערן היימיש: ליטעראַטור היא ובאַשרייבונג היא צריכה.

ירושלים, ה׳ חשון תשל״א

סאַקאַבולאַ

1

מיט איר זיבניעריק ברודערל עמוס ביי דער זייט האָט זיך סאַקאַבולאַ, כאָטש אַ שוואַנגערע, געטראָגן מיט אַ לייכט־שפּרינ־גענדיקן גאַנג איבער בערג, טאָלן, קאַפּער־קאָרן־פעלדער, וואָס זענען שטיל געלעגן אונטער אַ ברייטן מיט שטערן צעפינקלטן הימל. דער צעברעקלטער אָפּהילך פון פייף און סאָפּען פון אַוועקציענדיקן באַן איז שוין לאַנג פאַרזונקען אין הימל, וואָס האָט מיט פייערדיקע אויגן איבער זייערע קעפּ, זיי באַגלייט אויפן וועג אַהיים, צום קראַאַל (וווין־אָרט פון די שוואַרצע אַפריקער), ווו ס'וווינט איר משפחה, די מקומאַסיס, ווו דער אובאַבאַ (טאַטע) האָט איר אויסגעבויט אַ קאַיאַ (אַ שטיבל).

סאַקאַבולאַ איז דאָרט אַזוי גליקלעך, ווען בענעט איז אין דער היים. איצט איז ער ווידער אַוועק אין שטאָט צו דער אַרבעט. אַ וואָך וועט פאַרביי ביז זי וועט ווידער ווי אַלע מאָל קריגן פון אים אַ פּעקל מיט גוטסקייטן און אַ בריוו מיט ליבעס־ווערטער, וואָס פאַרשעמען זי אָפּט און זי קען דעריבער נישט ווייזן איר טאַטן זיינע בריוו ווי ער פאַרלאַנגט עס...

די ווייסע באַאַמטע אויף דער סטאַציע קענען זי שוין, אַ פּעקל אַדרעסירט צו איר גיבן זיי אָפּ נישט פאַרלאַנגענדיק, ווי ס'פּאָדערט זיך, איר פּאַס.

דער קליינער עמוס האָט נאָכגעהאַלטן איר גיכן טראָט און כסדר איבערגעריסן איר טראַכטן מיט פראַגן:

— פאַרוואָס האָט אָנקל בענעט דיך געקושט אין די באַקן און אין בויך?

— אָ האָ! — האָט סאַקאַבולאַ אונטערגעטאַנצט מיט אַ צעזונגענעם געלעכטער — דאָס האָט ער געקושט זיין דינגאַן, ווילסט פילן? נאַ. — זי האָט זיין הענטל אַרומגעפּירט אַרום איר בויך, — אָט דאָ — אַ ווייסקייט האָט פון גליק אַ שפּראָץ געטאָן פון איר מויל ציינער — באַלד וועסטו עפּעס פילן.

עמוס האָט גלייך „דערפּילט" אַ קיצל־שטויס אין זיין הענטלפלאַך.

— כי־כי־כי, — האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט און אונטערשפּרינגענדיק געפרעגט: — וואָס האָסטו?

— אַ פּיקאַנין (יינגל־קינד), דינגאַן.

— ווער איז דינגאַן?

— דינגאַן איז געווען אַ ריזיקער שטאַרקער זולו. ער האָט געקעמפּט פאַר די זולוס קעגן די בורן (ווייסע אַפריקאַנער), וואָס זענען געווען שטאַרקער פון זיי און אים מיט אַלע זולוס באַזיגט, זינט דאַן האָבן די מלונגוס (ווייסע) אַ יום טוב „דינגאַנס דעי".

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— בענעט לערנט מיך.

— וואָס איז דאָס וואָס שיינט אַזוי אויבן?

— דאָס איז דער הימל מיט די שטערן, יעדער מענטש האָט דאָרט זיין שטערן.

— איך אויך?

— אַוודאי.

— און כאַטעבי?

— ניין, כאַטעבי איז אַ הינטל. נאָר מענטשן האָב איך דיר געזאָגט.

— און דינגאַן?

— יאָ.

— ער קען דאָך נאָך נישט גיין?

— אַפּילו, די נאָך נישט געבוירענע האָבן אויך זייערע שטערן. זעסט דעם שטערן וואָס ציטערט און פּלעמלט העל? דאָס איז דיינגאַנס שטערן.

— פון וואַנען ווייסטו?

— בענעט האָט מיר געזאָגט.

— אָ, פאַר וואָס זשע איז אַזוי פינצטער?

— ווייל די לבנה איז נישטאָ.

— וואָס איז לבנה?

— פרעג דייך הינטל כאַטעבי, ער בילט צו איר.

— אָבער רעדן קאָן דאָך כאַטעבי נישט: זאָג, סאַקאַבולאַ, וואָס איז לבנה?

— וואָס איז זון, ווייסטו?

— אַוודאי — האָט עמוס גיך געענטפערט. — די זון איז דאָס פייער, פון אויבן, וואָס כ'קאָן נאָר זען דורך דער געלער פלאַש און ווערט פאַרלאָשן ווען ס'רעגנט.

— אָט דאָס פייער, עמוסי, האָט אונדז אויף שוואַרץ פאַרברענט. די לבנה איז בעסער צו אונדז, זי איז ווייס און באַווייזט זיך אין אַ דין שנירעלע, וואָס ווערט ביסלעכווייז גרעסער און גרעסער, ביז אַ פול, ווייס, ליכטיק פנים. אַזוי וועלן מיר אויך, ביסלעכווייז ווערן מלונגוס. דייך הויט איז שוין העלער פונעם זיידנס.

— זי קאָן רעדן, די לבנה?

— יאָ, נאָר מיר קענען נישט הערן. די לבנה איז דער גן־עדן פון די אָבות, וואָס היטן אונדז ביינאַכט, די זון — איז דער גן־עדן פון די ווייסע.

— ס'איז אַזוי פינצטער! ווו איז די לבנה?

— היינט איז זי נישטאָ. זי לייכט נאָר אַ האַלבן חודש.

— פאַר וואָס איז זי אַזוי פויל און לייכט נאָר אַ האַלבן חודש?

— זי איז נישט פויל, די מענטשן זענען האַלב גוט און האַלב

שלעכט, און דערפאַר לויכט נאָר איר גוטע העלפט.

— אָ, און אַז די מענטשן װעלן שטענדיק גוט זײַן?

— װעט שטענדיק זײַן ליכטיק...

— פון װאַנען װײסטו דאָס אַלץ?

— בענעט זאָגט מיר.

— אָ, אָ, פאַר װאָס פאַרט אָנקל בענעט שטענדיק אַװעק?

— װײל ער אַרבעט אין שטאָט.

— איז ער אַ זולו?

— אודאי.

— טאָ פאַרװאָס איז ער נישט מיטן טאַטן אױפן פעלד?

— װײל ער איז אױפגעװאַקסן אין שטאָט, אָבער געבױרן אין זולולאַנד. מאָרגן װעל איך דיר אָנװײזן. װײט נאָכן בלױען באַרג איז געװען דער קראַאַל פון די אוהאַמאַס! אַז דו װעסט גײן שטיל און מער נישט פרעגן קײן קשיות, װעל איך דיר אַלץ דערצײלן.

דער קלײנער עמוס האָט צוגעדריקט זײַן פּנימל צו איר האַנט װי אַ סימן אַז ער װעט שװײַגן, און בלױז שטיל זיך געבעטן:

— דערצײל, נאָר גײ נישט אַזױ גיך.

— מאַסיליבו איז געװען אַ קינד, קלענער פון דיר. ער האָט זיך געשפּילט מיט די הינער אין שטײג װען אַ גרױסער שטורעם איז אַרױס, און אַ בליץ איז אַרײַן אין דער הײזקע און זי פאַרברענט צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן, דרײַ ברידער און אַ שװעסטערל קלענער פון אים. דאָס דונערן האָט פאַרהילכט זײַערע געװאַלדן; ער געדענקט בלױז דעם פלאַם, װאָס האָט זיך געצױגן און אים געװאַרעמט. שכנים האָבן אים געפונען, גענומען צו זיך און זיך שטאַרק געפרײט מיטן אײנציק אָפּגעראַטעװעטן און אים אַ נאָמען געגעבן, דער אָפּגעראַטעװעטער (אוסינדילע). מען האָט געשריבן צו זײַן אָנקל, װאָס האָט געװױנט אין פערײניכינג װעגן דעם אומגליק. איז דער אָנקל געקומען, אים אַװעקגענומען צו זיך, געגעבן

צו עסן און שפּעטער אים געשיקט אין אַ שול און אים גערופן בענעט. שבת, ווען מ׳גייט נישט אין דער שול, פלעגט אים דער אָנקל נעמען צום יידס שאָפּ, צו קערן, רייניקן, דערלאַנגען וואָס, פּאַרפּאַקן אַ פּעקל, און דערפאַר האָט אים דער באָס נאָך אַ האַלבן טאָג געגעבן צוויי שילינג. בענעט האָט דעם גוטן יידן ליב גע־האַט. פרייליעכער זענען געווען די זונטיקס. מיט אַ קאַפּעליע פון נאָך פיר פלעגט ער זינגען אין די גאַסן, די אַנדערע האָבן געטאַנצט, געפּויקט, געצימבלט אין שטיקער בלעך און פּענעס זענען געפאַלן אין היטל אַרייַן פון אַלע זייטן. שוואַרצע, ווייסע, אַלע גיבן. אָפּט האָט אַ פינקל געטאָן אַ זילבערל, אַ טיקי, אַ סיקס־פּענס, אפילו אַ שילינג. שפּעטער האָט מען ביים אָנקל זיך צעטיילט מיטן געלט. די זונטיקס זענען געווען די גליקלעכסטע טעג בענעטס. נאָכן אָנקלס טויט, האָט דער ייד גענומען בענעטן צו דער אַר־בעט אין שאָפּ. דער אָנקל האָט שוין גוט געקענט די משוגעתן פון באָס און האָט שטענדיק גוטמוטיק צוגעשמייכלט מיט אַ „יעס, באָס", ווען נאָר ער האָט זיך אויף אים געבייזערט. בענעט דרייט זיך אָבער אַוועק אַ בייזער ווען דער באַלעבאָס שרייט אויף אים. דער אָנקל האָט אים געלערנט: אַ באָס איז שטענדיק גערעכט, אַז ער שרייט אויף דיר, שמייכל און זאָג „יעס, באָס", ווערט ער גוט און גיט אַמאָל אַ „רייז" (הוספה) און זאָגט: „יו אַר עי גוד באָי". בע־נעטן איז די תורה אין קאָפּ נישט געקראָכן, ער איז דערנאָך אַוועק פון שאָפּ אַרבעטן אין אַ מעבל־פאַבריק, און פון דאָרט אין אַן אייזן־גיסערייַ, ווו ער אַרבעט נאָך ביז היינט. ווייסטו, עמוס, אַז דאָס האַרטע אייזן איז פריער אַ רויט פייער־וואַסער וואָס רינט ווי דער „פּאָלאָסי"־טייך?

— פון וואַנען ווייסטו?

— גענוג געפרעגט, אָט איז דייַן היטל כאַבעטי, נעם אים און גיי שלאָפן.

— וועסט מיך ווידער מיטנעמען צו דער סטאַציע ? בענעט האָט געזאָגט אַז איך וועל גיין אין שול און דאָרט זיך אויסלערנען אַלץ וואָס ער דערציילט דיר.

— האַמבאַ לאַלאַ (גיי שלאָפן), ווינטש דעם טאַטן אַ רויִקע נאַכט.

2

אַ דערשלאָגענע, מיט מידע טריט מאַכט סאַקאַבולאַ דעם וועג שוין צום דריטן מאָל און קיין פעקל פון איר מאַן האָט זי נישט דערהאַלטן.

— ווי קען איך קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט ? עמוס שטייט שוין אַוודאי אויפן שפיץ עלפאַנטשטיין, דרייט מיטן רויטן צינגל, זוכט מיט די אויגן צי קום איך מיט אַ פעקל קיי־גומי און אַ שפּיל־טראַק, וואָס בענעט האָט אים צוגעזאָגט שיקן. דער טאַטע, די ברידער און שוועגערינס, וואָס זענען סיי ווי נישט צופרידן מיטן צוגעקומענעם שטאָטישן „טצאַצי״ (ווילן יונג), זיי וועלן שוין גאָר צעשרויפן די בייזע מיילער אויפן „טצאַצי״, וואָס האָט געלאָזן זיין שוואַנגער זולוּוויב אויף הפקר — אַזוי קייענדיק אַ גראָז טראַכט מאַרגאַ אויפן וועג צוריק פון דער באַן־סטאַציע וואָס ליגט 6 מייל פון קראַאַל.

שוין פון לאַנג פילט זי, ווי עס פערמענטירט אַ שנאה פון איר גאַנצער משפּחה צו איר, זיי געפעלט נישט וואָס ער האָט געביטן זיין שבט־נאָמען מאַסיליבו אוסינדילע אוהאַמאַ, אויפן שטאָטישן נאָמען בענעט און וואָס זיין ווייב סאַקאַבולאַ מקומאַסי באַשטייט ער, מען זאָל רופן מאַרגאַ, ער קומט צו גיין אויסגעפוצט אין קליי־דער פונקט ווי די ווייסע : מיט הוט און גלאַנציקע שיך, ברענגט די שטאָטישע בלעטער פול מיט ליגנס, און שמאָכטעס וואָס פאַר־

דרייען סאַקאַבולאַן דעם קאָפּ. דעם טאַטן וויל זי נישט געבן זיינע בריוו צו לייענען, ווייל ער שרייבט ווי ער רעדט: צאַרנדיקע רייד קעגן די מלונגוס (ווייסע), וואָס זויגן אונדזער שוויס פאַר אַ ביסל מיליפּאַפּ. מער קריגן די, וואָס אַרבעטן אין די אינדוסטריעס, אָבער אַ שיינער הונט איז אַלץ אַ הונט. אָט די „קלוגע" רייד זיינע האָבן זיי פיינט. ביי זיין לעצטן באַזוך דאָ, האָט ער זיך צערעדט וועגן שולן פאַר שוואַרצע קינדער וואָס איז באַגרענעצט צו אַ מינימום, און אַז דער טראַנספּאָרט פאַר שוואַרצע אַרבעטער איז אומדער־טרעגלעך. מען שטייט אָפּ שעהען אין אַ ריי נאָך אַן אויטאָבוס, און אַז וועגן מען קריגט זיך שוין אַריין איז דאָרט דערשטיקט צו ווערן פון ענגשאַפט. פון טערמינאַל הויבט זיך אָן דער „שפּאַציר" צו דער פאַבריק, מ'קומט אָן צו דער אַרבעט אַ טויטמידער, באַגריסט דיך ערשט דאָרט דעם אויפזעערס האַרי־אַפּ! אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס, פאַר דער אַרבעט און נאָך דער אַרבעט. מ'וואַרט, מ'גייט, כדי צו זיין 7 פרי ביי דער אַרבעט מוז מען אויפשטיין פיר פאַרטאָג אין סאַמע בעסטן שלאָף.

3

די ברידער און שוועגערינס פלעגן זיך ברוגזע אַוועקדרייען פון אים; דער טאַטע האָט אים געוואָרנט ער זאָל אויפהערן פּלוי־דערן און בלייבן דאָ, אין פעלד, ווי אַלע און נישט זיך אַרומשלאָנ־דערן צווישן די ווייסע אין שטאָט וועמען ער האָסט, סיי־ווי־סיי. אַ זולו איז פאַר זולולאַנד. אָט די רייד דעם טאַטנס פלעגן אים פאַרביטערן די פרייע טעג דאָ, פלעגט ער מיט אַ שווער האַרץ אַריינקומען אין הייזקע זי אַרומנעמען און זאָגן: דיין טאַטע פאַר־שטייט מיך נישט, איך ביז אַ זולו ווי ער, ווי דיינע ברידער, נאָר זיי לעבן און טראַכטן ווי זייערע עלטערן און עלטער־עלטערן, אָבער די שטאָט צווינגט דיך צו טראַכטן און צו זען אַנדערש. איך האָס

נישט די ווייסע, איך וויל אַרבעטן, שווער אַרבעטן אָבער איך וויל קריגן גענוג צום לעבן, און אויך אונדזערע קינדער זאָלן האָבן גענוג צו עסן, שולן, אַפילו אוניווערסיטעטן, נישט ווי ס׳איז געווען ביז איצט, דערפאַר בין איך ביי זיי אַ טצאַצי? זע, מאַרגאַ, אַז עס רעגנט און איך שטעל אויס מיין הוט, האַ? בלייבט בלויז דאָס שטיקל אָרט טרוקן. קענסט נישט פאַרשטעלן אַ רעגן אומעטום. פאַרשטייסט? מיר זענען דער רעגן, און מיר ווילן אויך אַז אונדזער זאַק זאָל פולער ווערן. אַ ליידיקער זאַק קאָן נישט שטיין...

צו עמוסן פלעגט ער זאָגן: אַך, וואָלט איך וועלן זיין 7 יאָר אַלט ווי דו, דו, קליינער, וועסט אויפוואַקסן זיך לערנען, זיין אַ סטו־דענט, ווערן דער לערער פון דיין טאַטן און אַנדערע, זיי דערציילן פון גאָטס קרוין־יצירה, דעם מענטש וואָס פליט צו די הימלען, וואָס שאַפט און געניסט און אַז מיר העלפן מיט אין שאַפן — דאַרפן מיר אויך זיין די געניסער.

נישט אַלץ האָט זי פאַרשטאַנען, נאָר געפילט די פרייד און די ערנסטקייט פון די ווערטער וואָס פאַלן פון זיין מויל, אַזוי ביז שפעט אין דער נאַכט, ווען ער פלעגט אַ מידער איינשלאָפן.

די שטעך־רייד וועגן די שטאָטישע „טצאַציס״, וואָס שיכורן און שפילן אין די שיבינס (טרינק־הייזער) מיט אויסגעלאַסענע ווײַ־בער, האָט מאַרגאַ אויסגעטייטשט קומט פון קנאה, ווייל נאָר זי האָט אַזעלכע שיינע האַלדז־בענדער, קאָלדרעס, אוירינגלעך, קרעלן, פאַרביקע קאָפּ־טיכלעך, גאָלדענע, גרינע און בלויע דראָט־רינגען אויף די אָרעמס און פיס, דאָס אַלץ שיקט און ברענגט איר בענעט, אַ גראַמאַפאָן וואָס זינגט און שפילט אַזוי לוסטיק, ווען מען לייגט אַריין דאָס שוואַרצע רונדל.

די שנאה פילט זי נאָך שטאַרקער זינט לעצטן קריסטמעס, ווען בענעט האָט איר געבראַכט אַ גאָלדן קעסטעלע מיט שאַכטלעך און פלעשלעך אייל פאַר די האָר, פאַרב פאַר די באַקן און ליפּן, אַ מאנזי

(וואַסער) וואָס שמעקט און אַ מוטי (מעדיצין) אַז דאָס קינד אין איר זאָל וואַקסן גרויס און געזונט. אַ יענע נאַכט וועט זי קיין מאָל נישט פאַרגעסן, בענעט האָט אַרומגענומען אַ מעסטער אַרום איר בויך, און זיך פון גליק צעטאַנצט און צעזונגען: אַ האַ, האַ! ער וואַקסט מיין דינגאַן!... און אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ.

אַ זאַטער, אַנגעטרונקען מיט זיסער ווייבלעכקייט איז בענעט געבליבן אין בעט ביז וויט אין טאָג אַריין. מיד פון ליבע־תענוג האָט ער געגלעט מאַרגאָס פולע בריסטן און איר איינגערוימט אין אויער: ווייסט מאַרגאַ, דו ביסט די שענסטע מפאַז (ווייב) אין דער גאַנצער וועלט, די הייסע טונקלקייט פון דיין לייב און אונדזער דינגאַן דאַרף מען היטן...

טראַכט ווייטער מאַרגאַ: אוסוגאַקאַ, די צווייטע ווייב פון מיין עלטסטן ברודער, ליגט מיט אים שוין 6 יאָר נאָך דער חתונה און האָט קיין קינדער נישט, זי איז איינע פון זיינע דריי ווייבער, איז מיאוס מיט אַ גוף פון אַ מילי־שטעקן און בריסטן ווי ניסלעך. מיין ברודער האָט זי גענומען אַן לאַבאָלאָ (נדן), די טאַטעס האָבן דאָס אָפּגעמאַכט ביי אַ טאָפּ קאָפּע־ביר, איז זי בייז און ביטער, נישט זי זינגט, נישט זי טאַנצט, אָדער לאַכט. טרינקט זי אַ ביסל ביר פאַלט זי אַוועק און וויינט. אויך דער טאַטע און איר מאַן, זענען בייז און צאָרנדיק. איצט, אַז כ׳וועל צוריקקומען אַן אַ פּעקל, וועל איך שוין האָבן וואָס צו הערן, וועגן די „טצאָציס״...

4

דער וועג צום קראַאַל איז וויט, זי וואָלט וועלן ער זאָל נאָך ווייטער ווערן, אָן אַ סוף וויט, זי זאָל צום קראַאַל קיין מאָל נישט דערגיין, ס׳איז איר הייס און שווער, די פון היץ צעדראָלעטע לופט ציטערט איר פאַר די אויגן און וויגט איין די ערד אין אַ מידן

דרימל. די שפּעט־טאָגיקע ליכטיקייט בלענדט מיט אַ בריאיקן גלי, זי בעט גאָט ער זאָל אַ ביסל פאַרטונקלען דעם הימל, אויסלעשן די פייער־רינגען וואָס הענגען איבערן גלאָקן־באַרג, אַ סימן פון אַ לאַנגן, הייסן טאָג. אַלץ וואָס איר אויג פאַרנעמט איז ווי פאַרגליווערט, די בוימער, דער געל־פאַרברענטער בוש, די הויכע גראָזן, אַפילו די קראָליקעס און שלאַנגען ליגן אין די נאָרעס. אַלץ איז איינגעשלע־פערט אין שיכרות פון אַפריקאַנער זונען־בלענד, צונויפגעשמאָלצן אין איין טויטער רויקייט. איר צעפּלאָמטער מוח איז וואַך און איר האַרץ איז פול מיט האָפענונג פון דעם נייעם לעבן וואָס צאַפּלט אין איר, אָבער אויך פול מיט מאַטערנדיקער שרעק, צי איז עפּעס געשען מיט אים ?... וואָס נעגטער זי קומט צו די זעקס פון שטרוי געפלאָכטענע הייזקעס, צום קראַאַל פון איר משפחה, מקומאָסיס, אַלץ מער וואַקסט אין איר די אומרויִקייט און פחד. די לאַסט פון איר שווער געמיט, און צעוואַקסענעם שוואַנגער־בויך פאַרלאַנגזאַ־מערן איר טראָט. מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט זי זיך צום „אומפאַלאָסי״־טייכל, זעצט זיך צו ביים ברעג און גליטשט אַריין די פיס ביז די קני אין וואַסער, שעפּט אָן מיט די הענט צום טרינקען און באַנעצט דאָס פּנים, די אָרעמס. אָן אָפּגעפרישטע ציט זי זיך אויס אויפן רוקן פאַרלייגט די הענט הינטערן קאָפּ און בלייבט ליגן מיט אָפענע אויגן קוקן אויף די לאַנגע גרינע צעפּ, וואָס ציען זיך פון די ווערבע־צווייגן אין וואַסער. זי פילט ווי דאָס וואַסער ווערט קילער, די צעפּ טונקעלער, אַ צווייגל וועקט זיך אויף פון דרימל מיט אַ שאָקל, אַ פויגל פליט אין נעסט אַריין מיט אַ טשירי־טשירי, די בלענדעניש הויבט זיך אָן לעשן פון מזרח, דער קאַפּער־בוים אָן בלעטער, האָט אָנגעהויבן צו וויגן די קנופּן־שטענגעלעך, בלוט־רויטע בלומען־פינגער.

זי האָט געהערט דעם טשיפּס פון די מאַמבאָס (אַ שבט פון שלעכטע מענטשן) קול:

— זין פון מיין שבט! האָט איר געהערט דעם ווינט וויינען ביינאַכט?

— יאָ! טשיף אונדזוערער, — האָבן אַלע פאַרזאַמלטע צוריקגע־דונערט מיט פּחד.

— דאָס זענען געווען מיינע אָבות. זיי האָבן מיר געלאָזט וויסן, אַז די שיינע קעניגין פון גרויסן קראַאַל, געהער מיר פאַר אַ ווייב. שיק אַרויס די שטאַרקסטע, מוטיקסטע פון דיין שבט, זי צו פאַנגען.

דער המון־געמורמל האָט זיך אין כוואַליעס אויסגעמישט מיט דעם טאַם־טאַם (פּויקן) געברום. דער טשיף אַנגעטאָן אין זיין קאַראַס־טראַכט (פעלן פון חיות) האָט געפאָכעט מיטן שטעקן־סצעפּטער אין דער לופטן, ביז אַ מחנה מענער האָט זיך אַרויסגעשיילט פונעם המון און זיך דערנענטערט צו אים. דער גאַנצער עולם האָט אָנגעהויבן זינגען און טופען מיט די פיס צום ריטם פון די פּויקן, וואָס אַמאָל שטאַרקער, העכער, ביז צו אַן עקסטאַז, אַז די ערד האָט געציטערט.

אויף אַ צייכן פון דעם טשיף האָבן זיך די מענער אָפּגעריסן פונעם אָרט און ווי אַ ווירבל־ווינט זיך געלאָזט איבער די בוש־פעלדער. מיט די בלאַנקענדיקע אַסאַגאַיס (שפּיזן) אין די הענט זענען זיי ווי יונגע הירשן געשפּרונגען אויפן שטויביקן שליאַך אויס־צופירן דעם טשיפס געבאָט.

די שלאַכט האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. די מאַמבאַס האָבן געפאַנגען די שיינע קעניגין און זי געפירט צום קראַאַל.

פאַזע אַ טייכל, האָט די פאַרשמאַכטע קעניגין געבעטן מ׳זאָל איר דערלויבן טרינקען אַ ביסל וואַסער און באַנעצן די פיס. ביים טייכל איז געשטאַנען אַ בוים. פּלוצים, האָט זיך דער בוים געעפנט און זי איינגעשלונגען. די שיינע קעניגין איז געראַטעוועט געוואָרן.

די מאַמבאַס האָבן געזען, ווי פון בוים ווערן נעלם די בלעטער און אויף די נאַקעטע צווייגן קומען אַרויס רויטע פינגער־בלומען...

די מאַמבאַס איז באַפאַלן אַן אימה. זיי האָבן זיך מוראדיק צעיאָמערט און אויפגעוועקט מאַרגאַ פון הינער־פלעט...

דער געוואָי פון די שאַקאַלן, דער שאַרף פון נאַכטיקער־שטיל־קייט, די פינצטערניש און פרעמדקייט פון דעם אָרט האָט זי געשראָקן.

מאַרגאַ זעצט זיך אויף, קוקט זיך אַרום און דערפילט אַזאַ איינזאַמען, אינזיכיקן עלנט. זי וואָלט וועלן אַרויסשפּרינגען פון זיך אַליין, אַ געשריי טאָן, אַז אַלץ אַרום זאָל זיך צעוויגן אין אַ שטורעם: אָדער ניין, אפשר פאַרקערט, אויב ס׳איז אמת, וואָס זיי אין קראַאַל זאָגן, איז בעסער בלייבן דאָ ליגן, און ווערן אַ שטיק שטיין. ווי בענעט האָט מיר דערציילט ווי ס׳האָט פּאַסירט אין כינע. ער האָט דאָס געלייענט אין אַ בוך און מיר געוויזן אַ בילד. אַ ווייב פון אַ פישער־מאַן מיט אַ קינד אין אָרעם פלעגט יעדן פאַרנאַכט אַרויפגיין אויף אַ בערגל מיט אַן אויסקוק צום ים און דאָרט אָפּוואַרטן איר מאַן וואָס איז געקומען מיט זיין פאַנג. איין אָוונט איז איר מאַן נישט געקומען, איז די פרוי געבליבן אויפן בערגל מיטן קינד אין אָרעם. דער פישערמאַן איז מער קיינמאָל נישט צוריקגעקומען און די פרוי איז קיינמאָל פון באַרג נישט אַרונטער!...

היינט פאָרן מענטשן קוקן אויף דעם בערגל וווּ ס׳שטייט אַ פרוי מיט אַ קינד אין אָרעם פון שטיין...

דער צאַפּל פון אַ ניי לעבן אין איר. דער „ליבעס־בריוו" (צוזאַמענגעהאָפטענע קרעלן פון אַ ספּעציעלן קאָליר און פאָרם, וואָס אַ זולומיידל באַקומט פון חתןביים פאַרקנסט־ווערן און טראָגט עס שטענדיק אויפן האַלדז) האָט זי געטרייסט און דער־מאָנט אין איר ערשטער באַגעגעניש מיט אוסינדילע בענעט אוהאַ־

מאַ, ווען ער האָט איר געגעבן דעם „ליבעס־בריוו" און דער־ציילט ווען און ווי אַזוי זי האָט זיין האַרץ פאַרכישופט:

געשען איז דאָס אויף טאַבאַזוטוס חתונה. די בחורים האָבן פאַרן חתנס הויז פאַרטריבן די „דעמאָנס", געשניטן די לופט מיט די „אסעגאַיס" (שפּיזן) וואָס האָבן אָפּגעבליצט מיט פייער, די „טאָמטאָמס" (פּויקן) האָבן געזעצט, מוסקולירטע פיס האָבן גע־טאַנצט, געטופּעט אין דער ברענענדיקער זון אַזש די קאַיאַס (הייזקעס), די גאַנצע ערד האָט געציטערט, דאַן זענען די מיידלעך אַרויס אין טאַנץ כמעט נאַקעטע אַנטקעגן דער כלה. אין דעם ווירבל פון מיידל־טאַנץ האָב איך געזען איינע מיט רונדע, שטייפע בריסט, וואָס האָט זיך באַוויגן, ווייך און בויגיק ווי אַ קאָבראַ (שלאַנג), מיין מוח און לייב איז ווי פייער הייס געוואָרן, דאָס בלוט האָט מיך געהויבן פון אָרט, און כ'האָב אָנגעהויבן טאַנצן מיט איר. אָט די „קאָבראַ" ביסטו געווען... געקומען בין איך נאָר צו דער חתונה, און פאַרבליבן בין איך פיר וואָכן, אַזוי לאַנג האָט געדויערט דאָס דינגען זיך מיט דיין טאַטן ביז ער האָט איינגע־שטימט אויף „לאַבאָלאַ" (נדן) 15 אָקסן און 50 פונט מזומנים.

אונדזער חתונה איז נישט געווען אַזאַ פריילעכע ווי טאַבאַזו־טוס, דער טאַטע איז ווי שטענדיק צעקריגט מיט אַ טייל שכנים, דער טשיף (ראש) איז נישט געקומען. אַ ברוגזער, איז דער טאַטע אַוועק, אָנגעטרונקען זיך מיט קאַפער־ביר, און די ברידער און שוועגערינס איז דער שידוך אין גאַנצן נישט געפעלן. אָבער ער, מאַסיליבו אוסינדוליע בעטשט איז אַזוי ליב און גוט.. מאַ־סיליבו!!!

דער עכאָ פון איר אייגענעם אויסגעשריי האָט זי אויפגעוועקט ווי פון אַ חלום, זי האָט געעפנט די אויגן און פאַר אַ ווייל נישט געוווּסט ווו זי געפינט זיך. די בוימער זענען איינגעהילט אין אַ גע־דיכטער טונקלקייט, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער ערד, אויפן

הימל שפּילט זיך אַ העל־רויטלעכער אָפּשײַן אויף אַ וואָלקן וואָס פֿאַרשטעלט אַן אַרויסשווימענדיקע לבנה. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אײַנגעהילט אין דער קאָלדרע און זיך געלאָזט צום קראַאַל מיט אַ געלויף. די לבנה האָט דורכגעשניטן דעם וואָלקן און זיך אַרויסגעגליטשט — אַ רונדער, ליכטיקער טעלער. מאַסיליבוס פּנים האָט זי געזען אין דער לבנה, זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשפּרייט די הענט מיט געבעט צו אים און נישט געפֿילט ווי די קאָלדרע לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ וויכן פֿאַל אויף דער ערד. נאַכטיקע זילבער־צונגען גלעטן דאָס בראָנז, יונג־מאַמעש לײַב. אַ נאַקעטע, פֿאַרקוקט אין זײַן פּנים... שטייט זי, האַלט דעם „ליבעס־בריוו" פֿלאַך איןביידע הענט פֿאַרלייגט איבערן האַרצן ווי אין אַ תּפֿילה: — ווען קומען אונדז היטן? זע ווי דינגאָן וואַקסט!...

אַ וואָלקן, ווי אַ פֿלושענער פֿורהאַנג האָט פֿאַרצויגן דעם „זילבער־טעלער", אַ מילד ווינטל האָט דורכגעכוואַליעט איר גוף, און אַ בראָנזענע שײַן האָט מאָט אָפּגעגלאַנצט. זי האָט דערפֿילט אַ קילקייט אין אַלע גלידער, פֿאַרזיכערט די קאָלדרע אַרום אירע לענדן און מיט אַ לייכטן געמיט און איילי̇קן טראָט זיך דערנעענטערט צום קראַאַל, ווו דער שאַקאַלן־געוויין האָט געעכאָט אין דער נאַכט מיט אַן אומעטיקן נאָכקלאַנג.

עמוס האָט זי דער ערשטער דערזען, און אַרויסגעקלונגען זײַן שטאָפּעטן־פֿראַגע: האָ! הו! סאַקאַבולאָ?!! און ווען דער ענטפֿער איז געקומען האָ! הו! האָט ער זיך געלאָזט לויפֿן אַנטקעגן. כאָטש אַנטוישט וואָס מאַרגאָ האָט גאָרנישט געהאַט אים צו געבן, האָט ער אַן אַ וואָרט זי אַנגענומען פֿאַר דער האַנט און זי געפֿירט צו איר הייזקע פֿאַרביי דער משפּחה, וואָס האָט זי באַגלייט מיט שטעכיקע בליקן.

מאַרגאָ האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן בעט, עמוס האָט זיך געפּאַרעט אַרום איר, דערלאַנגט אַ זון־געטריקנטע מילי, קעז און וואַסער.

מאַרגאָ האָט אים אָפּגעדאַנקט מיט האַלדזן און קושן, אַריינגעקוקט אין זײַנע גרויסע אויגן וואָס פֿרעגן שטום אַ סך פֿראַגן, זי האָט אים אויך אויף שטום־לשון מיט אַ האַנטבאַוועג געענטפֿערט: גאָר־נישט היינט, גאָרנישט... ווען דער קראַאַל האָט אין שפּעט נאָכטי־קער שטילקייט גערוט און דער שאָרך פֿון ליבע האָט זיך שוין לאַנג געהאַט איינגעשטילט, איז מאַרגאָ פֿון בעט אַראָפּ, געבליבן שטיין ביי דער אָפֿענער טיר, זיך געקוויקט מיט פֿרישער, קילער לופֿט.

אַ פּאָס לבֿנה־ליכט האָט זיך צעשפּילט מיט די קאָלירטע קאָפּ־טיכלעך וואָס זענען געלעגן אויפֿן פּילפּאַרביקן קאָסטן־קאָמאָד. זי האָט באַשלאָסן מאָרגן גיין צום אינדיאַנערס שאָפּ און איינס אויסבייטן אויף קייגומי פֿאַר עמוסן.

די אוהאַמאַס

ווען די ערד אין גאַנץ „טראַנסוואַאַל״ איז געלעגן אַ ברוין־צעשפאָלטענע פון דער טריקעניש, איז „זולולאַנד״ געווען גרין צעבליט פון אָפטן רעגנפאַל. פון אַ הויכפונקט האָט מען געקענט זען די פלאַנטאַציעס מיט די צעוואַקסענע „פלום־פעדערן״ (אַ מין פלאַקס, אַ סימן פון צייטיקייט) אויף די קעפ פון די צוקערשטעקנס, וואָס האָבן זיך געוויגט אין געמיניעט מיטן ווינט.

די רונדע קראַאַל־הייזקעס אין די „טאָלן פון טויזנט בערג״, האָבן ווייטער צו דרום־מזרח אויסגעזען, ווי שוואָמען אין אַ צעכוואַליעטן ים, פון רויט־צעבליטע „עללאַס־קאַנדעלאַברעס״ (אַ סעמי טראָפישע בלום, וואָס זעט אויס ווי אַ ליכט אין דאָרנדיקע בלעטער), פון פרוכט, גרינס און אַנדערע געוויקסן. די פילפאַרביקע רחבות האָט זיך אויסגעמישט מיט די ווייסע, ברוינע און געפלעקטע קי, שעפסן, ציגן, וואָס האָבן זיך רויִק געפאַשעט אונטער דער וואַך פון אַ „פיקאַנין״ (שוואַרץ קליין יינגל). אַ פייפל, קאָנצערטינע אָדער גיטאַר האָט ריטמיש באַגלייט אַ דריי־טענערדיקן ניגון פון לע, לע, לע, לע, לע, לע, לע, וואָס האָט האַרמאָניש אָפגעקלונגען מיט עכאָס אַרום.

דער אַלטער אוהאַמאַ איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון זיין הייזקע, זיך צוגעהערט צום באַקאַנטן ניגון, געזופט פון טעפל קאַווע, ווען דער הוסט האָט אים פריי געמאַכט דאָס מויל. מיט פאַרצויגענע אויגנאַפלען האָט ער געקוקט אויף דער פרימאָרגן־זון, וואָס איז נאָך געהאָנגען נאָענט צום האָריזאָנט און געברענט

ווי אין מיטן טאָג. אוהאַמאַ האָט באַקוקט זיין „פּאַרמעגן" — די דריי אַקער לאַנד מיט דער צעוואַקסענער שפּע דערויף. די קוקו־רוזעס, די זונבלומען מיט געדיכטע רייען שוואַרצע קערנער, ווי לאַכנדיקע פּנימער, קאַפּער־קאָרן, דיניעס, ריבלעך. פון די פרוכט־ביימער האָבן געוווּנקען צו אים מיט רויטע בעקלעך די פערשקעס, נעקטאַרינען, פלוימען, וואָס זענען געהאָנגען שווער אויף די צווייגן און געבויגן זיי צו דער ערד. נידעריקער צום טאָל, די פּאָר באַנאַנע־ביימלעך, און נאָך זיי דער דאָרנבוש, וואָס איז אויך דער פּאַרקאַן.

דאָס שטיקל לאַנד, ווו ס'וואַקסן די פרוכטן, האָט אוהאַמאַ איבער־גענומען פון די באַזוטוס מיטן הסכם פון דעם הויפּט, ווען ער איז אַהיימגעקומען מיט געלט פון „ראַנד־ליסעס" (אַ גאָלדמינע נישט ווייט פון יאָהאַנעסבורג) און מיט „טייסעס" (אַ לונגען־קראַנ־קייט). דער שפּיטאָל־דאָקטאָר האָט זיך מיט אים געזעגנט מיט אַ פריינדלעכן קלאַפּ אין פּלייצע. „וועסט נאָך לאַנג לעבן, אוהאַמאַ, און נאָך האָבן קינדער אויך, אויב דו וועסט בלייבן אין רעזערוו און נישט אַרבעטן שווער". יאָ, אַ גוטער מענטש דער ווייסער דאָקטאָר, און אַ קלוגער, נאָר וואָס ס'געפעלט אים נישט, איז וואָס ער עסט פיש. (ביי זולוסן זענען פיש שרצים). אוהאַמאַ איז שוין אַכצן יאָר אַוועק פון דער גאָלדמינע. ער אַרבעט אַביסל אין פעלד, גיט אַן עצה זיין איינציקן זון לעגאַקאַ, פון זיין שיינער אויס־דערווײלטער ווייב שיבעני. לעגאַקאַ איז גוט צו אים און צום פעלד. אַ געראָטענער און שיין ווי זיין מאַמע. ער גיט אַכטונג אויף אַלץ, און באַווייזט צו ספּראַווען זיך מיט אַלץ אַליין אָן אַ פרוי אין דערווירטשאַפט. ער ברענגט אָפט אַהיים אַ ציג, הינער, אַפילו אַ קעלבל, וואָס ער בייט אויס פּאַר גריגנס, אייער און קוקורוזעס. אַלץ וואָלט גוט געווען ווען נישט דער הוסט, וואָס פּאַרמאַטערט אים אָפט אין מיטן דער נאַכט ווען ס'איז שטיל, און ער קאָן הערן ווי לויזע סטרונעס צימבלען אין זיינע געדערים מיט אַ הייזע־

ריקן כאָרכלען, און רייסן אַרויס שפּריצן בלוט. נישט די רעצעפּטן, און נישט די פעלדוואָרצלען און קרייטעכצער וואָס דער כּישוף־דאָקטער גיט אים העלפן אים. אָ, ווען זי וואָלט געווען... זי וואָלט געהאָלפן. די רייצנדיקע שיבעני — איז אין אַ זונטיק געקומען צו דער מינע אין „קאָמפּאַונד" (אַ באַראַק, ווו עס לעבן די שוואַרצע מינען־אַרבעטער) און וויל דאָרט לאָזט מען קיין ווייבער נישט אַריין, זענען זיי געלעגן אין צימער ביי אַ קוזינע, וואָס האָט געדינט נישט ווייט. די איבעריקע צייט האָבן זיי פאַרבראַכט אין אַ באַנטו־רעסטאָראַן. געגעסן, געטרונקען צוזאַמען מיט אַנדערע מינען־אַרבעטער פון פאַרשידענע שבטים, וואָס האָבן אוהאַמאַן מקנא געווען מיט אַזאַ שיין שטיק ווייב, וואָס קומט אים באַזוכן. נאָך אײדער זיין פרייע צייט האָט זיך געענדיקט האָט זי געזאָגט, אַז זי קען נישט פאַרטראָגן דעם געשטאַנק און דעם רויך דאָ, און זי וויל זיך צוריקקערן צו דער קוזינע איז איז גרייט צו מאָרגנס אַהיים צו פאָרן מיט דער באַן. אַ צופרידענער פון דעם ביסל גליק האָט אוהאַמאַ מיט איר זיך געזעגנט, און מער נישט געהערט פון איר...

אויך איר פאָטער ווייסט נישט פון איר געביין. איר פאָטער האָט אַ לאַנגע צייט יעדע נאַכט אַרויסגעהאַנגען פלייש פאַר די גייסטער פון זיינע עלטערן, די אבות זאָלן קומען צו אים אין חלום און אים אַנזאָגן ווו די טאָכטער געפינט זיך. און אַז ער האָט נישט געהערט פון זיי, איז אַ סימן, אַז זיי זענען בייז אויף אים. דאַרף מען זיי איבערבעטן דורך שליסן אַ בונד מיט בלוט... האָט דער פאָטער אַריינגעטריפט בלוט פון אַ שעפּס, אויסגעמישט מיטן בלוט פון זיין אָרעם אין אַ טאָפּ קאַפער־ביר און דאָס אויסגעטרונקען. האָט דער בונד מיט די עלטערן אויך נישט געהאָלפן. לעבט די משפחה אַלע יאָרן אין שאַנד... און איך ?... „עך" האָט ער אַ שפּיי געטאָן... און זיך פאַרכלינעט אין הוסט.

איינע פון אוהאַמאַס דריי ווייבער, איז געווען שיבעניס אַן עלטערע שוועסטער. זי האָט אים קיין קינדער נישט געבוירן. האָט ער געלאָזט וויסן איר פאָטער, אַז ער קאָן זי צוריקנעמען, אָדער אויב ער וויל קאָן זי בלייבן נאָר פאַר הויזווירטשאַפט בלויז. אָבער די 8 „אָקסן", „לאָבאָלאָ" (נדן) מוז ער אים אומקערן, ווייל ער מוז קריגן אַן אַנדער ווייב, וואָס וועט אים געבוירן קינדער. האָט דער פאָטער צוריקגענומען די עלטערע טאָכטער פאַר זיין אייגענער ווירטשאַפט און איינגעשטימט צו נאָך צוויי אָקסן אַ צולייג, און אים געגעבן די יינגערע שיבעני. שיבעני... שענער פון אַלע ווייבער אין קראָאַל איז גלייך פאַרגאַנגען אין טראָגן און אַ יונג „לעגאַקאַ" געבוירן, שיין ווי די מאַמע. אוהאַמאַ האָט געדאַנקט די גוטע גייס־טער פון זיינע אבות וואָס וואַכן איבער זיין הויז. אָבער נישט לאַנג דערנאָך האָט אַ נישטגוטער אים אָנגעהויבן טאַטשען און שווער געמאַכט זיין האַרץ. זי האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אַז זי איז קראַנק. געגאַנגען צו כישוף־דאָקטוירים, געשלונגען פאַרשידענע קרייטעכ־צער, קאָלירטע וואַסערן, קראַנק... אַ צויג אַזאַ... ווען די אויסגע־פוצטע יונגען מיטן ווייסן באָס זענען מיט אַ געפּילדער אַהער געקומען פון שטאָט רעקרוטירן, מען זאָל זיך פאַרשרייבן צו דער אַרבעט אין די גאָלדמינען אין יאָהאַנעסבורג, און דערלאַנגט יעדן פינף פונט אויף דער האַנט, איז זי מיט אַ מאָל געזונט געוואָרן. געלאַכט מיט אַן אָפן מויל, זיך איבערגעקוקט מיט די יונגען, וואָס האָבן געררייצט מיט זייערע געקעסטלטע רעקלעך, קאָלירטע שניפּסן און גאָלדענע רינגען אויף די פינגער. זי אַליין האָט זיך אויסגע־פוצט אין קרעלן און מיט פעדערן באַצירט איר נאַקעטן גוף. געזונגען און געטאַנצט פון „מאַנינוואַנהאַ", וואָס באַזינגט דעם בייזן מכשף „אַמאַריבע". אירע הענט, פיס, פולע היפּטן און בוזעם האָבן געגלאַנצט אונטער דער הייסער זון מיט אַ בראָנזענעם רייץ און אויפגעקאָכט דאָס בלוט ביים ווייסן באָס, ווי אויך ביי די יונגען,

וואָס האָבן פֿאַר איר אַ נכפּה איינגענומען און געשריען מיט באַ־נומענע קולות: „הו! אַמאַראַוואַ! אַמאַראַוואַ!" („אַמאַראַוואַ" איז אַ מין לילית אין זולו־לעגענדעס).

זיין אייגענער פֿאַרגעניגן פֿון דעם האָט אים אַליין אויך פֿאַר־בלענדט און צעטומלט. ער האָט זיך אַליין געכאַפּט טופּען מיט די פֿיס און שרייען „אַמאַראַוואַ!!! אַמאַראַוואַ!!!" אַפֿילו שפּעטער, אין שטוב שוין, איז זי נאָך אַלץ געווען אין טראַנס — און מיט אַ גע־זאַנג אים צוגערעדט ער זאָל זיך אויך פֿאַרשרייבן: „זיי אַ מאַן, קלייב אָן געלט וועט זיין מיט וואָס צו קויפֿן זאַכן, פֿאַרריכטן די הייזקע, מער אָקסן, מער קינדער. ס'איז בלויז פֿאַר 3 יאָר... אַלע מענער פֿאַרשרייבן זיך..." נו, האָט ער זי געפֿאָלגט.

די אַנדערע צוויי ווייבער זענען איינע נאָך דער אַנדערער אַוועק אין הימל. זייערע עלף קינדער האָבן געאַרבעט אין די שטעט, און ער האָט זעלטן געהערט פֿון זיי. לעגאַקאַ, דער זון פֿון דער שיינער שיבעניך, פֿאַרשטעלט זיי אַלעמען... נאָר ווען לעגאַקאַ איז צו אים געקומען איין מאָל און געזאָגט, אַז ער וויל אויך פֿאָרן אין שטאָט, האָט דער אַלטער, אַ צאַרנדיקער אַרויסגעוואָרפֿן צווישן הוסטן צעברעקלטע רייד: „שטאָט?... זעסט וואָס איך האָב גע־בראַכט פֿון שטאָט? — פֿאַרזשאַווערטע לונגען — דריי יאָר אין שטאָט און צעלעכערטע לונגען אויף שטענדיק... שטטאָאָט", האָט ער שווער געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווייל דאָס רעדן איז אים נישט לייכט אָנגעקומען. לעגאַקאַ האָט אַרויסגעפֿירט דעם טאַטן אין דרויסן, אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטאָם. ווען ער האָט זיך באַ־רויִקט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם האָט ער ווייטער גערעדט: „מיין זון, דו בלייב דאָ, נדן פֿעלט דיר נישט, נעם דיר אַ שיין ווייב. איך גיב דיר אַוועק די פֿאַרם, ס'איז דיינס. האָב חתונה, גאָט איז באַרמהאַרציק צו אונדז, ער גיט רעגן, די ערד יערט מיט שפֿע, די קי און דיינע ווייבער וועלן געבערן. זעסט?" — האָט ער מיט

דער האַנט געפּירט אַ האַלבן קרייז האָריזאָנטאַל, ווי ער וואָלט אַנגעוויזן אויף אַ האַלבער וועלט, „אַט דאָס אַלץ איז דיינס".

לעגאַקאַ, טראַכטנדיק פון זיינע איבעריקע ברידער און שוועס־טער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם טאַטנס רייד און געפרעגט:

„פאַרוואָס טאַטע גיסטו דאָס אַלץ נאָר מיר?" „ווייל" — רייסט אים דער אַלטער איבער, ציט זיך אויס צו אַ יונגער הויך, קוקט דעם זון אין די אויגן און שאָקלט צו מיטן קאָפּ כדי אונטערצושטרייכן זיינע רייד — „ווייל דו האָסט אַמאַראַוואָס פּנים". אין לעגאַקאַס אויערן האָט דער פאַרגלייך פון זיין פּנים צו „אַמאַראַוואָס" גע־קלונגען קאָמיש. דעם טאַטנס אויסגעצויגנקייט, און זיין גערירט־קייט האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ געלעכטער, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. ביסלעכוויז האָט זיך זיין גאַנצער גוף צעטרייסלט, אַזש די פיס האָבן זיך איינגעבראָכן און ר'איז געבליבן ליגן אויף אַלע פיר און געלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? וואָס איז דאָ דאָ צו לאַכן?! פון טאַטן לאַכסטו. — איז אוהאַמאַס קול געשטיגן ביז צו אַ געיאָמער — דו הונט דו, איך וועל דיך... — און אים אַ זעץ געטאָן מיט אַ שטיק האָלץ, און אַליין אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד אין אַ ספּאַזם פון הוסטן און געוויין.

לעגאַקאַ האָט קיין מאָל נישט געזען זיין טאַטן וויינען. דאָס בילד פונעם טאַטן, ווי ער ליגט אויף דער ערד און וויינט, דער וואָרגעדיקער הוסט, וואָס מאַכט אים אַרויפברענגען לייכעץ מיט רויטע פלעקן, האָט אים דערשיטערט. ווילד פון חרטה, האָט ער אַ רייב געטאָן אַ האַנט אין אַ שאַרפן שטיין און זיך אַ וואָרף געטאָן פאַרן טאַטנס פּנים מיט צעריסענע פינגער.

— זאָל מיין בלוט פאַרסמט ווערן, טאַטע, איך זאָל נישט קענען ברענגען קיין יורשים אויף דער וועלט, ווי כ'האָב נישט געמיינט קיין בייז. איך בעט דיך טאַטע, זיי מיר מוחל, און ווייס:

כ'האָב נאָר געטראַכט פון מיינע ברידער און שוועסטער, צי האָב איך דיר ווען ס'איז ווי געטאָן? נו, וועל איך נישט פאָרן אין שטאָט, כ'וועל בלייבן דאָ ווי דו הייסט.

מיט אַ שטומען בליק נעמט אוהאַמאַ צו דעם זונס רייד, לאָזט אים אָפּווישן ס'רויט אַרום מויל און אים פירן אין שטוב אַריין. לעגאַקאַ האָט אים באַקוועם איינגעאָרדנט אין בעט, און געבליבן זיצן לעבן אים צופוסנס.

ליגנדיק אין בעט, איז אוהאַמאַן לייכטער געוואָרן, ער האָט געקוקט אויף לעגאַקאַן און שטיל, ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— דו ביסט שיין ווי דיין מאַמע, די „אַמאַראַוואַ״.

— אובאַבאַ, פאַר וואָס רופסטו די מאַמען אַמאַראַוואַ?

— ווייל — ענטפערט ער מיט אַ קילן שמייכל, — זי איז שיין און געראָטן?

— טאַטע, כאָטש האָסט קיין מאָל נישט גערעדט דערפון, ווייס איך אָבער וואָס זי האָט געטאָן צו דיר און צו מיר, ווען איך בין דאָך נאָך געווען אַ פּיצל קינד. אַז כ'וועל זי איין טאָג אויפזוכן, טאַטע, וועל איך זיך מיט איר אָפּרעכענען.

— אָ, ניין, ניין, מיין זון, דאָס נישט. איך בין איר מוחל. דיין מאַמע האָט מיר גליק געגעבן. — מיט די ווערטער האָט ער זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט, אויפן איינגעפאַלענעם פּנים האָט זיך צעשפּילט אַ שאָטן פון אַמאָליקן גליק. אוהאַמאַ האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיין אויסגעדאַרטן גוף, און געבליבן זיצן מיט ביידע הענט איינגעגראָבן אין זונס שעפּסענע האָר, און געזאָגט:

— מיין זון, איך וויל זאָלסט זיך נעמען אַ ווייב, נאָר פריער וויל איך זי זען, איך וויל היטן דיין גוטן מזל. אָט איז אַ שליסעלע צום קעסטל, וואָס אין קאַמאַד. נעם, עפן אויף, ס'איז דיינס.

לעגאַקאַ האָט געטאָן ווי דער טאַטע האָט באַפוילן, און צוערשט אַרויסגענומען אַ פאָטאָגראַפיע.

— איז דאָס ?...

— יאָ, ס'איז דיין מאַמע.

— ווי שיין זי איז מיין מאַמע.

— ווי די אַמאַראַווע. — האָט דער אַלטער צוגעגעבן און פאַרענדיקט שטיל פֿאַר זיך — אַ זשאַבעס כלה (אַ פֿרוי וואָס האָט חתונה קעגן איר ווילן).

— אובאַבאַ, טאַטע, ווען איך קריג אַזאַ מפאַז (ווייב) וואָלט איך היינט חתונה געהאַט.

— וועסט קריגן, קריגן, און אַ בעסערע אויך.

— און דאָס וואָס איז ? — ווייזט ער אַ הירשל פֿון העלפֿאַנט־ביין.

— דאָס האָט דיין מאַמע אויסגעשניצט מיט אירע הענט.

— און די מטבעות ?

— די גרויסע האָט מיין טאַטע גערופֿן : „ריקסדאָלאַר" (אַן אַלטע האָלענדישע מטבע), דער הויפּט האָט דאָס געגעבן מיין זיידן ווי אַן אויסצייכענונג פֿאַר העלדישקייט און יאַגד אויף לייבן. די גאָלדענע זענען „קרוגערס", אַלץ, מיין זון, איז דיינס. באַהאַלט און היט דאָס ווי איך האָב דאָס אָפּגעהיטן.

— איך דאַנק דיר מיין גוטער פֿאָטער — האָט לעגאַקאַ געזאָגט, פֿאַרשלאָסן דאָס קעסטעלע און זיך גענומען צוגרייטן דעם אָוונט־מאָלצייט.

ווען דאָס עסן איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט לעגאַקאַ אויסגעשפּרייט אַ ראָגאָזשע אויפֿן ערדיקן דיל, אַוועקגעשטעלט די שיסל דערויף, נאָכן וואַשן זיך די הענט האָבן ביידע זיך געזעצט אויף דער ערד מיט די פֿיס אויסגעצויגן פֿאַר זיך. דער אַלטער האָט מיט ציטערנדיקע פֿינגער אויסגעוויקלט אַ קייקעלע „מילי־פּאַפּ", אַן חשק אַריינגעלייגט אין מויל און גלייך געבעטן דעם זון, ער זאָל אים באַלד איינאָרדענען, ער וויל שלאָפֿן. לעגאַקאַ איז גע־

בליבן זיצן, געוויקלט און געשלונגען די קייקעלעך באַנעצט אין ראָסל־פּעטס, און זיך צוגעהערט צום טאַטנס שווערן אָטעמען, שטיל אַוועקגערוימט, וואָס איז געבליבן אין שיסל, און אַרויס אין דרויסן. לעגאַקאַ האָט לאַנג געקוקט אויף די רויט־קופּערנע פּאַסן, וואָס די זון האָט געלאָזן אויפן האָריזאָנט, ביז דער גאַנצער הימל איז געוואָרן איין שוואַרץ־בלוילעכע טיפקייט מיט פינקלדיקע אויגן. ער איז געבליבן אין דרויסן די גרעסטע טייל נאַכט און נאָכגעטראַכט פון אַלץ, וואָס איז היינט געשען צווישן אים און זיין פאָטער. — ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין דער פרי צום מפונדיס (רעוורענד) זיך מתוודה זיין, און בעטן ער זאָל אים געפינען אַ ווייב אַזוי שיין ווי זיין מאַמע. אַן „אַמאַראַוואַ״. אַ צופרידענער איז ער איינגעשלאָפן.

צו מאָרגנס, כאָטש מיד, אַ נישט אויסגעשלאָפענער, איז לעגאַקאַ אויפגעשטאַנען באַגינען, צוגעגרייט זיין שבת־טראַכט, די לעמפּערט־פּעל, פּעדערן־הוט, קרעלן, אסאנאַי (אַ שפּיז) און שילד. אַלץ געטאָן אויף די שפּיץ־פינגער, כדי נישט אויפצוּוועקן דעם טאַטן, וואָס איז געשלאָפן ווי שטענדיק מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ. ביין, ער וועט אים נישט וועקן ביז די קאַווע וועט זיין אויפגעקאָכט, און ער וועט פאַרטיק זיין צום גיין.

אַריינגיסנדיק שפּעטער די קאַווע אין טאַטנס טעפּל, האָט ער אַ פריילעכער אויסגערופן:

— אובאַבאַ! אָט איז קאַווע, איך גיי צום רעוורענד ער זאָל מיר אויסזוכן אַ ווייב ווי די מאַמע. האַ, הו, טאַטע — האָט ער מיטן טעפּל קאַווע אין דער האַנט איבערגעחזרט די ווערטער פאַר אים. אַ קעלט איז דורך זיין לייב פון דעם אויסגעצויגענעם שטיקרויִקייט, וואָס איז געלעגן צוגעדעקט אויפן שטרויענעם געלעגער. ער האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעצויגן די קאָלדרע. צווי אָפן פאַרגלעזטע אויגן האָבן געקוקט אויף אים... ס׳איז געווען אַזוי שטיל,

ווי דער גאַנצער קראַאַל וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. „אובאַבאַ, מייך טאַטע, מייך טאַטע!!!” איז ער געפאַלן איבערן טויטן, און דורך דער אויפגעפּראַלטער טיר גערופן די שכנים, זיי זאָלן קומען זען ווי דער טאַטע גייט אין הימל אַריין.

גלייך נאָכן אָלטן אוהאַמאַס טויט האָט מען לעגאַקאַן, דעם איינציקן זון פון דער שיינער ווייב שיבעני, אָנגעהויבן שדכענען די שענסטע מיידלעך פון זולולאַנד. דער חתן־בחור האָט לאַנג גע־קליבן און לסוף גענומען אַ ווייב פון „נאַנגאַמע”. כאָטש נאָך אַ ציג — פון 15 יאָר, אָבער שיין ווי זיין מאַמע.

2

לעגאַקאַס חתונה וועט זולולאַנד לאַנג געדענקען. דאָס פויקן, זינגען און טאַנצן פון די הונדערטער געסט האָט צוריקגעקלונגען מיט עכאָס פון די בערג אַרום, צעטרייסלט די ערד, וואָס האָט זיך געהויבן מיט וואָלקנס שטויב. זיסקייטן, ביר און פלייש, האָבן די געסט אַהיימגענומען נאָך דער חתונה וואָס האָט געדויערט דריי טעג. ווען די לעצטע געסט זענען אַוועק, און לעגאַקאַ איז געבליבן אין דרויסן אַליין מיט זיין יונגער זוטאַסעלי, האָט ער לאַנג נישט געפונען קיין ווערטער און אָנשטאָט רייד, איז פון זיין מויל געפלאָסן געלעכטער. דאָס יונגע פּאָרל האָט געקוקט און געלאַכט איינער צום אַנדערן, לאַנגזאַם זיך דערנענטערט ביז נאָז צו נאָז. זוטאַ־סעליס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן פון זיין הייסן אָטעם — — דאָס לעצטע ביסל קופּער אויפן פאַרנאַכטיקן הימל איז אויסגעגאַנגען. אין שטוב איז געווען טונקל, נאָר פון שטרויענעם חתונה־געלעגער האָט געשימערט וואַרעמע פרייד, לעגאַקאַ האָט זי אויפגעהויבן, ווי מ׳הויבט אויף אַ יונג שעפּסל, זי אַוועקגעלייגט אויף דעם געלעגער, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעמישט מיט דער נאַכ־טיקער טונקלקייט און זיי ביידן איינגעהילט...

אַ גליקלעכער האָט לעגאַקאַ געאַרבעט, געדאַנקט גאָט וואָס זיין ווייב איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, און אָנגעהויבן צוגרייטן זיין באַלעבאַטישקייט פאַר אַ גרויסער משפּחה. ווען דער ערשטער זון איז געבוירן געוואָרן, האָבן זיך געסט פון דער גאַנצער געגנט ממש געבאָדן אין קאָפּער־ביר דעם גאַנצן טאָג, ביז אין מיטן דער נאַכט.

ווען זוטאָסעלי, זיין צוואָנציק־יאָריקע ווייב, וואָס איז נאָך ווייב־לעכער און נאָך שענער געוואָרן האָט אים אַ פערטן זון געבוירן, איז ער פאַר פרייד צוגעפאַלן צום שפּיציקן שטיין, אויף וועלכן ער האָט זיינע פינגער צעריסן פאַרן פאַטערס ליידן — דעם שטיין געקושט, און גאָט געבעטן פאַרן טאַטנס נשמה, וואָס האָט אים גע־בענטשט און צוגעזאָגט, צו היטן זיין גוטן מזל.

— אובאַבאַ — האָט ער גערעדט צום שטיין ווי ער וואָלט גערעדט צום טאַטן — דעם זון וועלן מיר אַ נאָמען געבן נאָכן אַלטן טשיף, וואָס האָט אויסגעצייכנט דעם זיידן פאַר העלדישקייט; מאַסיליבו!!! מאַסיליבו! — איז ער ווי אַ יינגל געלאָפן שפּרינ־גענדיק און געשריגן, ביז אַלע אין שטוב האָבן פאַרשטאַנען און איבערגעחזרט דורך טיר און פענצטער: מאַסיליבו! מאַסיליבו!

מיטן פינפטן קינד, אַ מיידל, האָט מען זיך אויך משמח געווען. די שכנים און געסט האָבן לעגאַקאַן פאַרזיכערט אַז אויב זי וועט זיין אַזוי שיין ווי די מאַמע, וועט זי אים ברענגען פופציק אָקסן „לאַ־באָלאַ".

זאַטע, מיט דער פרייד פון אַרבעט און גליק איז די משפּחה גע־וואַקסן, צוזאַמען מיט די ציגן, שעפּסן, קי און הינער. דער קליינער מאַסיליבו האָט ליב געהאַט צו זיין מיט די הינער אין שטייג, אָדער רייטן אויף אַ האָן און שרייען „איהאָש אוהאָמבאַ" (פערדל לויף). נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז אַ האָן האָט אים אַראָפּגעשלידערט, אַנטלאָפן מיט אַ געפילדער, האָט די מאַמע אַריינגעטראָגן מאַסיליבון

מיט אַ צעדראַפּעטן פּנים אין שטוב אַריין. די עלטערע ייִנגלעך האָבן שוין געהאַלפן דעם טאַטן אין פעלד.

בעת אַ רעגן, זענען אַלע געלאָפן אין שטוב אַריין זיך שיצן. דער קלײנער מאַסיליבו פלעגט צוזאַמען מיט די הינער זיך באַהאַלטן אין הינערשטייג, וואָס האָט געהאַט אַ בלעכענעם דאַך. מאַסיליבו האָט ליב געהאַט די רעגנצייט. ווינטער פלעגט ער בעטן די מאַמע: „מאַך אַ רעגן, זאָל רעגענען, די הינער און מיר איז אומעטיק".

— ס'וועט רעגענען, ס'וועט רעגענען, איך וועל מאַכן אַ רעגן — פלעגט אים די מאַמע באַרויִקן און זינגען אַ לידל פון אַ רעגן מיט אַ שטורעם צופּאַטשענדיק מיט די הענט. — אָבער פאַר וואָס ווילסטו און די הינער שטענדיק רעגן?

— ווייל ווען עס רעגנט... — רעדט דער קלײנער גיך, און וואַרפט מיטן גלאַנציקן רויטן צינגעלע, און באַווייזט דער מאַמען אַ צעשמייכלטער, ווי ער מיט די הינער לויפן אין שטייג, ווי ער פאַרמאַכט דאָס טירל הינטער זיך, לויפט מיט צעשפּרייטע הענט פון האָן צו האָן, שרייט, זינגט, די עופות לויפן פון אָרט צו אָרט מיט אַ געקוואַקערײ, דער רעגן קלאַפּט אין דאַך — און דו מיטן טאַטן אובאַבאַ הערן נישט קיין זאַך. — נאָך דער מעשה מיט דער גאַנצער שפּיל, איז דער קלײנער אַוועקגעפאַלן מיט אַ פאַרשווינדלט קעפּל און פאַרהילכט די שטוב מיט זיין קינדיש געלעכטער.

איין מאָל, אין אַ היציקן יאַנואַר־טאָג, ווען ס'רעגנט געווײנלעך מיט גרויסע שיטערע טראָפּנס, איז דער הימל פּלוצלונג פאַר־צויגן געוואָרן מיט אַ שוואַרצן, דראָענדיקן וואָלקן־פּאַס, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ לאַנגער סמאָלע־וועג.

לעגאַקאַ מיט די עלטערע ייִנגלעך האָבן אָנגעהויבן לויפן אַהיים. אַ שטורעמווינט מיט אַ שטעכיקן רעגן האָט זיי געשמיסן אין פּנים, אַרויסגעריסן די פעלד־מכשירים פון די הענט. ווי נאָר זיי זענען אַריין אין שטוב, האָט די הימלשוואַרצקייט געפּלאַצט מיט דונער

און פייער, וואָס איז געפאַלן אויף דער הייזקע. די געוואַלדן פון אײַנעווייניק זענען פאַרטויבט געוואָרן פון וואָיענדיקן שטורעם און דונערן, וואָס האָבן געטריבן די פלאַמען און רויך אין אַ ווירבלגעדריי צו דער ערד.

ווען די שכנים זענען קוים נעענטער צוגעקומען צו דער ברענענדיקער קופּע, איז שוין קיין סימן פון אַ מענטשלעך לעבן נישט געווען צו מערקן.

די דרייסטע האָבן מיט עמער וואַסער אין די הענט דורכגעריסן דעם צעברענטן זשאַר, און זיך צוריקגעקערט מיט פאַרשרפּעטע הענט און צעווייטיקטע פּנימער, געפאַלן אויף די קני, געקלאַפּט די קעפּ אין דער ערד און געיאָמערט אויף די אוהאַמאַס גרויסן בראָך.

דער קליינער מאַסיליבו איז מיד געוואָרן פון אַרומבאַלעווען מיט די הינער אין שטייג, איז אַרויסגעקומען, געבליבן שטיין ביים אָפענעם טירל.

פאַר אַ ווייל האָט ער זיך געקוויקט מיט דער וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם אָרט, ווו ס'איז געשטאַנען זיין היים. די אַנדערשקייט אָבער, און די מענטשן מיט די עמערס אין די הענט, און זייערע גערעדערייען האָבן אים צעטומלט און דערשראָקן. ער האָט גענומען אַרומלויפן און שרייען: „אובאַבאַ! מאַמאַ! אומטוקולו! ריגסדאַלי!" זיין באַוויזן זיך האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אַלעמען: „האַ! האַ! פון הימל אַראָפּ!!! ניין! ער לעבט! אַרויס פון הינער־שטייג".

— מאַסיליבו!!! — האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו אים מיט קולות פון פרייד און צער. — ווו ביסטו געווען? איז נאָך ווער דאָ? לעגאַקאַ! זוטאַסעלי!!! — האָבן עטלעכע מיט אַ מאָל אויסגערופן און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— ניין, נאָר איין אוהאַמאַ איז געבליבן...

איין שכנה, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט די נעגל טיף אין די באַקן און געשוויגן, האָט געכאַפּט דאָס וויינענדיקע קינד אויף די הענט, און מיט אים אַריינגעלאָפן צו זיך אין הייזקע. די איבעריקע זענען אַריין אין היגערשטייג זוכן, אפשר איז נאָך ווער געבליבן — געפינען האָבן זיי בלויז די הינער אין זייער אומטדיקן בלינדן דרימל...

די נאַכט איז געווען אַ קאַלט־פּינצטערע. די לעצטע האַלע־ וועשקעס האָבן געצאַנקט מיט אַ רויטלעכן אָפּשיין אויף די שוואַר־ צע פּנימער פון די באַ׳צער׳טע שכנים. פון די נאָענטע קראַאַל־ הייזקעס האָט מען געהערט ווייבערישן געוויין, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן נאָך נישט איינגעשטילטן וואָיען פון ווינט.

די שכנטע, וואָס האָט אַריינגענומען דאָס קינד צו זיך, איז געקומען רופן איר מאַן, ער זאָל אַריינגיין איר העלפן איינשטילן מאַסיליבון, וואָס הערט נישט אויף צו וויינען, און זיך אַליין ביטער צעיאָמערט: „אוי ווי, אוי ווי! אַזאַ גליקלעכע משפחה פון זיבן נשמות ווי די אוהאַמאַס זענען געווען, איז איינע נאָר געבליבן אויף דער וועלט — איין אוסינדילע בלויז״.

זינט דאַן איז צו זיין נאָמען מאַסיליבו צוגעקומען דער צווייטער נאָמען — „אוסינדילע״ (אַ געראַטעוועטער).

די טרויעריקע נייעס פון דער שרפה האָט זיך גיך פאַר־ שפּרייט איבער גאַנץ „נאַטאַל״ און זולולאַנד. פון „דערבן״, „מאַ־ ריטצבערג״ און אַנדערע צענטערס איז געקומען פּאָליציי פּאַרשן. פּרעסע־לייט האָבן געראַיעט אַרום דער חרובער היים פון די או־ האמאס, פאָטאָגראַפירט דעם יתום מיט די אָפּגעסמאַליעטע רעשט־ לעך. דער רעוורענד מיט דער פּאָליציי האָבן געזוכט איינעם אַש די געבליבענע איבערבלייבעכצן פון די קרבנות זיי מקבר צו זיין. מענגעס נייגעריקע מענטשן — ווייסע און שוואַרצע — זענען גע־ קומען פון נאָענט און וויט קוקן, צו העלפן זוכן. ס׳איז געוואָרן

אַ גאַנצער מאַרקפּלאַץ. שוואַרצע פרויען האָבן אויסגעשטעלט קוישן מיט פרוכטן, פעסער מיט זון־געטריקנטע קוקורוזעס, קאַלטע געטראַנקען. כישוף־דאָקטוירים האָבן צעלייגט אויף אויסגעשפּרייטע זעק זייערע „סחורות״: גראָז־וואָרצלען, געהאַפּטענע מזל־קרעלן, געטריקנטע שטיקלעך פלייש פאַר רפואות, ביינדלעך פון חיות און אויך פון שוין לאַנג געשטאָרבענע מענטשן. פאַרשיידענע קאָלירטע „מוטיס״ (מעדיצינען) און קמיע־בענדלעך פאַר אַ סגולה, אַז אַזוינס זאָל מער קיין שליטה נישט האָבן איבער זולולאַנד.

אויך דער הויפּט מיטן „אינדונאַ״ (דעם טשיפס הויפּטלאַנד־פּאַרטיילער) פון „אישאווע״ זענען געקומען אויסדריקן זייער צער, און געבראַכט מתנות פאַרן יתום — דעם אוסינדילע, וואָס האָט כסדר געוויינט און גערופן: „אובאַבאַ, מאַמאַ״.

דער „מפונדיס״ (זולו־רעווערענד) האָט אויסגעפונען אַן אַדרעס פון אַן אָנקל פון די אוהאַמאַס, וואָס ווינט אין פעריניכינג, אים באַפוילן צו קומען צו דער לוויה און העלפן באַשליסן וועגן קינד.

דער אָנקל, וואָס האָט שוין געוווּסט וועגן אומגליק פון די צייטונגען, איז גלייך געקומען. דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך אָנגעהערט פאַרשידענע מעשיות וועגן פייער: —

אַ טייל האָבן דערציילט; אַז אין מיטן טאָג איז געוואָרן נאַכט, און ביי נאַכט געהערט דאָס פעלד צו די גייסטער. זענען זיי ביין געוואָרן אויף לעגאַקאַן, ווייל ער איז געבליבן אין פעלד ביז דער רעגן האָט אים פאַרטריבן. אַנדערע האָבן געזאָגט: אַז זיי האָבן אַליין געזען אין די וואָלקנס געשטאַלטן פון אַלטן אוהאַמאַס אַנדערע צוויי ווייבער, וועמענס קינדער ער האָט גאָרנישט איבערגעלאָזט. האָבן זיי צעריסן די וואָלקנס און דורכגעלאָזט אויף זיי אַ שטיק פייער פון דער זון... דער אָנקל, אַ שטאָטישער שוין, האָט אַ פאַרקלעמטער געקוקט מיט באַדויער אויף די פאַנאַטישע, אָפּגעשטאַנענע מענטשן פון זיין שבט.

צוזאַמען מיט זולוס פון דער געגנט איז דער אָנקל געגאַנגען לעבן רעוורענד באַגלייטן דאָס קעסטעלע אַש צום בית־עולם. ביים אָפענעם קבר האָט דער רעוורענד געלויבט די אוהאַמאַס, באַווײנט זייער סוף — און גערופן צו קומען אין קירך דאַנקען גאָט פאַרן נס פון אוסינדילע — אַ סימן, אַז דער הייליקער יעזוס וויל, אַז די קייט פון אוהאַמאַס זאָל נישט איבערגעריסן ווערן.

ווען די צערעמאָניע איז פאַריבער, האָט דער אָנקל גענומען דאָס קינד מיט זיך צום באַן. אין באַן האָט דער קליינער געפרעגט:

— ווו זענען מיר, אָנקל?

— אין באַן, מיר פאָרן צו מיין הויז אין פערייניכינג.

— פאַר וואָס, אָנקל?

— ווייל דאָרט איז דיין היים. און רוף מיך נישט מער אָנקל, איך בין דיין טאַטע.

— מיין אובאַבאַ?

— יאָ, מיין זון מאַסיליבו אוסינדילע...

אין לאָקיישן

דער אָנקל פּיטער מיט זיין ווייב האָבן געוווינט אין אַ לאָקיישן נישט ווייט פון פּערייניכינג אין איינער פון די לאַנגע רייען הייז־קעס פון רויטע ציגל מיט בלעכענע דעכער. יעדע רייע איז געווען אַ נומערירטער בלאָק, וואָס האָט אָפּגעטיילט די ברוינע פון די שוואַרצע איינוווינער. פון יעדן ווינקל האָט מען געקאָנט זען ווי הויכע פאַבריק־קוימענס שפּייען אָן אויפהער מיט שוואַרצן רויך, וואָס ווערט אין אָוונט רויטער פלאַם. מחנות מענטשן, דערוואַקסענע און קינדער, מיט פּנימער — פון פּעך־שוואַרץ ביז העל העל־ברוין, האָבן אין צויטנדיקע בגדים גערײַעט אין די שמאָלע געס־לעך, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַן אָפּפאַלאָרט פּאַר בלעכענע פּעס־לעך, שמאַטעס, אַלטע כלים און פאַרזשאַווערטע טיילן פון אויטאָ־מאָבילן. זיי האָבן געזוכט אין די הויפנס אָפּפאַל, גלאַט אַזוי צו פּטרן צייט. אין די פאַרנאַכטן, ווען דער עולם איז זיך צונויפּ־געקומען פון דער אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן די לאָקיישן־„סימ־פאָניע”. רייסנדיקע גראַמאָפאָן־פּלאַטן פון באַנטו־לידער און טאַנצ־מוזיק, געזאַנג, געפּילדער, קריגערייען און געשלעגן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט קולות,פייפערייען און פּאָליציי־אַרעסטן...

דעם קליינעם אוסינדילע איז דאָס אַלץ געווען פרעמד און ס'האָט אים געשראָקן. אַ טרויעריקער האָט ער יעדן פרימאָרגן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל, געזוכט מיט די אייגלעך די בערג, וואָס ליגן איינגעהילט אין באַגינענדיקן נעפּל, די מחנות ווילדע טויבן, וואָס לאָזן זיך פון דער הויך אַראָפּ אויף די ערטער, וואָס זענען שוין אָנגעוואַרעמט פון דער זון צו געפינען אַ טרוקן קערנדל,

דעם ערשטן פינקל פון די נאָדלען אויפן דאָרנבוש, די קאַמיליען און בוש־קראַליקעס, וואָס לויפן אַרויס פון די נאַכטיקע נאָרעס צו זוכן שפייז און וואַרעמקייט, דעם „קצב״־פויגל מיט לאַנגען שלייער־עק, וואָס יאָגט און וואַרפט אָן אַ מורא אויף די איבעריקע פייגל. ער האָט געזוכט דעם טאַטן, די מאַמען, זיין ברודערל ריקסדאַלי, וואָס איז געווען אַזוי גוט צו אים און צו די הינער אין שטייג. אַנשטאָט דעם האָט ער געזען דאָס געסל מיט די הייזקעס אין שאָטן, קופּעס מיסט, מענטשן וואָס שאַרן זיך אַרויס באַגינען דורך שמאָלע טירלעך און טראָגן קליינע בלעכענע קעסטלעך אין די הענט, גייען פאָרנוויז אָדער אין דרייען אַהין, ווו די קוימענס הויבן זיך... אַ ביסל לייכטער איז אים געוואָרן שפּעטער, ווען ער האָט געזען קינדער קומען אַרויס פון די זעלבע טירלעך מיט העפטן אין די הענט, און אַ לעצטן ביסן אין מויל, לויפן כאַפּטעווייז מיט געטומל צום אָפענעם פעלד, ווו ס׳שטייט אַ לאַנגע געבײדע מיט אַ צלם פון איין זייט. אַנדערע קינדער בלייבן אין דרויסן, פאַרקערן דאָס מיסט פאַר דער טיר, וואַלגערן, שפּילן, באַרען זיך מיט געוואַלדן אין שטויביקן געסל.

אַ שטילער מיטן שטערן האַרט אָנגעלענט אויפן שייבלגלאָז האָט דער קליינער אוסינדילע לאַנג געקוקט אויף דעם פריי־מאָרגן־„פּאַראַד״, און אַרויסגעלאָזט אַ קינדישן, טיפן זיפץ. דער אָנקל האָט דאָס אַלץ באַמערקט, זיך דורכגעווונקען מיט זיין ווייב, און איז פאַרן גיין צו דער אַרבעט צוגעגאַנגען צום קינד, מיט ליבשאַפט, שטיפעריש אים אַ רייב געטאָן איבערן פּנימל און גע־זאָגט אין זולו: ס׳איז שיין דאָ, אוסינדילע, האָ?

— ניין! ניין! ניין! — האָט זיך דער קליינער צעוויינט — ווו זענען די טויבן, די קראַליקעס, ריקסדאַלי, מיין איקוקו איהאַשי (האָן פערדל)? דאָ איז מיאוס. איך וויל אַהיימגיין.

דער אָנקל האָט אים געכאַפּט אויף די הענט, געקושט, גע־

שפּילט זיך מיט אים פֿאַר אַ ווייל און אים איבערגעגעבן צו זיין ווייב איינצושטילן:

— נעם אים, מאַלי, ער איז נישט געוווינט. ס׳פעלט אים זיין היים, זיין וועלט.

— אָ, מיין קליין, גוט ייִנגעלע — האָט די טאַנטע מאַלי אים אָוועקגעזעצט ביים טיש — אָט איז דיין פּאַריטש, ברויט מיט מאַרמעלאַד. עס, מיין קינד. איך וועל גיין אין שטאָט דיר איינקויפן אַ האָן צום רייטן, וואָס איז דאָ דאָ צו וויינען? אַזאַ גרויס ייִנגל און וויינט ווי אַ קליינער —

— אַ האָן מיט לאַנגע פיס?

— אוודאי, ווי נאָר דער טאַטע וועט שבת אַהיים ברענגען זיין געהאַלט.

— וואָס איז געהאַלט?

— געלט. געלט, וואָס דער באָס צאָלט פֿאַר אַרבעט.

— און היינט קען דאָס דער טאַטע נישט ברענגען?

— ניין, נאָר שבת. ווען די וואָך איז געענדיקט.

— וואָס איז וואָך?

— פון זונטיק ביז שבת, זיבן טעג איז אַ וואָך.

— אַהאַ. וועט דאָס זיין גענוג פאַר אַ האָן־פערדל?

— זיכער, מיין קינד.

אין די אָוונטן, נאָכן מאַלצייט, ווען דער אָנקל איז געבליבן זיצן ביים טיש לייענען אַ צייטונג און די טאַנטע איז געווען פאַר־נומען מיט אַוועקרוימען די כלים פון טיש, איז אוסינדילע גע־שטאַנען נישט ווייט פון פענצטערל, געקוקט אויפן רויטן פלאַם וואָס האָט אים געוווּנדערט און געשראָקן. איין אָוונט איז ער פלוצ־לונג אַוועקגעלאָפן פון פענצטערל, איינגענורעט דאָס פּנים אין דער טאַנטעס קלייד און אַ ציטערנדיקער געפרעגט:

— וואָס ברענט דאָרט אויבן? אַ הייזקע?

— ניין, מיין קינד. דאָס איז דער רויך, נישט קיין פייער און נישט קיין הייזקע.

— רויך איז שוואַרץ.

— נאָר ביי טאָג איז דער רויך שוואַרץ. ביי נאַכט ווען דער הימל איז טונקל זעט דער רויך אויס ווי פייער.

— איך האָב מורא — האָט ער טיפער איינגעגראָבן דאָס פּנים.

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, קינד.

— ווער מאַכט דעם רויך?

— דאָס מאַכן די אויוונס, זעסט, דאָרט איז אַ שמעלצעריי, אינעווייניק ברענען טאָג און נאַכט גרויסע אויוונס, וואָס לאָזן אַרויס דורך די קוימענס דעם שוואַרצן רויך, וואָס זעט איצט אויס ווי פלאַם.

— פאַר וואָס ברענען די אויוונס?

— צו צעשמעלצן אַלט אייזן אין אַ רויטן פייער־וואַסער און דערנאָך מאַכן זיי ניי אייזן, בלעך, שטאָל. זעסט די טעפּלעך, דעם דאַך, דאָס בעטל? דאָס אַלץ ווערט געמאַכט פון דעם נייעם אייזן.

—מיין בעטל קומט אויך פון דעם פייער־אייזן, וואָס איז פריער אַ וואַסער?

— אוודאי.

ער כאַפּט אַ טעפּל וואַסער און גיסט עס אויס אויף זיין בעטל.

— וואָס טוסטו, נאַריש קעצל?

— איך מאַך מיר אַ ניי בעטל.

— אָ, ביסט קלוג ווי אַלע אוהאַמאַס... זעסט, איצט מוז איך בייטן דאָס ליילעך. איי ביסטו אַ חכם, נו, פאַר היינט איז גענוג, קום שלאָפן.

— טאַנטע, מאָרגן וועסטו מיר נאָך דערציילן?

— יאָ, זיכער, יינגל, שלאָף, אַ גוטע נאַכט. — טוליעט זי אים איין מיט אַ קוש.

— אַ גוטע נאַכט, טאַנטע.

— אַ גוטע נאַכט, זונעלע.

דאָס פּאַרפּאָלק האָט נאָך לאַנג געשמועסט וועגן יתום. פּיטער האָט דערציילט זיין ווייב, אַז ער האָט גערעדט מיטן רעווערענד וועגן אים און דער רעווערענד האָט אים אויפגעקלערט, אַז אַ שכלדיק קינד מיט אַ פאַרברענטן נעכטן האָט מורא פאַרן היינט. מען דאַרף אים פאַרשטיין, טרייסטן און פאַרשפּילן, די צייט וועט אַלץ פאַרהיילן. זייט גוט צו אים און גאָט וועט אייך באַלוינען דערפאַר. דער עיקר לאָזט אים נישט פילן, אַז ער איז אַ יתום.

— אַ הייליקער יעזוס! ער איז אונדזער קינד.

— יאָ, מאָלי. אונדזער, אונדזער אוסינדילע...

* * *

די טאַנטע איז געווען גוט צו אים ווי אַן אייגענע מאַמע, אים געהאַלטן זאַט און ריין. אוסינדילע איז געווען דאָס איינציקע קינד אין שטוב. זייערע חתונה געהאַטע דריי זין האָבן געאַרבעט און געוווינט אין „פּאַנדערבעיל־פּאַרק" און זענען געקומען צו די על־טערן טייל מאָל אין אַ זונטיק אָדער אין אַ האָלידיי. אויפן טאַטנס פאַרלאַנג האָבן זיי אויך אַרויסגעוויזן משפּחהדיקע וואַרעמקייט צום יתום, געברענגט טשאָקאָלאַד, און אַפילו אַ פּאָר פוטבאָל־שיך אין וועלכע ער פלעגט זיך אויספּוצן ווען זיי זענען געקומען.

יעדן מאָנטיק האָט די טאַנטע אים מיטגענומען צו די הייזער פון די ווייסע וווּ זי פלעגט אַהיימנעמען וועש צו וואַשן. בעת די טאַנטע איז געווען פאַרנומען מיטן ציילן די וועש, האָט אוסינ־דילע זיך געשפּילט מיט די ווייסע קינדער פון דער משפּחה. די סטואַרד־ייִנגלעך זענען געווען פריינדלעך צום שוואַרצן קינד, גע־געבן אים צוקערלעך, אָנגערירט זיין גלאַנציק שוואַרץ בעקל, די האָר־קרייזעלעך, וואָס זענען אָפּגעטיילט אין בינטלעך איינס פון ס'אַנדערע, באַוווּנדערט די העלע פלאַך פון זיינע הענט.

— זע, דזשאַרדזש! פון איין זייט שוואַרץ, פון דער אַנדערער ווייס. — זיי האָבן אַלע געעפנט די הענט צו פאַרגלייכן און באַשלאָסן, אַז זיינע זענען טונקעלער.

— וואָס איז דיין נאָמען?

— מאַסיליבו אוסינדילע אוהאַמאַ — האָט ער גיך אָפּגעמאָלן צוקנאַקנדיק מיטן רויטן צינגל. די ווייסע יינגלעך האָבן נישט געקענט נאָכזאָגן זיין נאָמען, נאָר לאַכנדיק פּרובירט נאָכמאַכן דעם קנאַק מיטן צונג.

— און דו? — האָט ער זיי געפרעגט.

— קענעטס סטואַרד, דזשאַרדזש סטואַרד — האָבן ביידע צוזאַמען געענטפערט.

דאָ האָט ער זיך צעלאַכט, פּרובירט נאָכזאָגן די נעמען מיט קאָמישע קלאַנגען שאָקלענדיק מיט אַרויסשטאַרצנדיקע ליפּן און אַלע האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער.

אויפן וועג אַהיים האָט די טאַנטע געטראָגן אַ גרויסן פּאַק וועש אויפן קאָפּ. דער קליינער אוסינדילע איז געגאַנגען ביי איר זייט און געפרעגט:

— פאַר וואָס האָבן זיי אַזעלכע בלייכע פּנימער און ציינער ווייסע ווי מיינע?

— ווייל זיי זענען מלונגוס (ווייסע), און מיר זענען שוואַרץ.

— פאַר וואָס, טאַנטע?

— ווייל גאָט וויל אַזוי.

— ווער איז גאָט?

— דער הייליקער יעזוס. דער טאַטע וועט דיך נעמען אין קירך וועסטו זיך אַלץ דערוויסן.

— אָבער פאַר וואָס וויל גאָט אַזוי?

— אָ, מיין קינד, וועגן דעם דערציילט מען פאַרשידענע מעשות.

— אַז וואָס?

— אָ, ביסט צו יונג צו פֿאַרשטיין, איבער אַ יאָר וועל איך דיר זאָגן.

— וואָס איז אַ יאָר?

— פֿון איין קריסטמעס ביז צום אַנדערן.

— אַהאַ. זאָג מיר איצטער, טאַנטע, איך בין גרויס? זע ווי גיך כ׳קען לויפֿן. — ער טוט זיך אַ לאָז אין גאַלאָפּ פֿאַרויס און צוריק.

— זעסט כ׳בין גרויס?

— יאָ, זיכער, די פֿיס קענען לויפֿן, אָבער נישט פֿאַרשטיין.

— וואָס קען פֿאַרשטיין.

— אָט דאָס — לענט זי אָן איר האַנט אויפֿן קעפּל קרייזעלעך.

— דאָס האָב איך דאָך.

— יאָ, זיכער, אַ קעפּל האָסטו.

— טאָ, דערצייל מיר איצט.

— אָ, דו דו — רייסט זי אים ליבלעך אָן אויערל — מען דערציילט, אַז מיר קומען אַרויס פֿון די ערשטע מענטשן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן ביי נאַכט, דערפֿאַר זענען מיר שוואַרץ. און זיי קומען פֿון די, וואָס זענען געבוירן געוואָרן ביי טאָג, זענען זיי העל.

— וואָס נאָך?

— אַז ס׳איז אַמאָל ערגעץ געווען אַ גרויסע משפּחה און די עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין עסן פֿאַר די קינדער, האָבן זיי געזאָגט: קינדער, פֿיס האָט איר, גייט זוכט אייך עסן. זענען זיי אַוועק צו פֿאַרשידענע ערטער זוכן. די, וואָס זענען געקומען קיין אַפֿריקע, האָט די הייסע זון זיי אויסגעבאַקן שוואַרץ. און די, וואָס זענען דערגאַנגען צו קאַלטע ערטער זענען געבליבן בלאַנד...

— וואָס נאָך, טאַנטע?

— מען דערציילט, אַז ס׳זענען געווען צוויי ברידער האָט איינער דערהרגעט דעם אַנדערן, האָט גאָט געשטראָפֿט דעם מערדער,

אַז פון זיין געביין זאָלן אַרויסקומען מענטשן אַנדערע — שוואַרץ־הויטיקע, מיט דיקע ליפּן און ברייטע נעזער.

— איז מיין נעזל ברייט?

— דיין נעזל איז זיס ווי האָניק — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַרונטערגעלאָזט דעם פּאַק וועש פון קאָפּ און אים געקושט אין נעזל — אָ, דו חכם מיינער, האָסט מיר לייכטער געמאַכט דעם וועג מיט דיינע פראַגן, אַט זענען מיר שוין אין לאַקיישן.

אין שטוב האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון פּאַק די וועש. אוסינ־דילען האָט זי געוויזן ווי אויסצוסאָרטירן אין באַזונדערע קופּקע־לעך די פאַרשידענע קאָלירן, בעת זי האָט זיך אַ ווילע אָפּגערוט, צוגעשטעלט טעפּ וואַסער און טיי אויפצוקאָכן. אוסינדילע האָט געפילט, אַז היינט האָט ער די טאַנטע אַ סך ליבער באַקומען — גערן געהאָלפן דערלאַנגען, טאָן וואָס נאָר זי האָט אים געהייסן. נישט אָפּגעטראָטן פון דער בלעכענער באַליע, געפּלוסקעט די הענטלעך, געבלאָזן דעם וואַרעמען זייפן־בלאָז. שפּעטער געהאָלפן אַרויסטראָגן די וועש צו טרוקענען אויף שטריק צוגעבונדענע אויף קלעצלעך, געהיט, אַז קיינער זאָל נישט צוגנבענען, געהאָלפן אַראָפּ־נעמען די וועש און זיך געפילט, גרעסער, חשובער און נוצלעכער ווי נעכטן... צו מאָרגנס, ווען די טאַנטע האָט געענדיקט מיטן אויספּרעסן, האָט זי אים געהייסן גוט אָפּוואַשן די הענט און גע־לערנט פאַרקנעפּלען די מענערישע העמדער. איר פּנים האָט גע־שיינט פון נחת זעענדיק ווי דער קליינער אַרבעט. „אָ, אוסינדילע, חכם, ביסט געראָטן ווי דיין טאַטע", און אים אויסגעקושט די פלינקע פינגערלעך.

דאָנערשטיק איז ער מיטגעגאַנגען אָפּטראָגן די וועש און געהאָלפן טראָגן אַ קליין פּעקעלע. די בלייך־פּנימדיקע חברים האָבן אים שטיפעריש באַגריסט מיטן „צינגל־קנאַק", און געפרעגט זייער מאַמע, צי ער מעג מיטגיין מיט זיי אין גאָרטן זיך שפּילן. די

טאַנטע האָט צוגענומען פון אים דאָס פּעקעלע בעת פּרוי סטואַרד האָט אים איבערגעגעבן צו אירע יינגלעך.

— אָ, מיסיס, אייערע קינדער זענען זייער גוטע. גיי, קינד, שעם זיך נישט, זיי האָבן דיך ליב.

פון הויף האָבן די פרויען געהערט די קינדישע געשרייען און אַ געקלאַפּערײ.

— וואָס שפּילן זיי, פרוי סטואַרד?

— קריקעט.

— אָ, מיינער קען נישט אַזאַ שפּיל.

— מיינע אויך נישט. זאָלן זיי זיך שפּילן, אַבי אַרויס פון הויז.

— מאַמאַ! — איז קענעטס אַריין אַ פאַרשוויצטער — קענען מיר האָבן לעמאָנאַדע?

— זיכער, זון, וואַרט אַ ווייל.

— איך וועל אַליין נעמען מאַ, איך ווייס ווו ס׳איז.

— נאָר נישט אין די פלעשלעך.

— גוט, מאַ. קענעטס האָט גיך אָנגעגאָסן דריי גלעזער און זיך געלאָזט מיטן טעצל צום הויף. די מאַמע האָט אים דערזען, האָט זי אים גיך פאַרשטעלט דעם וועג, צוריקגעקערעוועט אין קיך אַריין, אַריבערגעגאָסן פון איין גלאָז אין אַ בלעכן טעפּל פון אירע באַדינער און אים אָנגעזאָגט: אָט דאָס גיב דעם פּיקאַנין (שוואַרץ יינגל). נאָך אַזאַ טעפּל האָט זי צוגעטראָגן מאַלין.

— אַ דאַנק, מיסיס, זייער פיין, מיסיס.

קענעטס איז אַרויסגעקומען מיטן טעצל, זיין ברודער האָט גענומען אַ גלאָז און אוסינדילע האָט געוואָלט נעמען דאָס צווייטע.

— ניין, — האָט קענעטס זיך אָוועקגעדרייט. — דאָס גלאָז איז פאַר מיר, דאָס טעפּל איז פאַר דיר.

— איך וויל דאָס — האָט אוסינדילע נישט נאָכגעגעבן — דאָס איז שענער, ס׳איז גרין.

— אין טעפל איז אויך גריך, דו נאַר, קענסט נישט זען ווייל ס׳איז אַ בלעכן טעפל.

— אָבער איך וויל ס׳גלאָז — האָט דער קליינער אָנגעכאַפּט ס׳טעצל, זיך נאָכגעדרייט קענעטסן וואָס האָט זיך געוואָלט אַרויס־קריגן פון אים און לאָכנדיק געזאָגט:

— לאָז אָפּ, ס׳וועט זיך אויסגיסן און מירן גאָרנישט האָבן.

דזשאָרדזש האָט אין געדריי אַראָפּגעכאַפּט דאָס גלאָז פון טאַץ און דערלאַנגט זיין ברודער. אוסינדילע אַ באַזיגטער האָט גענומען דאָס טעפל און גיך אויסגעטרונקען. ווען די טאַנטע איז פּאַרטיק געוואָרן צום גיין, איז זי צוזאַמען מיט דער פרוי סטואַרד אַרויס־געקומען אים רופן. זיי האָבן געזען ווי דער קליינער באַווייזט עפּעס אַ שפּיל — כאַפּט די פּילקע אין די הענט, דערציילט עפּעס אויף זולו־לשון, טוט אַ שליידער די פּילקע אין דער הויך, בלייבט שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט און לאַכט. די סטואַרד־יינגלעך האָבן מיטגעלאַכט, אָבער נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע שפּיל.

— מאַמאַ, זאָל די וועש־פרוי זאָגן וואָס ער ווייזט דאָ.

די טאַנטע אַליין פאַרוווּנדערט, שאָקלט מיטן קאָפּ און באַמערקט פון אַ זייט צו פרוי סטואַרד:

— אָ, אַ זעלטענעם זכרון דאָס קינד האָט, ער ווייזט ווי זיין טאַטע האָט זיך מיט אים געשפּילט. געשליידערט אין דער הויך ווי אַ פּילקע און געכאַפּט אויף די הענט אין דער לופטן. אָ, פרוי סטואַרד, ער איז אַ טייער קינד דער יתום. — און אָפּגעווישט אַ טרער.

— מאַמאַ! ער האָט געזונגען פאַר אונדז לידער, מיר פאַרשטייען נישט, אָבער ער זינגט שיין. אַזוי ווי די זולוס וואָס אַרבעטן דאָ אויפן וועג. מאַ, פרעג זי, וואָס זיי זינגען.

— נישט נאָר אויפן וועג, יונגער מאַסטער, זולוס זינגען שטענ־דיק. ווען ס׳איז זיי שלעכט, ווען זיי זענען הונגעריק, ווען זיי אַרבעטן,

ווען ס׳איז זיי ווויל זינגען זיי אויך און לאַכן... זולוס זינגען תמיד, מאַסטער.

— קינדער ווילן אַלץ וויסן.

— איר זייט גערעכט, פרוי סטואַרד, ווען איר ווייסט וואָס דער קליינער פרעגט אַלץ.

— מאַ, זאָל זי זאָגן וואָס זיי זינגען ביים בויען דעם וועג.

— ביי יעדער אַרבעט זינגען זיי. איך וויס? זיי זאָגן ס׳איז זיי לייכטער צו שלעפּן שווערע לאַסטן, הויבן. אַ, כאַ, כאַ, כאַ, מיסיס סטואַרד, די יונגע מאַסטערס היינט... אַ דאַנק, מיסיס, קום, אוסינדילע.

— וואַרט מאַלי, כ׳וועל דיר וואָס מיטגעבן. — די פרוי סטואַרד איז אַריין אין הויז און גלייך צוריק געקומען מיט אַ זשמעניע צו־קערלעך און קיכלעך. אוסינדילע פּאַקט אין די קעשענעס און מויל. דזשאַרדזש גיט אים אַ פּאָר פּעניס.

— זאָג אַ דאַנק צום יונגן מאַסטער. אַ דאַנק, מיסיס, און אַ גוטן טאָג, כ׳וועל זיין מאָנטיק.

אויפן וועג אַהיים האָט דער קליינער אַן אויפגעלייגטער דער־ציילט דער טאַנטען פון די בלייך־פּנימדיקע חברים, וואָס קענען נישט זינגען, און פון דער מעשה מיטן טעפּל, מיט אַ פול מויל קיכל באַוויזן דעם גערעגנגל פאַרן גלאָז.

— אָבער איך בין געווען דורשטיק האָב איך אויסגעטרונקען. די לעצטע טראָפּנס האָב איך אויסגעגאָסן. ווייסט? אין טעפּל איז טאַקע אויך געווען גרין. פאַר וואָס האָבן זיי מיר נישט געוואָלט געבן דאָס גלאָז?

— ווייל די ווייסע טרינקען נישט פון די זעלבע כלים ווי מיר.

— פאַר וואָס?

— זיי ווילן נישט.

— ווילן ניט וואָס?

— עסן אָדער טרינקען פון די זעלבע כלים.

— פאַר וואָס, טאַנטע מאַלי?
— איך ווייס נישט.
— איך ווייס.
— זאָג מיר.
— זיי ווילן נישט ווערן שוואַרץ.
— אָ, דו, דו, קלוג שעפסל מיינס, וואָס וועט פון דיר אַרויס־וואַקסן?... — האָט זי געדריקט זיין הענטל, ביזן לאַקישן, ווו אוסינ־דילע איז אַהיים געקומען אַ פריילעכער מיט גוטע זאַכן און אַ פּאָר פּענעס.

* * *

אין לאַקישן זענען געווען אַ סך קינדער. אין דעם דאָזיקן ווינקל פון לעבן הערשט פולשטענדיקע פרייהייט אָן באַגרענעצונגען. דאָס, וואָס איז יאָ באַגרענעצט ביז דוחק, זענען שולן פאַר זיי. מיט דעם טייל קינדער, וואָס בלייבן מחוץ די שולוועגט, זענען פול די לאַקישן־געסלעך, פעלדער, ווו זיי שפּילן, וואַלגערן, שלאָגן זיך. שלעפּן זיך אַרום ציללאָז אין גאַנצע כאַפּטעס און די יונגערע בראַדזשען נאָך זיי. די גאָר יונגע שפּילן זיך נאָענט ביי זייערע טירן. טייל העלפן מיט שטוב־אַרבעט, קערן, רייניקן. מיט די „פּעק־לעך" אויף זייערע רוקנס, שטיף פאַרבונדענע אין קאָלדרעס שפּילן זיך צען, צוועלף־יעריקע מיידלעך, ווען מאַמעס זענען אַוועק צו דער אַרבעט און די „פּעקלעך" שלאָפן אָדער וויינען, באַנעצן זיך... די מיידעלעך העלפן דאָן איינע די אַנדערע רייניקן, אָדער איינשטילן די יינגסטע אין דער משפחה. מאַסיליבו האָט זיך גע־שפּילט מיט זיין חברה, פאַר דער טיר, געטיילט מיט זיי די גוטע זאַכן און שפּילצייג וואָס דער אָנקל פלעגט אים ברענגען פון שאָפּ.

דינסטיק, ווען דער שולכאַר האָט זיין געזאַנג־לעקציע, איז אין לאַקישן געווען אַנדערש. די עלטערע קינדער פלעגן נעלם ווערן

צו דער לאַנגער שול־געביידע, און די ייִנגערע זענען געבליבן פֿון ווייטן זיך צוהערן צום געזאַנג, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין גאַנצן לאָקיישן. איין דינסטיק זענען די לאָקישן־געסלעך געבליבן אויס־געליידיקט פֿון קינדער. אַלע זענען אַוועק מיט די עלטערע צו דער שול־געביידע, געבליבן הינטער די פֿענצטער זיך צוהערן און מיט־זינגען. דער כאָר פֿון דרויסן איז געווען גרעסער ווי פֿון שולזאַל. פֿאַר מאַסיליבון איז דאָס געווען אַ גרויסע איבערלעבונג, ער האָט נישט נאָר מיטגעזונגען די לידער, וואָס ער האָט נישט גע־קענט, נאָר אויך געצאַפּלט, געבויגן זיך גופֿעלע צום ריטם. בעת אַן איבערררייס האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַן אימפּעט.

— העי, ווו לויפֿסטו? — האָט אים דער לאַנגער דעני פֿאַר־שטעלט דעם וועג.

— איך וויל אַריינגיין זינגען.

— דו ביסט אַ צו קליינער וווּרשטל צו גיין אין אַ שול.

— און דו?

— איך וויל נישט גיין אין קיין שול. זינגען קאָן איך הערן פֿון דאַנען אויך.

— איך וויל גיין אין שול!

— איך אויך! איך אויך! מיר אַלע ווילן גיין אין שול. — האָבן זיך דערהערט קינדערשע קולות.

— אָ! פֿאַרמאַכט די נאַרישע מיילער — האָט דעני זיי אַרי־בערגעשריגן און נאָכגעמאַכט ווי אַנדערע קינדער איילן זיך אין דער פֿרי מיט אַ ביסן אין מויל, מיט העפֿטן, ביכער. — איך שלאָף מיר ווי לאַנג איך וויל. שול, לערנען, דערנאָך זיצן אין דער היים, אַרבעטן. אָ נייןן, נישט פֿאַר מיר, איך וויל זיין פֿריי.

— און איך וויל גיין אין שול.

— זי וויל ווערן אַ טייפּיסט נישט קיין דינסט — האָט דעניסעס אַן אָנהענגערין געחוזקט.

— לאָמיר זען ווער ס׳וויל און ווער ס׳וויל נישט גיין אין שול, — האָט ליזאַ מיט אַ קינד אויפן רוקן אויסגערופן.

— מיר ווילן גיין אין שול!!! — האָבן ס׳רוב קינדער אויסגעשריגן.

— אַ שול איז לויזיק, נאָר פוילאַקעס גייען אין שול!

— דו ביסט לויזיק און פויל — האָט ליזאַ אַריבערגעשריגן — קינדער! זאָגט מיט מיר: מיר ווילן גיין אין שול!!! מיר ווילן גיין אין שול!!!

ווען די לערער האָבן דאָס דערהערט און אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די פענצטער, האָט זיך דאָס סטאַקאַטאָ־געזאַנג: מיר ווילן גיין אין שול!!! נאָך מער פאַרשטאַרקט. די לערער האָבן זשעסטיקולירט מיט די הענט, געבעטן זיי זאָלן זיך איינשטילן, ווייל די קינדער אין די קלאַסן ווערן אומרויִק און קענען נישט לערנען. דער ענטפער איז געווען: מיר ווילן גיין אין שול!!! דער פּרינציפּאַל איז אַרויסגעקומען. זיין באַווייזן זיך האָט נישט פאַרמינערט דאָס „געזאַנג”. פאַר אַ ווייל איז ער געבליבן ווי צעטומלט, נישט געגלויבט זיינע אויגן, זיך צוגעהערט צו דער מעלאָדיע פון קינדערשן פאַרלאַנג, געווען שטאַרק גערירט פון דער „דעמאָנסטראַציע”. ער האָט געפילט ווי זיין האַרץ קלאַפּט האַסטיקער און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. די קינדער פון די קלאַסצימערן האָבן אָנגעהויבן אַרויסלויפן. די לערער האָבן זיי צוריקגעטריבן. ריימאָנד, אַ ייִנגל פון פערטן קלאַס, האָט זיך נישט געלאָזט צוריקטרייבן, זיך דורכגעריסן פאַרביי די לערערס הענט צו דער חברה אין דרויסן און אויסגעשריגן: — שולן פאַר אַלע!!! שולן פאַר אַלע!!!

— שולן פאַר אַלע!!! — האָבן אויפגעכאַפּט די קינדער מיט די לערער אין דער שול־געביידע אויך און צוריקגעקלונגען אין איין כאָר — שולן פאַר אַלע!!! דער פּרינציפּאַל, וואָס איז געשטאַ־

נען אַ שווייגנדיקער די גאַנצע צייט, איז אַריינגעלאָפן איינשטילן די לערער און קינדער אין די קלאַסן־צימערן און גלייך צוריק־געקומען. די קינדער אין דרויסן האָבן נאָר געקענט זען לויט זיינע מויל־באַוועגונגען, אַז אויך ער זינגט מיט מיט זיי, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן ענטוזיאַזם. ער האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון זיין שוואַרץ־גלאַנציקן פנים, אויפגעהויבן די הענט ווי אַ צייכן, אַז ער וויל עפּעס וואָס זאָגן. עס איז מיט איין מאָל געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער. זיין בליק האָט אַרומגענומען די מאַסע קינדער אַרום אים, די אָפּגעזונדערטע גרופּע מיט דעניסן אַ ביסל וויטער, דעם לאָקישן, די קוימענס, די שטאָטישע הייזער פון וויטער. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און געזאָגט:

— איר זעט, קינדער, אַפילו די שטאַרקע זון ראַנגלט זיך אָפּט צו צעטרייבן די וואָלקנס... קינדער, איך דאַנק אייך פאַר דער איבערלעבונג היינט. עס איז גוט צו וויסן, אַז איר ווייסט וואָס אייך פעלט... איר שטאַרקט און העלפט אונדז דערמיט. לאָזט די קינדער, וואָס זיצן דאָ אויף די בענק, לערנען. די וואָס זיצן אין די ביוראָען ביים טויער פון לאָקישן האָבן אונדזער פאַרלאַנג נישט איין מאָל געהערט. גוט, קינדער, וואָס היינט האָבן זיי אייך גע־הערט, אַז אירווילט נישט בלייבן קיין גאַסן־קינדער, קיין פאַר־ברעכער, אַז איר ווילט שולן, אַז איר ווילט ווערן נוצלעכע מענטשן... גייט אַהיים, גייט אַהיים. — ער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, געזען ווי די קינדער שפּרייטן זיך לאַנגזאַם אויס צו די אַריינגענג פון די בלאָקן אָן רייד, נאָר מיט אַ שטילן געזאַנג ווי צו אַ תפילה. פון וויטנס, פאַר די לאָקישן־ביוראָען האָט ער געזען שטיין באַאַמטע און קוקן. ער האָט אויפגעהויבן די צעשראָקענע אויגן צום הימל און געפרעגט: ווען וועלן די וואָלקנס צעשווימען ווערן?...

דאָס, וואָס איז געשען דינסטיק, אין דער שולע, האָט זיך

צעטראָגן ווייט אויסערן לאָקיישן און געהאַט אירע פֿאָלגן. די נייעס איז געוואָרן די טעמע אויך אין אַנדערע ערטער. טייל עלטערן האָבן געטענהעט:

— מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז קינדער זאָלן טאָן אַזאַ זאַך. דאָס מאַכט מען דורך פּעטיציעס, ביטעס צום בילדונגס־ראַט פֿאַר שוואַרצע און קאָלירטע, דורכן פּרינציפּאַל, נישט דורך קליינע ממזרים.

— אַודאי, דו קענסט אַזוי רעדן, דו האָסט צייט, דיינע קינדער גייען אין שול. איך האָב נישט קיין צייט, מיינע וואַלגערן זיך אין די גאַסן.

— און אַז מ׳וועט די שול אויך פֿאַרמאַכן?

— מיט וואָס זענען דיינע קינדער בעסער פֿון מיינע?

אַזעלכע קריגערייען האָבן אָנגעהאַלטן פֿאַר אַ לאַנגער צייט. ווען אַ נייער שול האָט מען נישט געהערט. אַ נייער שול־פּרינציפּאַל איז יאָ אָנגעקומען צו פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון פֿריערדיקן... זינט דאַן האָט טאַנטע מאַלי געזען, אַז אוסינדילע זאָל זיין נאָר מיט קינדער פֿון זיין עלטער און ייִנגערע. זי האָט זיי איינגעאָרדנט מיט שפּילצייג אין אַ ווינקל נישט ווייט פֿון איר טיר און געהאַלטן אַן אויג. אין הייסע טעג איז דאָס קליינוואַרג אַרומגעלאָפֿן נאַקעט, געפּלושקעט זיך אינעם נידעריקן פֿאַס רעגנוואַסער, אַרויס גלאַנציק־נאַסע מיט געוואַלדן פֿון פֿאַרגעניגן. ווען ס׳האָט גערעגנט פֿלעגט אוסינדילע אַריינלויפֿן אין שטוב, דאָס געקלאַפּערײַ אין בלעכענעם דאַך האָט אים דערמאָנט אין זיין הינערשטייג, איז ער אַרומגעלאָפֿן מיט אויסגעשפּרייטע הענט ווי ער וואָלט געריטן אויף אַ האָן און געשריגן: איהאַשי אוהאַמבאַ (פֿערדל לויף)!!! ביז ער מיד געוואָרן, צו צום פֿענצטערל, געקוקט אויפֿן פֿעסל וואַסער, וואָס איז איבערפֿולט פֿונעם כסדרדיקן פֿלוס פֿון דער רינע, און געוואַרט ס׳זאָל ווידער הייס ווערן.

די אוהאמאס

אין די קאַלטע ווינטערטעג, ווען די טאַנטע האָט אים גישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב, איז ער געזעסן אַ פאַרקלערטער, געקוקט אויף די קוימענס מיטן דרייענדיקן רויך און מיט אַ זיפץ געפרעגט: „ווען קומט דער טאַטע מיך אַהיים נעמען?". אין אַזעלכע מינוטן האָט אים די טאַנטע גיך פאַרשפילט, צעטריבן די קינדערשע מחשבות מיט לערנען אים ענגלישע ווערטער...

זונטיק פרי האָט אים די טאַנטע אויסגעפּוצט אין אַ טונקל־בלוי אַנצוגל, אַ ווייס העמדל, גלאַנציקע שיך מיט זאָקן, אָפּגעגעסן מיטן אָנקל אַ שיסעלע פאַריטש און מיטגעגאַנגען אין קירכע אַריין. אויפן וועג איז ער געגאַנגען מיט גדלותדיקע טריט און ווי אַ גרויסער זיך געשפּיגלט אינעם גלאַנץ פון די שיך און געטראַכט, אַז ער איז שענער אָנגעטאָן ווי זיינע בלייך־פּנימדיקע חברים. אין קירך איז ער געזעסן מיט דרך־ארץ, און מיט אינטערעס געקוקט. און זיך צו אַלץ צוגעהערט. אוסינדילען איז געפעלן דאָס זינגען פון די יינגלעך אין כאָר, וואָס טראָגן ווייסע העמדלעך איבער די רעקלעך.

אין זונטיק, צוריקקומענדיק פון קירך, האָט ער אָנגעטאָן אַ העמדל איבערן רעקל, זיך אַוועקגעשטעלט אין דער פויזע פון די כאָר־יינגלעך, און מיט אַן ערנסט פּנים אָנגעהויבן זינגען אָן ווערטער. די עלטערן זענען געוואָרן איבערראַשט פון דעם איינפאַל און פון זיין קלינגענדיק שטימעלע. זיי האָבן באַשלאָסן צו פרעגן דעם רעווערענד צי ער וועט אים אַריינעמען אין כאָר.

אַזוי איז אוסינדילע געוואָקסן צווישן שוואַרצע, קאָלירטע אין דער שטאָטישער אַטמאָספער, ביז ער האָט ביסלעכווייז פאַרגעסן אין זיין פאַרברענטן נעכטן — און געוואָרן ווי אַנדערע אַ שטאָטישער זולו.



בענעט

נאָך אַ סך מי איז פּיטערן געלונגען אַריינצוקריגן דעם יתום אין דער לאָקיישן־שול און געבעטן מען זאָל אים פאַרשרייבן אויפן נאָמען „בענעט אוהאַמאַ״, און נישט לויט דער מעטריקע. ווייל, האָט ער דערקלערט דעם סעקרעטאַר: מאַסיליבו אוסינדילע אוהאַמא איז זיין שבט־נאָמען, און דאָ רופט מען אים בענעט...

דעם פרימאָרגן, ווען בענעט האָט אָנגעהויבן גיין אין שול, זענען אַלע אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך. אין שטוב האָט שוין געשמעקט דער וואַרימער פרישטיק. די מומע האָט זיך געפּאָ־רעט אַרום בענעטן, אים אויסגעפּוצט. נאָכן אָפּעסן האָט אים דער אָנקל, ווען ער האָט געמען טאַטע, דערלאַנגט אַ העפט מיט אַ בלייער, גענומען זיין וועליסאָפּעד אין אין האַנט, בענעטן מיט דער אַנדערער און געזאָגט:

— בענעט! קוש די מומען אַ גוטן טאָג. אין שול אַריין, גרוי־סער יונגאַטש!

די מומע איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און נאָכגעקוקט ווי איר מאַן פירט דעם יתום דעם ערשטן טאָג אין דער שול אַריין. פאַר דער שול־געביידע האָט אים דער טאַטע אָנגעזאָגט, ער זאָל זיין אַ גוט ייִנגל, פאָלגן די לערער, צוגעוווּנטשן ער זאָל זיך לער־נען גוט און אַרויף אויף זיין וועליסאָפּעד, וואָס איז געשפּרונגען איבערן גאַרביקן פעלד צום אַספאַלט־וועג, וואָס האָט געפירט אין שטאָט אַריין. ס׳איז נאָך געווען צו פרי פאַר אַנדערע שול־קינדער. בענעט איז געבליבן אַליין שטיין אויפן פעלד און געפּאָכעט אין דער לופטן מיטן העפט צום פאָטער, ביז ער איז אים פאַרשוווּנדן פון אויג.

ס׳האָט אים געשראָקן די שול־געביידע, דער רויך פון די קוי־מענס; מיט אַ מאָל האָט ער זיך דערפרייט מיט דער טשאַטע פייגל, וואָס זענען אָנגעפלויגן און אים דערמאָנט אין זולולאַנד, ווו ער האָט ליב געהאַט צו זען ווי די פייגל פלעגן זיך אַראָפּלאָזן פון הויך ביז אויף דער ערד, כאַפּן אַ ווערעמל, אַ קערנדל, און צוריק־פליען טשאַטעסוויז אין אַ געדריי־פלי כדי זיך באַלד צוריק אַראָפּ־צולאָזן. ער האָט אויסגעשפרייט זיינע הענטלעך ווי אַ פויגל צום פלי און דערביי אַראָפּגעלאָזט זיין העפט. אַ פעלדמויז האָט אים איבערגעשראָקן. ער איז גיך אַנטלאָפן צו דער שול־געביידע.

כאָטש ס׳איז געווען זיין ערשטער טאָג אין שול האָט זיך בענעט נישט געפילט פרעמד אין קלאַס. ס׳רוב קינדער, אַפילו די עלטערע, האָט ער שוין געקאַנט, אַנדערע האָט ער געזען ביי דער באַגעגעניש הינטער די שול־פענצטער בעת דעם געזאַנג יענעם דינסטיק. — אים איז געפעלן דער לערער, וואָס ווייזט אים ווי צו האַלטן דעם בלייער צווישן די פינגער און פירט מיט זיין האַנט די ערשטע אותיות אויפן העפטל. די וואַרעמקייט פון לערערס האַנט, וואָס האָט געהאַלטן זיין הענטל און געשריבן, האָט אים געמוטיקט אויפ־צוהויבן דאָס קעפל און קוקן דעם לערער אין פנים. „קוק ווי דו שרייבסט, בענעט. נישט אויף מיר". „אוי, האַ, האַ, לערער" האָט ער אַ גליקלעכער געענטפערט און מער די אויגן נישט אַוועקגענומען פון העפט.

אַהיימגעקומען איז בענעט אַ צעיאַכמערטער, די מומע האָט אים באַגריסט מיט אַ ספּעציעל פּאַר אים אויסגעבאַקענעם מזל־קוכן, אים געהאַלדזט, געווונטשן ער זאָל זיך גוט לערנען. „קיין שכל פעלט דיר נישט, אַז ווּעסט ווילן, ווּעסטו ווערן אַ רעוורענד אויך". בענעט האָט זיך גלייך צוגעכאַפּט צום קוכן און בעת מעשה דערציילט פון די ניסים אין דער שול, באַוויזן דער מומען ווי ער האַלט דעם בלייער און שרייבט.

ווי נאָר פּיטער איז אַהיים געקומען האָט ער דאָס ערשטע גענומען בענעטן אויף די הענט און געפרעגט:

— נו, בענעט, ווי געפעלט דיר די שול? אַנו, וויז מיר דיין העפט. אָ! וואָס פאַר אַ שיינעם קוכן די מומע האָט פאַר דיר אויסגעבאַקן, איך וואָלט אויך געגאַנגען אין שול, ווען כ׳קריג אַזאַ קוכן... מעג איך פאַרזוכן אַ שטיקל?

— אַוודאי, טאַטע — האָט ער אים דערלאַנגט דעם קוכן מיטן העפט און געוואַרט אויפן טאַטנס מיינונג.

— אָ! — האָט פּיטער געזאָגט מיט אַן ערנסטן אָנשטעל קיי־ענדיק — בענעט אוהאַמאַ, זייער גוט, בענעט, איך אין דיין עלטער האָב נישט געקענט שרייבן מיין נאָמען. אויסגעצייכנט, בענעט. אַז וועסט קענען אַ ביסל לייענען וועט דיך דער רעוורענד אַריינגע־מען אין כאָר. פאַרשטייסט, בענעט?...

— אָבער פאַר וואָס רופט איר מיך בענעט? איך הייס מאַסי־ליבו אוסינדילע, נישט בענעט.

— אין שטאָט איז אַנדערש, בענעט — האָט ער אים גענומען אויפן שויס, געביסן אַ שטיקל קוכן פון זיין הענטל. — פאַרשטייסט, בענעט, די ווייסע קענען נישט נאָכזאָגן מאַסיליבו אוסינדילע. געדענקסט, האָסט מיר אַליין דערציילט פון די בלייכפּנימדיקע יינגלעך, די סטואַרדס, ווי זיי האָבן געלאַכט און נישט געקאָנט נאָכזאָגן דיין נאָמען... איצט ביסטו אין שטאָט, וועסט אויסוואַקסן דאָ, גיין אַר־בעטן, מוזטו האָבן אַ שטאָטישן נאָמען, לייכט אָנצורופן. אַ נישט, וועלן זיי דיר געבן אַ חוזק־נאָמען, כ׳וויס? טיקי, סיקספּענס אָדער דזשאָן. בענעט, טאָם, ריטשאַרד, מאַרטין, די זענען מענטשן מיט אייגענע נעמען. בענעט דאָס ביסטו און נישט קיין אַנדערער. בענעט אוהאַמאַ, פאַרשטייסט? אַ נישט וועלן זיי דיך גאָר רופן באָי!... בענעט אוהאַמאַ איז ווי דזשאַרדזש סטואַרד, פאַרשטייסט?...

— אַהאַ — האָט דער קליינער אַן ערנסטער מיטן בלייער אין

מויל צוגעשאָקלט מיטן קעפּל ווי אַ סימן, אַז ער האָט באַנומען די ערשטע לעקציע פון שטאַטישן לעבן צווישן די ווייסע...

— נו, פאַר איין טאָג איז גענוג — האָט די מומע זיך אַרייַנגעמישט — נאָכן עסן גיי גלייך שלאָפן. אַ שול־בחור דאַרף אויפשטיין פרי, און מאָרגן וועסטו שוין גיין אַליין, דער טאַטע דאַרף גיין פריער צו דער אַרבעט.

נאָכן עסן איז בענעט געבליבן ביים טיש מאַכן זיין היימאַרבעט. די עלטערן האָבן זיך צוגעהערט ווי ער זינגט זיך אונטער ביים שרייבן: אַ שטעקעלע, אַ האַלב רינגעלע, נאָך אַ האַלב רינגעלע איז B. בע. אַ שטעקעלע לאַנג, אַ שטעקעלע ברייט אין מיטן, נאָך איינס און נאָך איינס איז E. ע. אַזוי האָט ער אויסגערופן אַלע אותיות פון זיין נאָמען, ביז ער האָט אויסגעלייענט אויפן קול בענעט אוהאַמאַ .

— ווייסט, מיר געפעלט דער נאָמען בענעט. אַ גוטע נאַכט, טאַטע, אַ גוטע נאַכט, מומע.

— אַ גוטע נאַכט, בענעט...

וואָס ווייטער האָט ער אַלץ מער פאַרשטאַנען ווי גערעכט דער טאַטע איז געווען און געקראָגן מער צוטרוי צו אים, ווייל אַלע ייִנגלעך האָבן געהאַט אַזעלכע נעמען ווי דער טאַטע האָט געזאָגט. ער האָט זיך גיך צוגעוווינט צום נייעם נאָמען. געקראָגן אַ סך נייע חברים. די לערער זענען געווען גוט צו אים, געלויבט זיין געהאָרכזאַמקייט און גוט קעפּל. ביי ספּאָרט און גימנאַסטיק איז ער אויך נישט אָפּגעשטאַנען ווי אין אַנדערע לימודים. ווי נאָר ער האָט געקאָנט אַ ביסל לייענען, האָט אים דער רעוורענד אַרייַנגענומען אין קירך־כאָר. דאָס האָט געהויבן זיין אַנזען צווישן די חברים אין דער שול, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ.

פון יאָר צו יאָר איז בענעט אַריבער אין העכערע קלאַסן אַן שוועריקייטן. יעדן סוף שוליאָר האָט דער פּרינציפּאַל איינגעאָרדנט

אַ שול־קאָנצערט, צו וועלכן ס׳פלעגן קומען ווייסע געסט פון וויל־טעטיקע אינסטיטוציעס און אויסטיילן די קינדער מתנות. דער פרינציפּאַל און די געסט פלעגן האַלטן רעדעס. דערנאָך האָט דער שולכאָר געזונגען. בענעט דער סאָליסט האָט פאָרגעזונגען און דער כאָר האָט איבערגעחזרט:

מיר זענען בעטלער געשלאָגן מיט בלינדקייט,
לעבן אויפן חסד פון רייכנס גוטהאַרציקייט.
אין אַ טאָג, אַזאַ פריילעכן פאַר קינדער אָרעמע,
אָ! גיט, גיט די נויטבאַדערפטיקע אַ ביסל מערער.
מיר וויסן, איר זענט מענטשן באַרעמהאַרציקע,
טאָ גיט מיר בעטן, גיט פאַר געשלאָגענע.
מיר זענען פריילעכע בעטלער, זינגען לוסטיק,
צדקה־פּושקעס קלינגען לוסטיק —
ווי לייטיש זיך אויפצופירן וויסן מיר,
כאָטש נאָר בלינדע בעטלער זענען מיר...

לכבוד די ווייסע געסט האָט מען מיט דעם ליד און דערנאָך מיט טענץ פאַרענדיקט דעם קאָנצערט.

פעריענצייט, דער עיקר פאַר קריסטמעס, ווען אין דעם יידס קראָם איז מען געווען זייער פאַרנומען, האָט אים דער טאַטע מיט־גענומען צוהעלפן צו דער מחיה. ער האָט אים געוויזן ווי אויסצו־קערן, מאַכן טיי, פאַרפאַקן אַ פּעקל, דערלאַנגען וואָס. דערפאַר האָט אים דער בעל־הבית געגעבן פאַרן טאָג 3 שילינג מיט אַ קאָמפּלי־מענט: ביסט אַ פעיק ייִנגל, בענעט. אויך דורך דער לערנצייט אין די שבתים ווען מ׳איז נישט געגאַנגען אין שול, פלעגט ער אַרבעטן אין קראָם אַ האַלבן טאָג. מיטאָגצייט אַהיימגיין צוזאַמען מיטן טאַטן און דערנאָך לייענען אַ ביכל, וואָס דער לערער האָט אים אַנטליען.

אין שבת נאָך מיטאָג איז געקומען צו אים זיין חבר, דער קליינער דזשיימס, מיט אַ הילצערן קעסטל, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעשטאַרצט צוויי שטעקנס מיט אָנגעצויגענע דראָטן פון פאַר־שידענע דיק און געזאָגט:

— בענעט, זינג וואָס און איך וועל דיך באַגלייטן. — בענעט האָט געפאָלגט און באַוווּנדערט דעם אינסטרומענט מיט דעם האַר־מאָנישן באַגלייטער.

— פון וואַנען האָסטו דאָס?

— איך האָב דאָס אַליין געמאַכט.

— אויב ווילסט, בענעט, קענען מיר פאַרדינען געלט. דו וועסט זינגען, איך וועל שפּילן אויפן קעסטל, נאָך צוויי וועלן טאַנצן, איינער וועט פּויקן אויף אַ בלעך. אין איין שבת קענסטו פאַרדינען מער ווי 6 שבתים אין שאַפּ. וואָס זאָגסטו, בענעט?

מיטן טאַטנס הסכם האָבן זיי אַראַנזשירט אַ קאַפּעליע צו זינגען און שפּילן אין די גאַסן. דזשיימס איז געווען גערעכט. די פּעניס זענען געפלויגן אין היטל אַריין פון אַלע זייטן. שוואַרצע, ווייסע, אַלע האָבן געגעבן. אָפּט האָט אַ פינקל געטאָן אַ זילבערל, אַ טיקי, אַ סיקספּענס, אַפילו אַ שילינג. ביי בענעטן האָט מען זיך צעטיילט מיט געזאַמלטן אויף גלייכע חלקים און אָפּגערעדט אויפן קומענ־דיקן שבת. די דערפאָלגרייכע קאַפּעליע האָט אָפט געדאַרפן אַר־בעטן אין די גאַסן „אָווערטיימ״. — דאָס איז געשען ווען ווער פון די עלטערן האָט זיך גענויטיקט אין עקסטראַ געלט צוליב דעם אָנקומענדיקן ווינטער, קראַנקייט, אָדער אַרבעטסלאָזיקייט. האָט זיך די קאַפּעליע אויך אַרויסגעלאָזט אין אַ זונטיק און אַהיימגע־בראַכט אַ היטל „קלינגערס״... אָ, די פריילעכע „קאַפּעליע״ האָט מען גוט געקאָנט אין פּעריניכינג. כאָפּטעס קינדער האָבן שוין אויף זיי געוואַרט מיט די פּענעס אין די הענט און זיי נאָכגע־פאָלגט פון גאַס צו גאַס.

ביי איינעם אַזאַ גאַסן־„קאָנצערט״, האָט אַן עלטערער ווייסער מאַן געגעבן בענעטן אין האַנט 5 שילינג, אים אויסגעפרעגט ווער ער איז, ווו ער וווינט, פאַרשריבן אין אַ ביכעלע זיין אַדרעס און געבעטן, ער זאָל אַליין וואָס זינגען אַן דעם פויקן און טאַנצן. דעם מאַנס אינטערעס און זיין זינגען האָט צוגעצויגן נאָך נייגע־ריקע, וואָס האָבן זיך צוגעהערט, אַריינגעוואָרפן אין היטל גרעסע־רע מטבעות און איינגעשטימט מיט אים, אַז בענעט האָט אַ זיס שטי־מעלע, אַן אַלט. אַ שאָד, וואָס די גאַס איז זיין מוזיקשול... יענער שבת איז געווען פאַר בענעטן דער גליקלעכסטער טאָג, אָבער מער פון דעם ווייסן מאַן האָט ער נישט געהערט.

כאַטש דזשיימס איז געווען אַ קליינער און אין אַ קלאַס נידע־ריקער פון אים, איז ער געוואָרן בענעטס נאָענטסטער חבר. ער פלעגט אים אַרויסהעלפן מיט זיינע היימאַרבעטן, זיך אָננעמען פאַר אים אין דער שול בעת אַ מחלוקה מיט אַנדערע יינגלעך, דער עיקר מיט „ראָקי דער בול״. דאָס איז געווען דער צונאָמען פון גרויסן, פעטן ריקי, מיט די רויטפאַרלאָפענע אויגן, וואָס האָט זיך געוויגט אין גאַנג פון זייט צו זייט און געשמט אין שול פאַרן שטאַרקן.

ריקי איז געווען אין איין קלאַס מיט דזשיימסן, און נישט פאַרגינען די פּאָפּולערקייט פון בענעטן מיט זיין „אַדיוטאַנט״, דעם קליינעם דזשיימס, וואָס האָט געלט צו קויפן טשאָקאָלאַד, בייגל שיך, האַלטן זיך גרויס און חנפענען די לערער. האָט ער אָנגעהויבן בונטעווען די יינגלעך קעגן זיי. ס׳רוב יינגלעך האָבן מורא געהאַט פאַר אים, האָבן זיי צוגעבאָמקעט צו זיינע פּלוידערייען. מיט בע־נעטן האָט ער נישט געוואַגט אָנצוהייבן, אָבער צום קליינעם דזשיימס האָט ער אויסגעלאָזן זיין רוגזה, צעריסן זיינע ביכער, אַרויפגעגאָסן טינט אויף זיין עסן, פּראָוואָצירט געשלעגן. בענעט האָט אים אָפּט געבעטן ער זאָל דזשיימסן לאָזן צו רו. „וואָס האָסטו צו אים? ער

טשעפּעט דיך נישט״. ביי אַזאַ געשפּרעך איז ראָקי געשטאַנען מיט פאַרזשמורעטע אויגן, כיטרע געשמייכלט און אַרויסגעשאַרקעט מיט פאַרמאַכטע ציינער:

— אַזוי ווילסטו? האָ? אים לאָזן צו רו, האָ? דער קליינער ממזר מיינט ער איז אַ שטאַרקער, האָ? — און אָפּגעמאָסטן בענעטן מיט פאַרלאָפענע אויגן — דו וועסט זען ווי איך וועל אים צו רו לאָזן — און איז אַוועק מיט אַ שפּיי.

נישט לאַנג נאָך דעם שמועס איז ראָקי באַפאַלן דזשיימסן און אים געלאָזן ליגן אין פעלד מיט אַן אויסגעדרייטער, צעבראָכענער האַנט. אַזש מ׳האָט אים געמוזט נעמען אין שפּיטאָל אַריין פון וואַנען ער איז צוריקגעקומען מיט דער האַנט אין גיפּס. ראָקי האָט געדראָט אַלע ייִנגלעך מיט אויסגעדרייטע הענט, אויב זיי וועלן רעדן אַ וואָרט... דער פּרינציפּאַל האָט צונויפגערופן אַלע ייִנגלעך פון קלאַס פאַר אַן אויספאָרשונג, און קיין זאַך נישט אַרויסבאַקומען. נאָך דער אויספאָרשונג האָט בענעט אויג אויף אויג געוואָרנט ראָקין זיך מיט אים אָפּצורעכענען, אויב ער וועט נאָך איין מאָל אָנרירן דזשיימסן אָדער וועמען אַנדערש. מיט זידלווערטער אויף אים און זיין אַדיוטאַנט דעם ממזר דזשיימס איז ראָקי אַנטלאָפן. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך בענעט דערוווּסט, אַז ראָקי האָט אַרויסגעגנבעט דזשיימסעס אינסטרומענט און צעבראָכן. ווען בענעט איז געקומען אויסגעפינען צי ס׳איז אמת, האָט ער געטראָפן זיין חבר דזשיימס וויינען נאָך ביטערער, ווי ווען ער איז געבליבן ליגן אין פעלד מיט אַ צעבראָכענער האַנט. בענעט האָט אים באַרויִקט, פאַרזיכערט צו העלפן מאַכן אַן אַנדערן אינסטרומענט, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָנלערנען דעם ממזר ראָקין.

לאַנג נאָך דעם האָט ראָקי אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט בענעטן. אין די איבעררייס־שעהן אין שול, פלעגט ראָקי בלייבן אין קלאַס־צימער מיט זיך חברה, וואָס האָט פאַר מורא געהאַלטן

מיט אים. בענעט האָט געהאַט זיינע אָנהענגער, און צווישן די צווייִ לאַגערן איז געוואַקסן אַ מלחמה־שפּאַנונג. איין מאָל, אויפן וועג אַהיים פון דער שול, איז בענעט פאַרלאָפן ראַקין דעם וועג און געפרעגט: „פאַר וואָס האָסטו צעבראָכן דעם אינסטרומענט?״ אַ צעיושעטער האָט אים ראַקי דערלאַנגט אַ זעץ אין פּנים. בענעט האָט אַ צעבלוטיקטער אָוועקגעשליידערט די העפטן און מיטן אָנגעזאַמלטע צאָרן און גאַנצן כוח זיך געוואָרפן אויף ראַקין. ביידע מחנות ייִנגלעך האָבן געמאַכט אַ ראָד, געהיטן, אַז קיינער זאָל זיך נישט אַריינמישן און געוואַרט אויפן אויסגאַנג פון אַ ביטערן קאַמף, וואָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. ווען ראַקי האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שפּרינגמעסער, איז בענעטן געלונגען מיט אַ פלינקן קלאַפּ אים אַרויסצושליידערן דאָס מעסער פון האַנט און מיט באַנייטע כוחות האָט ער ראַקין אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. ראַקי איז געבליבן ליגן אַ צעמזיקטער און זיך נישט געקענט מער רירן. בענעט, אַ צעבלוטיקטער איז געשטאַנען איבער אים, געהאַלטן ראַקיס ביידע הענט פאַרדרייט אויפן רוקן. אויף די געוואַלדן ער זאָל אים באַפרייען די הענט, האָט בענעט געפאָדערט, ער זאָל פאַר אַלעמען אין די אויגן צוזאָגן מער קיינעם נישט אָנרירן און העלפן דזשיימסן מאַכן אַ נייעם אינסטרומענט. באין ברירה האָט דער „העלד״ צוגעזאָגט און איז געבליבן דער יורד פאַר אַלע אין שול.

זינט דעם קאַמף, איז בענעטס פּרעסטיזש ווי דער שטאַרקסטער אָנערקענט געוואָרן און געמאַכט אַ סוף צו באַזונדערע מחנות און שלעגערייען. ער איז געוואָרן דער פּוסק־אחרון ביי אַ מחלוקה אין שול צי אין לאַקיישן. פאַר די פאַר טעג וואָס ראַקי איז נישט געקומען אין דער שול, איז בענעט אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער און אין געהיים געשיקט שליחים אויסצוגעפינען וואָס ער מאַכט. ווען ראַקי איז געקומען אין שול האָט בענעט צוגעפירט דזשיימסן צו אים, אַלע דריי האָבן זיך געגעבן די הענט, געמאַכט שלום און

אָפּגערעדט ווען אָנצוהייבן מאַכן דעם אינסטרומענט. ראָקי האָט דערביי פאַרגעלייגט זיין באַדינג. אַז בענעט זאָל אים צוזאָגן צו ווירקן אויף די יינגלעך מ׳זאָל אים מער נישט רופן: „ראָקי דער בול״ (ראָקי דער אָקס) נאָר ווי זיין נאָמען איז — ריקי, אויף וואָס בענעט האָט געגעבן זיין צוזאָג.

אין אַ לאַנגן בריוו צום פּרינציפּאַל האָט בענעט דערציילט פון אַלץ, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען, אויך פון דעם פאַל מיט דזשיימסעס האַנט און געבעטן מחילה. דער פּרינציפּאַל האָט אים גערופן צו זיך אין ביוראָ. מיט אַ שווער האַרץ האָט בענעט נאָכ־געקוקט די פּאָר שפּאַן, וואָס דער פּרינציפּאַל האָט געמאַכט אין צימער אַ שוויגנדיקער מיטן בריוו אין האַנט. דער פּרינציפּאַל האָט אָנגעהויבן מיט מוסר־רייד: „מען טאָר זיך ביי קיין פאַל נישט שלאָגן. אַז אַ פּרינציפּאַל פרעגט, און מ׳ווייסט דעם ענטפער — מוז מען דערציילן״. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, צוגעצויגן אַ שטול פאַר בענעטן קעגן אים. אַ מילד־פאָטערלעך פּנים האָט פאַרטריבן דעם שטרענגן פּרינציפּאַל.

— ביסט אַ ווילער בחור, בענעט. דו ווייזט אַרויס סימנים פון אַ פיינעם מענטש, האָסט אַ גוטן איינפלוס אויף די יינגלעך. דער־פאַר וויל איך דיר געבן אַ מתנה. אָט איז אַ בוך פון סאַרא גערט־רוד מילין. „גאָטס שטיפקינדער״. לייען עס.

דער פּרינציפּאַל האָט אַריינגעשריבן וואָס, אים געגעבן דאָס בוך און געהייסן גיין אַהיים. אין דרויסן האָט בענעט איבערגע־לייענט דעם צושריפט: „צו מייך גוטן שילער בענעט, דעם רודף שלום״.

ביי דזשיימסן אין שטוב האָבן אַלע דריי אויסגעפּלאַנעוועט ווו צו נעמען די מאַטעריאַלן פאַרן אינסטרומענט. בענעט האָט געבראַכט אַ קעסטל און ריקי די איבעריקע מאַטעריאַלן און אין אַ פּאָר טעג איז דער אינסטרומענט פאַרטיק געוואָרן אונטער דזשיימ־

סעס אויפזיכט. ריקי איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, אַ פריינד־לעכער. ער האָט פאַרגעלייגט, מען זאָל אים לערנען שפּילן אויפן קעסטל ביז דזשיימסעס האַנט וועט פאַרהיילט ווערן. דזשיימס האָט איינגעשטימט צו ווערן זיין לערער, און דעם זעלבן שבת איז די „קאַפּעליע" ווידער געווען אין די גאַסן. דזשיימס איז געשטאַנען מיט דער האַנט אין גיפּס נאָענט צו זיין „שילער" און געהיטן דעם ריטם, געהאָלפן קלייבן דאָס געלט און ביי אים אין שטוב האָט מען זיך צעטיילט אויף גלייכע חלקים.

דזשיימס איז געווען דער עלטסטער פון פיר קינדער. זיין טאַטע האָט געאַרבעט אין דער שמעלצעריי און די מאַמע אין אַ פאַבריק ווי אַ קעכין ביז פיר נאָך מיטאָג. איין מאָל אַז די מאַמע איז נישט אַהיימגעקומען אין דער רעגולערער צייט, איז דזשיימס אַריך צו בענעטס מומען פרעגן צי זי ווייסט וווּ זיין מאַמע איז. ווען ער האָט געהערט אַז זי ווייסט נישט, איז ער צוריק געגאַנגען צו די ייִנגערע קינדער און געוואַרט. ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, איז בענעטס מומע געקומען אים זאָגן, אַז זיין מאַמע איז אַרויסגערופן געוואָרן אין שפּיטאָל צום טאַטן, וואָס האָט געהאַט אַן אומגליקס־פאַל אין דער שמעלצעריי. בענעט איז געקומען מיט הייס געקעכץ, די מומע איז אַוועק צוריק און ער איז געבליבן מיט זיי עסן און וואַרטן אויף זייער מאַמען. בענעטס עלטערן און אַנדערע שכנים זענען עטלעכע מאָל געקומען פרעגן, צי ס'איז דאָ נייעס פון שפּי־טאָל.. די ייִנגערע קינדער זענען איינגעשלאָפן. בענעט האָט געוואַרט מיט דזשיימסן ביז שפּעט ביינאַכט, ווען די מאַמע איז געקומען און דערציילט, אַז אין דער שמעלצעריי איז אַ קעסל מיט רויטער לאַווע איבערגערונען אויפן טאַטנס גוף. ער איז שווער קראַנק און האָט שרעקלעכע בראַנד־יסורים. צוויי וואָכן שפּעטער איז דער פאָטער געשטאָרבן. דזשיימס האָט געמוזט איבעררייסן אין מיטן פערטן קלאַס און אַוועק אַרבעטן אין אַ יאַטקע.

בענעטן איז אומעטיקער געוואָרן אין שול אָן דזשיימסן. כאָטש ריקי און אַנדערע זענען געווען גוטע חברים, דאָך האָט קיינער נישט געקענט פאַרנעמען דזשיימס אָרט. ער האָט באַדויערט זיין מזל, און נישט געוווּסט, אַז גאָר אין גיכן וואַרט אויף אים דער זעלבער גורל. די אַרבעט צו די עקזאַמענס פאַרן לעצטן יאָר, די געוווינט־שאַפט צו לייענען ביכער האָבן אים נישט געלאָזן צייט צו זיין מיט זיין חבר דזשיימס אויסער זונטיקביים זינגען אין די גאַסן. שבת, ווען דזשיימס האָט געאַרבעט האָט ריקי געשפּילט אויפן קעסטל, און לויט בענעטס איינשטעל האָט דזשיימס באַקומען אַ חלק, ווייל ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער קאַפּעליע.

בענעט איז אַריבער אין לעצטן סטאַנדאַרד 6 מיט אויסצייכע־נונגען. אַן אויפגעלייגטער האָט ער אַראַנזשירט, אַז אין דער פעריען־צייט, פאַר קריסטמעס; ווען די גאַסן זענען פול מיט מענטשן זאָל די קאַפּעליע שפּילן יעדן טאָג און ער האָט אויך אין די אָוונטן פאַרבראַכט מיט דזשיימסן. בענעט האָט אים אויפגעקלערט, ווי וויכטיק עס איז פאַר אים צו לייענען, אָפּט פאַרגעלייענט פאַר אים אַ זייטל, צווישן אַנדערע אַ טייל פון דעם בוך וואָס דער פּרינ־ציפּאַל האָט אים געשאָנקען.

— הער דזשיימס: „מיר זענען אַלע גאָטס קינדער, האָט גע־זאָגט דער רעווערענד אנדרו פלאַד. אָבער איז גאָט אַליין ווייס? פרעגט זיין באַדינערין קאַראַס, און ווייל דער רעווערענד האָט אין צווייפל געזוכט אַן ענטפער האָט זי געזאָגט: אפשר זענען מיר טונקעלע זיינע שטיפקינדער?” נעם דאָס בוך, דזשיימס, און לייען.

אין לעצטן פערטל פאַרן ענדיקן די שול איז געשען אַן אומגליק אין דער משפחה. אַן אויטאָבוס איז איבערגעפאָרן דעם טאַטן און אים דערדריקט אויפן אָרט. די געשעעניש האָט בענעטן דערשיטערט און געענדערט זיין גאַנץ לעבן.

זייך באַגער צו לערנען ווייטער האָט בענעט שוין פון לאַנג גע־

האָט אויסגעדריקט צום רעווערענד און שול־פּרינציפּאַל. ער וואָלט וועלן וויסן פון אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום, וועגן וואַקסן פון אַ בלום, הימלישע דערשיינונגען, אָדער וועגן היילן אַ ווונד. אויך רעליגיע און איר סאָציאַלע פונקציע האָט אים פאַראינטערעסירט.

— רעווערענד — האָט בענעט געזאָגט, ווען די הענט האָבן זיך געאייניקט צום געזעגענען — זענען מיר טאַקע אַזוי זינדיק?...

— ביסט אַ טייערער יונג, בענעט. ס׳וועט נישט נעמען לאַנג, וועסטו אַלץ אַליין פאַרשטיין. ווייל דו ווילסט פאַרשטיין. זיי געבענטשט פון גאָט מיין זון.

נישט איינמאָל האָט בענעט מאָסיליבו געשטעלט דעם אַרטיקן רעווערענד אין פאַרלעגנהייט מיט זיינע פראַגן. געשען פלעגט דאָס נאָך די זונטיק־תפילות אין קירך ווו בענעט האָט געזונגען אין כאָר און דערנאָך באַגלייט דעם רעווערענד אַהיים.

ביי אַזאַ שפּאַציר האָט בענעט איין מאָל געפרעגט:

— רעווערענד, אויב דער אַלמעכטיקער איז דער באַרמהערציקער צו אַלע מענטשן, און צו זיין קעניגרייך פון ליבע און יושר געהערן אַלע, פאַר וואָס זשע באַשטימט דאָס וויגל דעם גורל און צוקונפט פון מענטש?

אַ פאַרלוירענער האָט דער רעווערענד נישט געגלייבט זיינע אויערן, געזוכט אַן ענטפער און כדי צו געווינען צייט האָט ער געווישט דאָס ניקלענע צלמל אויף זיין טאָגע און געזאָגט: איך פאַרשטיי דיך נישט׳ בענעט, מאַך קלאָר וואָס דו מיינסט, בענעט.

— איך מיין רעווערענד, איך מיין — האָט בענעט פאַרצויגן דעם שטערן ווי אַ באַיאָרטער מענטש — מיר אַלע, וואָס זענען געבוירן אין די רעזערוואַטן אָדער לאָקיישנס מיט אַ שוואַרצער אָדער ברוינער הויט, איז נישט אונדזער גורל באַשטימט צו בלייבן אונטערדריקטע אָרעמע לייט?

דער שוין גאָר נאַקעטער אויסטייטש האָט דעם רעווערענד נאָך

מער צעטומלט און פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט. ער האָט אַרויפגע־לייגט אַ האַנט אויף בענעטס אַקסל, אים געצויגן נעענטער צו זיך ביז די טריט און שאָטנס פוןביידן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן.

דעם רעוורענדס אומרו איז געוואָקסן מיט יעדן שפּאַן, עס האָט אים געשראָקן די צוקונפט פון זיין תלמיד אין אַ לאַנד וווּ מ׳טאָר אַזעלכע פראַגן נישט פרעגן... מיטן בליק ווייט פאַר זיך איז דער רעוורענד געגאַנגען, געשוויגן און געטראַכט — וואָס ענט־פערט מען דעם יינגל? די שטילקייט אַרום האָט געזשומעט אין זיינע אויערן און געפאָדערט: — ענטפער, ענטפער, רעוורענד. ביז כמעט אין אַ תפילה־טאָן האָט דער רעוורענד שטיל געזאָגט:

— אפשר, בענעט, איז דאָס גאָטס ווילן?

— פאַר וואָס, רעוורענד, זאָל גאָטס ווילן זיין אַזאַ?

— אפשר, — אפשר זענען מיר זינדיק, בענעט.

— זינדיק, מיט וואָס, רעוורענד, פאַר ועמען?

— פאַר גאָט, בענעט.

— וואָס איז די זינד, רעוורענד?

— כ׳ווייס...

— איז זיין שוואַרץ אַ זינד, רעוורענד?

— זינדיקסט, בענעט!

— פאַר וועמען, רעוורענד?!

— פאַר גאָט, בענעט. פאַר גאָט, מיין זון.

— פאַר וואָס זשע שטראָפט אונדז דער מענטש, רעוורענד?

— ווייל מענטש איז גאָטס שליח, בענעט.

— יעדער מענטש, רעוורענד?

— ניין, נאָר וועמען גאָט ווילט אויס...

— אַ שוואַרצן אויך?

— אפשר... אפשר...

— נאָר צו שטראָפן ווילט זיי גאָט אויס?

— נייַן, צו טרייסטן אויך.

— ביסטו, רעוורענד, גאָטס שליח?

— אפשר... אפשר...

— שטראָפסטו אויך ווייסע?

— בענעט!! בע־ע־נ־ע־ט...

— איז גאָט אַליין ווייס?

— אָ, בענעט — האָט דער רעוורענד קוים אַרויסגעבראַכט מיט אַ געבראָכן קול און דערפילט ווי זיין האַלדז ווערט פאַרצויגן און די צונג געליימט אין טרוקענעם מויל. ער האָט נערוועזער געווישט דאָס צלמל און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין קלאַנג. דער וועג אַהיים האָט אים אויסגעזען אָן אַ סוף.

בענעט האָט דערפילט, אַז דעם רעוורענדס שטייפע פינגער אויף זיין אַקסל קלאַפּן עפּעס אויס צום טאַקט און ציען אים נאָך נעענטער צו זיך.

וואָס זאָגט מען דעם יינגל? האָט דער רעוורענד געטראַכט און אויסגעקלאַפּט מיט די פינגער דעם ריטם פון אַפריקאַן הימן: קאָזי סינגאַלעלאַ אַפריקאַ (גאָט העלף אַפריקאַ). ער האָט געזען ווי די הייסע לופט־כוואַליעס טאַנצן אים פריי אין פאַרוואַלקנטן מוח אַריין, ער האָט געזען ווי דער קוסט וויגט זיך פריי אין ווינט; ווי דער קראַליק איז פריי צו לויפן וווּהין ער וויל; דער הונט איז פריי צו בילן ווען ער וויל; אַ חיה רעוועט אין שרעק אָדער ווייטיק. און איך? וואָס בין איך? בין איך גאָטס שליח? וועמען מוסר איך, און וועמען טרייסט איך?...

ווי טראָפּנס סם האָבן זיך אין אים צעשפּילט און געברענט דעם יינגלס פראַגן וואָס וואַרטן אויף אַן ענטפער.

בענעט האָט געפילט, אַז ער האָט דעם רעוורענד מצער געווען. דאָס לאַנגע שוויגן האָט אים געשטאָכן ווי שפּיזן, ער האָט קוים געקאָנט מיטהאַלטן דעם לאַנגזאַמען לוויה־טראָט פון רעוורענד, וואָס

האָט אים געהאַלטן מיט אַ דראָט־שטייפער האַנט צוגעקאָוועט צו זיך. ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער זיך אַרויסגעריסן פון רעוורענדס קלעם און אַנטלאָפן. אין דעם מאָמענט האָט זיך דער רעוורענד אָפּגעשטעלט פנים אל פנים צו בענעטן. מיט אַן אָפענער האַנט געווישט דעם שווייס פון שטערן, פון פנים, ביז ער האָט זי אַראָפּגעלאָזט אויף בענעטס צוויטן אַקסל. בענעטן איז די קלעם נאָך שווערער געוואָרן. די שוויגעניש האָט אים גע־שראָקן. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן דעם רעוורענד אין פנים אַריין — לויט זיין הייך האָט ער נאָר געקאָנט זען דאָס ניקלענע יעזוסל, וואָס האָט געפינקלט פון רעוורענדס ברוסט און אויך ער האָט געשוויגן...

אין זכרון איז דעם רעוורענד אויפגעשווומען דאָס בילד פון אַ קינדער־דעמאָנסטראַציע אין לאָקיישן, לעצטן ווינטער. די מאַסע אָפּגעריסענע קינדער פאַר זיין טשעפל (קלויסטערל), וואָס האָבן געפאָדערט שולן און געזונגען דעם הימן. ער האָט געזען די באַאַמטע, וואָס זענען אַרויס פון ביוראָ ביים לאָקיישן־טויער, און שפּעטער די פּאָליציי־וואָך...

ער האָט זיך ווידער געזען שטיין אַ פאַרלוירענער ווען ער האָט געמוסרט אַן אויפגערייצטע מאַסע, און איינער האָט אים חוצפּהדיק איבערגעריסן און געפרעגט: — רעוורענד! קענסטו כאַפּן דעם ווינט? בייגן אים וווהין דו ווילסט?...

— אָבער פאַרשטייט...

— רעוורענד! — האָט אַ צוויטער געשריען — אַ שפין קען אויך דיינע רייד נישט פאַרשטיין. אָ ב ע ר זי איז קלוג די שפין האַ? זע דאָס געוועב אירס, קענסטו דאָס מאַכן?...

בענעט האָט אַ צאַפּל געטאָן ווי איין גוף מיטן רעוורענד. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזען ווי די זון שפּילט זיך מיטן רעוורענדס טרערן.

מער צוטרוי האָט בענעט געהאַט צום פּרינציפּאַל, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס פאַר אים, פאַרבעטן צו זיך אַהיים, אים געלערנט פּייפן אויפן פליײט, קלאָר געענטפערט אויף פראַגן, אַפּט געשטיצט אויף אַ זאַץ פון אַ בוך, וואָס האָבן אים געהאָלפן און באַרויִקט. אים אַנטליען ביכער און אַנגעוויזן וואָס צו לייענען. איין מאָל האָט אים דער פּרינציפּאַל אַוועקגעפירט צו אַניקין, זי זאָל אים לערנען מוזיק.

אַניקי איז געווען אַ באַסוטו־מיידל, וואָס האָט פריער שטודירט אין בלומפאָנטיין און איז איין לאַקיישן־שול די לערערין פאַר אַפריקאַאַנס און געזאַנג. זי האָט געוווינט ביי אַ שוועסטער אין אַ לאָקיישן־הייזקע, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון אַנדערע מיט דעם בייטל בלומען הינטערן פענצטער. ווען דער פּרינציפּאַל איז אַריינגעקומען מיט בענעטן און אַנאַנסירט דעם מוזיק־שילער, האָבן זיי געפונען אַניקין ביי דער פּיאַנאָ. אַ צופרידענע מיט די געסט, האָט זי איבערגעריסן דאָס שפּילן, צוגעשטעלט טיי און געמיטלעך געשמועסט מיטן פּרינציפּאַל וועגן פאַרשידענע שול־ענינים. בענעט האָט געהאַט צייט צו באַוווּנדערן די זויבערקייט אין צימער, כאָטש דאָס מעבל איז נישט בעסער ווי זיין מומעס, אַפילו די גלאַנציקע פּיאַנאָ איז פון איין זייט אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטיקל האָלץ.

נאָכן אויסטרינקען די טיי איז דער פּרינציפּאַל אַוועק כדי נישט צו שטערן. אַניקי האָט געהייסן בענעטן וואָס זינגען און זי וועט באַגלייטן, און גלייך זיך גענומען צו דער ערשטער טעאָרעטישער לעקציע סאָלפּעדזשאָ. געלאָפן מיט די פינגער איבער די קלאַווישן פון דאָ ביז דאָ, און אים געהייסן איר נאָכזינגען אין טאָן. נאָך דער לעקציע האָט בענעט איר געדאַנקט און אָפן דערקלערט, אַז ער האָט זייער ליב צו זינגען, אָבער ער צווייפלט צי ער האָט גענוג אינטערעס און צייט פאַר טעאָריע פון מוזיק,

ווײַל אים אינטערעסירן אַנדערע זאַכן צו לערנען. די לערערין, וואָס האָט אים געקענט ווי אַ שילער פון אַפריקאַאַנס און איר סאָליסט אין שול־כאָר, האָט מיט אַ מאָל דערזען פאַר זיך אַ מאַן מיט רײַפע געדאַנקען, וואָס וועבט פאַר זיך אַ צוקונפט ווי ער וויל.

— איך האָף, איר פאַרשטייט מיך, לערערין — האָט ער נישט דרייסט געזאָגט — אַז איר זייט נישט בייז פאַר מיין אומדאַנקבאַרקייט.

אויף דעם פּרינציפּאַל האָט ער דאָס זעלבע דערקלערט און געדאַנקט פאַר זיין מי. דער פּרינציפּאַל איז געווען צופרידן פון זיין דרייסטקייט און זיכערקייט אין זיין שטרעבן און אים צוגעזאָגט צו העלפן אפשר קריגן אַ סטיפּענדיע פאַר ווייטערדיקע שטודיעס.

— אָבער וואָס ווילסטו שטודירן? כ׳מיין, וואָס וואָלסטו וועלן זיין?

— סער, — האָט בענעט פאַרצויגן דאָס פּנים אין טראַכטן — איך ווייס נישט ווי דאָס הייסט. נאָר אַז איך גיי אין פעלד, און איך זע אַ שיין בלימל, און דערביי אַ מאָגער, נידעריק גרעזל, טראַכט איך פון לאָקיישן און די הייזער מיט די שיינע גערטנער פון די ווייסע. —

— דאָס הייסט סאָציאַלע ויסנשאַפט — האָט דער פּרינציפּאַל באַוווּנדערט בענעטס אַלעגאָרישן פאַרגלייך און באַשלאָסן טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך כדי דער יונג זאָל קענען שטודירן.

נאָכן טאַטנס קבורה איז די מומע אַוועק צום ייד אין קראָם איינמאָנען איר מאַנס אָפּשפּאָר פאַרן יאָר און דאָס געהאַלט פאַר דער לעצטער וואָך. מר. בעקער האָט אויסגעדריקט זיין מיטלייד דער אלמנה, זי געטרייסט, געלויבט איר מאַן, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים אַ סך יאָרן, איר געגעבן 10 פונט עקסטראַ, אַ ביסל שפּייז, זי געבעטן זיצן און פאַרפירט אַ שמועס וועגן בענעטן.

— איך וואָלט דיר געעצהט זאָלסט מיר צושיקן דיין ייִנגל אַרבעטן. איך קען אים, ער איז אַן אָרנטלעך און פעיִק ייִנגל. ס'איז פאַר קריסטמעס, צו וואָס זאָל איך זוכן אַ פרעמדן? ער איז דיין קינד, איך וועל אים צאָלן דעם זעלבן געהאַלט ווי דיין מאַן. כאָטש אַ פיקאַנין (שוואַרץ ייִנגל) קען איך קריגן פאַר אַ דריטל...

— אָ, באָס, בענעט איז נישט מער קיין פיקאַנין, ער ווערט שוין באַלד דעם 17טן קריסטמעס. ער איז, אַ דאַנק גאָט, הויך און געזונט. אָבער כ'ווייס נישט צי ער וועט וועלן גיין אַרבעטן, ער וויל לייענען ביכער, לערנען.

— און עסן וויל ער נישט?... און דו? אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַזאַ אומגליק... ס'שאַדט נישט. איך בין געגאַנגען אַרבעטן ייִנגער פון אים. און כ'האָב געהאַט אַ טאַטן. לייענען ביכער, לערנען וועט ער אויך קאָנען נאָך דער אַרבעט אויב ער וויל. פאַר דאַנקבאַרקייט צו דיר, צו דיין טויטן מאַן, גיב איך אים דעם זעלבן געהאַלט. פיר פונט צען אַ וואָך, דאַרף ער מאָרגן אין דער פרי דאָ זיין.

דער לעצטער אַרגומענט האָט זי איבערצייגט, און זי האָט צוגעזאָגט צו רעדן מיט בענעטן.

דעם זעלבן אָונט ביים עסן פרעגט די מומע:

— נו בענעט, וואָס וועט איצטער זיין?...

— וואָס מיינסטו, מומע?

— וואָס רעכנסטו טאָן?

— וואָס זאָל איך טאָן?

— מר. בעקער וויל זאָלסט פאַרנעמען דעם טאַטנס דזשאָב. ביסט אָרנטלעך זאָגט ער, און ער וויל נישט צונעמען קיין פרעמדן. און פאַרן זעלבן געהאַלט. פיר פונט צען אַ וואָך — האָט זי אויס־געצויגן די ציפער — ס'איז אַ סך געלט... וואָס זאָגסטו?

— יאָ, ס'איז אַ סך געלט...

— וועסט נעמען דעם דזשאָב?

— אויב די מומע וויל...

— מיר מוזן עקזיסטירן, עסן, צאָלן דירה־געלט. דער טאַטע האָט זייער וויניק אָפּגעשפּאָרט...

בענעט האָט דערפילט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן, דער ציטערנ־דיקער לעפל אין האַנט האָט מיט אַ דראָבנעם קלאַפּן אָפּגעקלונגען אין טעלער. צו פּאַרווישן זיין געמיט פאַר דער מומען האָט ער אַרונטערגענומען די הענט פון טיש, און געבליבן זיצן אַן איינ־געבויגענער איבערן הייסן טעלער זופּ. זיין פאַרכמאַרעטער מוח, און די צעפּאַרעטע זופּ האָבן אים פאַרבלענדט. די מומע האָט דאָס אַלץ באַמערקט און געפונען איין טרייסט אין דער ציפער:

— פיר פונט צען אַ וואָך, איז אַ סך געלט. אַ גוטער דזשאָב, בענעט. מר. בעקער איז אַ גוטער ייד.

אַ פאַרכלינעטער פון זיינע געפילן, האָט ער זיך מער נישט גע־קענט באַהערשן און אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין:

— אַוודאי וועל איך נעמען דעם דזשאָב... פיר פונט צען אַ וואָך איז אַ סך געלט... מיר מוזן עקזיסטירן... עסן... אוי ווי, מומע מיינע...

— פאַר וואָס אַזאַ ביטער געוויין? וואָס ביסטו אַ קינד?! אויף אַזאַ דזשאָב וועסטו קענען גיך חתונה האָבן, נעמען אַ דירה אין נייעם לאָקיישן, איך וועל זיין מיט דיר, פירן די ווירטשאַפט. דאַרפסט זיין צופרידן, נישט וויינען.

— און פאַר מיר מיינט דאָס אַ סוף צו אַלץ!!! צו אַלע מיינע חלומות!!!

— וואָס זאָגסטו?

— גאָרנישט, מומע. ביסט גערעכט. גערעכט, מיין גוטע מומע — האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל אַז ער איז צופרידן און באַדעקט די פאַרטרערטע באַקן מיט אַ שמייכל — פיר פונט צען איז אַ סך געלט...

בענעט האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן בעטל אַן אָנגעטאָענער, מיט די הענט איבער די אויגן. די מומע איז געווען זיכער, אַז ער איז איינגעשלאָפֿן, האָט זי פֿאַרלאָשן דאָס ליכט און זיך געלייגט אין בעט. בענעט איז לאַנג געלעגן וואַך און געטראַכט, וועגן דזשיימס און זיין ביטערן גורל. אַלץ אין אים האָט געוויינט. דאָס וואָרעמע געזאַלצנס האָט ער געשלונגען שלוק נאָך שלוק און דאָס האָט אים באַרויִקט, ער האָט קיין מאָל נישט געוווסט, אַז אייגענע טרערן קענען האָבן אַזאַ ווירקונג... עס איז אים איצטער בעסער ווי אַ ווײַלע פֿריער, ווען ער האָט געפֿילט אַזאַ טיפֿן עלנט, וואָס האָט אים שיער נישט צעשפּאָרט. דער טרערן־אויסגוס האָט אַפֿילו אַרויס־געקלונגען אין אַ טרעלנדיקן ניגון: אוי, מײַן אובאַבאַ (טאַטע). אַ וואָרט וואָס ער האָט נישט באַנוצט זינט ער איז געווען אַ קינד. און דאָס וואָרט האָט אויפֿגעעפֿנט אַ פֿענצטערל צו זיין געדעכעניש אין קראַאַל, ווען ער איז געווען דער קלײנער מאַסיליבו, געלאָפֿן איבער בערג און זולולאַנד, דער טאַטע האָט אים נאָכגעיאָגט און געכאַפּט, געשליידערט אין דער הויך ווי אַ פֿילקע, און ער איז מיט פֿאַרמאַכטע אויגן פֿונעם ווינט צוריקגעפֿאַלן אין טאַטנס הענט אַריין... ער האָט געפֿילט דעם לייכטן לויף פֿון זיין איהאַשי או־האַמבאַ איקוקו (לויף פֿון פֿערדל) רייטנדיק אויפֿן האָן, די וואָרעמ־קייט פֿון זיין ברענענדיקער היים, ווו די גאַנצע משפּחה איז פֿאַר־ברענט געוואָרן.

דער מומע מאָליס קרעכץ אין שלאָף האָט מיט אַ מאָל פֿאַרמאַכט דאָס טירל פֿון זיין קינדישן אַ מאָל — איצט זעט ער זיך אין דער געשטאַלט פֿון זיין אָנקל — זיין שטאָטישער טאַטע. דאָס וועט ער ווערן. אַ קראָם־אָנגעשטעלטער, אָנמעסטן אַ רעקל, אַ פּאָר שיך, פֿאַרפּאַקן אַ פּעקל, וועלן אַרויסקריגן פֿון קונה וואָס מער... ער פֿילט, ווי ר׳איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ שטייג און קען מער נישט אַרויס... ער קומט עס דער גוטער מומען.

צו מאָרגנס אין דער שול האָט ער מיט קיינעם נישט אַרויס־געריעדט קיין וואָרט, אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס טרויערט ער צוליבן אומגליק מיט זיין טאַטן און אים געלאָזן צו רו. נאָך די לעקציעס האָט ער געזאָגט דעם פּרינציפּאַל, אַז ער וויל מיט אים רעדן. דער פּרינציפּאַל האָט אים אויסגעהערט, דערפילט זיין ייִנג־לישן צער און אים געטרייסט.

— דאַרפסט נישט זיין אַזוי פאַרצווייפלט, בענעט, אַפילו אויף אַ דזשאָב וועסטו קענען נאָך דער אַרבעט ווייטער לערנען. אַ פונ־דאַמענט האָסטו. וואָס איז וויכטיקער פון אַלץ, איז דיין באַגער און דורשט צו לערנען, צו וועלן וויסן. אוודאי איז אַ גרויסער שאָד, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. אָבער, בענעט, דאָס לעבן איז פול מיט טראַגעדיע... דיין באַשלוס איז אַ ריכטיקער, קומסט עס דיין מומען, און זיך אַליין אויך. איר מוזט לעבן. ווען דאַרפסטו אָנהויבן צו אַרבעטן?

— גלייך מאָרגן, סער.

— אהא, נו, די לעצטע צוויי חדשים אין שול זענען פאַר דיר נישט אַזוי וויכטיק. דו וועסט קריגן דיין צייגניש, אַז דו האָסט די שול געענדיקט. הלוואי אויף אַנדערע ייִנגלעך נישט ערגער. איך ווינטש דיר אַ סך גליק, און קום צו מיר ווען דו ווילסט. איך דאַרף דיך פונקט ווי דו דאַרפסט מיך...

ער איז אַהיים געגאַנגען אַ געשטאַרקטער און באַשלאָסן מער נישט צו באַוויינען זיין גורל.

* * *

בענעט איז אויפגעשטאַנען, ווען דער פלאָם פון די שמעלצע־ריי־קוימענס האָט נאָך געציטערט מיט אַ מאַטער ראַזיקייט אויף די שויבן־פענצטער. ס'האָט אים דערמאָנט אין דעם באַגינען, ווען ער האָט זיך געגרייט דעם ערשטן טאָג צו גיין אין דער לאַקיישן־שול.

שוין אַן אָנגעטאָענער אין זיין גוטן אָנצוג מיט אַ ווייס העמד און שניפּס האָט ער געוועקט די מומע.

— איך גיי אויפן דזשאָב!

אַ פאַרשלאָפענע, האָט זי זיך מיט האַלב אָפענע אויגן אויפגע־זעצט אין בעט. בענעט האָט איבערגעחזרט:

— מומע, איך גיי אויפן דזשאָב! — און זי מיט די ווערטער אויפגעוועקט.

— טפו, טפו, טפו, און איך האָב געהאַט אַזאַ בייזן חלום.

— איך גיי אויפן דזשאָב — האָט בענעט אַ שמייכלענדיקער אויסגעשפּרייט די הענט, זי זאָל זען ווי אויסגעפּוצט ער איז.

— גוט, מיין זון, זעסט אויס ווי אַ לערער אין יאָהאַנעסבורג. — זי איז גיך אַראָפּ פון בעט. אַ צופרידענע צוגעשטעלט טיי און פּאַ־רידזש אויפצוקאָכן.

דער העל געוואָרענער הימל האָט דעם פלאַם פון די קוימענס פאַרביטן אויף שוואַרצן רויך. בענעט האָט געקוקט אויפן רויך, וואָס לאָזט זיך מיטן ווינט אין אַ געדריי און געטראַכט — אַז ער וואָלט ליבערשט געגאַנגען אין דער שמעלצעריי אַרבעטן, הייצן די גרויסע אויוונס, ווי גיין אין דער קראָם, פאַרקויפן אַ רעקל...

— אָט איז דער פרישטיק, מיין זון, קום צום טיש.

אַ נאָגנדיקער אומעט האָט אַריינגעטריפט אין אים, ווען ער האָט געזען, ווי די מומע פאַרפאַקט דאָס ברויט מיט מאַרמעלאַד, ווי זי האָט עס געטאָן אַלע יאָרן פאַר איר מאַן אין דעם זעלבן בלעכענעם קעסטעלע — דאָס קעסטעלע אַפילו, אויך דאָס זעלבע: איך קריך אין גאַנצן אַריין אין זיין הויט; אַ, ווי אַנדערש אַלץ איז מיט איין מאָל געוואָרן. ערשט נעכטן, בין איך געווען אַ שילער מיט אַזויפיל פאַרלאַנגען, שטרעבונגען, געזען אַ לייטער מיט אַ סך שטאַפּלען צו קלעטערן — און היינט? ביים סאַמע ברעג — דער אָנקל־טאַטע מיט די ביינער. מיטן דזשאָב, מיטן קעסטעלע ברויט,

מיט די פיר פונט צען אַ וואָך... עס איז ביטער דערטרונקען צו ווערןביים סאַמע ברעג...

— אָט איז דייך לאַנטש, בענעט. וואָס איז געשען?! פאַר וואָס טרערן דיינע אויגן?

— גאָרנישט, מומע, אַ קרישקע ברויט איז מיר אַריין אין אויג — ער האָט זי געדריקט צו זיך און איז גיך אַרויס פון שטוב.

— גיי מיט גליק, מיין זון. — זי האָט נאָכגעקוקט בענעטן מיטן בלעכענעם קעסטעלע שפּייז און נישט אויפגעהערט צו וויינען.

די פרישקייט פון באַגינען האָט בענעט אַריינגעצויגן מיט אַ טיפן אָטעמען אויף זיין ערשטן גאַנג צו דער אַרבעט. כאָטש אין זיין מוח האָבן נאָך געטליעט פונקען פון פריערדיקע מחשבות, איז ער געווען צופרידן פון זיין באַשלוס. צו טיילן זיין גורל מיט דער מומען. פאַרקערט, ער איז געגאַנגען מיט אַ לייכטן שפּרונג, געקאָפּעט די דימענטענע טוי־טראָפּנס פון די אָדער־בלעטער און צוריק געוואָרפן אַ לייכטן ניגון דער מומען, וואָס איז נאָך גע־שטאַנען ביי דער טיר.

בענעט איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי פרי אין שטאָט. צום ערשטן מאָל ווי ער האָט געהערט די שטאָטישע פרימאָרגן־סימפאָניע פון רוישיקע אויטאָבוסן איבערפולטע מיט מענטשן, טראַסקנדיקע לאַסטוועגענער, וואָס טריפן מיט בלוט פון געשחטענע אָקסן, וועליסאָפּעדן מיט צוגעטשעפּעטע קוישן אויף רעדלעך פירן קלינגענדיקע פלעשער מילך. אינדוסן מיט גאָרנדיקע קונציק־אויפגעבויטע וועגענער אָנגעלאָדענע מיט גרינסן און פרוכטן. ריקשאָ־באָיס שפּרינגען אונטער שלעפּנדיק פּאַסאַזשירן מיט וואַליזעס. קלע־נערע לאַסטוועגענער מיט פאַרשידענע אַנדערע סחורות. ביי די אויטאָבוס־טערמינאַלן אַ געדראַנג פון מענטשן מיט קעסטעלעך אין די הענט ווי ער, שטופּן, קריגן זיך, שרייען ביז קולות. אַ גרופּע שוואַרצע אַרעסטאַנטן אין געשטרייפטע לייוונטענע רעקלעך גייען

באַרוועס, איינגעשרומפּענע פון קעלט, אײדער דער מזרח־מולך באַוויזט זיך, אײלן אונטער דער שמירה פון מענטשן פון זעלבן קאָליר מיט גראָבע גאַלקעס אין די הענט. אַ משפחה ברוינע שלעפּן אויף האַנטוועגעלעך זייער פאַרמעגן: מעבל, וואַליזעס, בלומענטעפּ. מענטשן, אַזוי פיל מענטשן פון פאַרשידענע קאָלירן יאָגן זיך מיט רענצלעך, טלומיקלעך, קעסטעלעך אין די הענט גאַס איין גאַס אויס, און בענעט איז צווישן זיי געגאַנגען דעם לאַנגן וועג און מיט אַ גיריקייט אויפגענומען דעם פרימאָרגן פון דער שטאָט, ווי אַן ערשטע אַנטפּלעקונג און געפילט ווי ער גייט דורך אַ טויער צו אַ נייער, פרעמדער וועלט.

ווען מר. בעקער איז געקומען עפענען זיין קראָם, האָט ער געפונען פאַר די טירן שטיין אַן אויסגעפּוצטן, שוואַרצן יונגנמאַן.

— ווער ביסטו און וואָס ווילסטו?

— גוט מאָרגן, הער. איך בין בענעט, געקומען אַרבעטן.

— דער פּיקאַנין? (אַ שוואַרץ יינגל) — האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין אים.

— יאָ, הער, אָבער נישט מער קיין יינגל — האָט בענעט שעמעוודיק געקוקט אויפן בעל הבית וואָס איז געווען אַ קאָפּ נידע־ריקער פון אים.

— ביסט אויסגעוואַקסן, בענעט, האַ? איך האָב דיך נישט דערקענט. אַ ווייסער־קאָלנער־אַרבעטער, הא? אויב ווילסט אַרבעטן און זיין געהאָרכזאַם ווי דער טאַטע, וועסטו האָבן אַ גוטן דזשאָב.

— יאָ, סער — האָט אים בענעט געהאָלפן מיט די שלעסער און זיי זענען אַריין אין קראָם.

בענעט האָט זיך גלייך גענומען איינלייגן קאָלדרעס און אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זענען געבליבן צעוואָרפן פון נעכטן, אָוועקגעלייגט אַלץ אין די פאָליצעס ווי עס געהער, אָפּגעשטויבט די טאָמבענק,

אויסגעקערט, אויפמערקזאַם אַרומגעגנומען מיט די אויגן צו געדענ־קען ווו יעדעס אַרטיקל ליגט, און געפרעגט דעם בעל־הבית, וואָס האָט געלייענט אַ ציי‌טונג, צי ער וויל טיי.

— אַנו, לאָמיר זען ווי דו מאַכסט אַ גלאָז טיי — האָט ער אים געוויזן דעם עלעקטרישן טשייניק.

בענעט האָט געוואַשן די טעפּלעך, די גלעזער, און דערלאַנגט דעם בעל־הבית אַ גלאָז שטאַרקע טיי אָן מילך.

— אָ, פון וואַנעט ווייסטו, אַז איך טרינק ראַשן טיי?

— איך געדענק, סער, איך פלעג דאָ קומען מיטן טאַטן.

— טויגסט זיך אויס, האַ? דאָרט שטייט דיין טאַטנס טעפּל, מאַך זיך אויך אַ טעפּל טיי.

— דאָס טעפּל אויך — האָט בענעט געטראַכט...

ווען דער ערשטער קונה, אַ ווייסער מאַן, איז אַריינגעקומען איז אים בענעט אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ פריינדלעכן גוט מאָרגן און געהערט אַז ער וויל אַן עלעגאַנט אָונט־העמד. דאָס אַרטיקל האָט ער גראָד נישט געהאַט באַמערקט. מר. בעקער האָט אים אָנגעוויזן אויף דער אויבערשטער פּאָליצע אין די קעסט־לעך. „אייער מאָס?" האָט בענעט געפרעגט און האָט מיט אַ שפּרונג אויפן טאָמבאַנק אַראָפּגענומען דאָס קעסטל. דער בעל־הבית האָט געגעבן דעם פּרייז, צוגענומען דאָס געלט, בענעט האָט פּאַרפּאַקט און דערלאַנגט דאָס פּעקל און צוריק געשטעלט דאָס קעסטל אויפן אָרט. די קראָם איז געווען אָפּגעלאָזן, שמוציק. קיין סך קונים זענען נישט געווען, האָט אים דער בעל־הבית אַרומגעפירט פון אָרט צו אָרט רייניקן.

אין הינטערשטן לאַגער־צימער איז געווען אַ סך סחורה, אַזש מ'האָט קוים געקאָנט מאַכן אַ שפּאַן. קאָלדרעס, הויזן, רעקלעך, העמ־דער, שיך, רימענס, היטלען, אַלץ צעשליידערט אין אומאָרדענונג. ס'האָט בענעטן גענומען שעהן אויסצולייגן די אַרטיקלען אין אָרדע־

נונג און ריין צו מאַכן דאָס צימער. נאָך מיטאָג, ווען די בעל־הביתטע איז געקומען אין געשעפט, האָט זי זיך געוווּנדערט פון דער זויבערקייט און אָרדענונג אין קראָם.

— קענסט אַהיימגיין, איך האָב אַ גוטן העלפער און אַ געשמאַק גלאָז טיי אויך.

— דזשאָן! ביי וועמען האָסטו געאַרבעט?

— ביי דער מאַדאַם — האָט בענעט געענטפערט אַן אומצופרידענער פון דעם „דזשאָן".

— דערקענסט אים נישט? פּיטערס יינגל.

— וויפל צאָלסטו אים?

— גיי אַהיים און לאָז מיך צו רו. פון היינטיקן פדיון וועט מען פעט נישט ווערן.

בענעט האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף איר און איז געווען צופרידן, וואָס זי פלעגט נאָר קומען שבת אויף עטלעכע שעה. מיטן בעל־הבית האָט ער זיך גוט איינגעלעבט. ער האָט צוגעלייגט קאָפּ, זיך אויסגעלערנט יעדעס אַרטיקל, געהאַלטן די סחורות אין אָרדענונג, געוווּסט די פּרייזן, געווען סימפּאַטיש ביים פאַרקויפן. מר. בעקער האָט באַמערקט, אַז ער האָט אַ שיינע האַנטשריפט און חשבונט גיך, האָט ער אים איבערגעגעבן שרייבן אַלע קבלות, קאָנטראָלירן סחורות, וואָס קומען פון הורט־סוחרים און פאַבריקן, נישט געפונען קיין טעותים איז ער געווען צופרידן און בענעט איז געוואָרן דער גאַנצער פירער.

איין שבת, ווען בענעט האָט געגעבן דעם בעל־הבית אונטערצושרייבן די קוויטאַנציעס פאַר סחורה, וואָס ער האָט דערהאַלטן, איז די בעל־הביתטע געוואָרן אַן אויפגעקאָכטע:

— אַ דזשאָן לאָזטו קאָנטראָלירן סחורה? אַ שחורהדיקן געטרויסטו דערמיט??!

— ביז היינט האָט מיר נאָך קיין זאַך נישט געפעלט. וואָס שרייסטו? איך קען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

ביים בילאַנס נעמען האָבן די באַלעבאַטים אָפּט געפרעגט בענעטן וועגן אַרטיקלען און פרייזן. קענענדיק די אָפּצייכענונגען פון קויף און פאַרקויף־פרייז, האָט בענעט איינגערוימט זיינע חברים און זייערע עלטערן, וואָס זענען געקומען קויפן, אַז ער וועט קריגן פון בעל־הבית אַ רעדוצירטן פרייז. מר. בעקער איז נישט געווען צופרידן דערפון. נאָר אַז ער האָט געזען, אַז בענעט ברענגט אים אַ סך קונים, ווייל אין לאָקיישן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ביי בענעטן קריגט מען ביליקער איז ער געווען שטאַרק צופרידן דער־פון, און יעדן שבת, ביים פאַרמאַכן די קראָם געגעבן בענעטן אַ מתנה, אַ העמד, אַ שניפּס, אַ נאָזטיכל.

בענעט האָט זיך בעל־הבית גערופן ביים נאָמען מר. בעקער. און באַשטאַנען, אַז זיין נאָמען איז בענעט. אַפילו פאַר דער מאַדאַם, אַז זי האָט אים גערופן דזשאָן, האָט ער זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אָדער געזאָגט „מאַדאַם, איך הייס בענעט" און געטאָן זיין אַרבעט. זיך געהאַלט האָט ער יעדן שבת אָוועקגעגעבן דער מומען און פאַר זיך געלאָזן אַ ביסל אויף אַ צייטונג, אַ ביכל אָדער אַ קאַלטן טרונק.

מר. בעקער איז נאָרמאַל געווען אַ פריינדלעכער מענטש, ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט ער אָפּט אונטערגעזונ־גען... נאָר ווען מ'האָט נישט געלייזט איז ער געוואָרן בייז און פון זינגען איז געוואָרן אַ בורטשען. אין אַזעלכע טעג איז בענעט גע־וואָרן אַ טויגעניכטס, אַן אידיאָט. בענעט האָט אים גוט געקאָנט, כאָטש ס'האָט אים פאַרדראָסן פלעגט ער אַראָפּשלינגען די זיל־זולים און אים אויסמיידן, אַריינגיין אין לאַגער־צימער און לייענען. מר. בעקער האָט באַמערקט ווי ער ווערט פאַרפאַלן אין הינטערשטן צימער, האָט ער אים אָנגעהויבן חושד צו זיין... עס איז אים געקור־

מען אויפֿן זינען אַ רעקל, וואָס איז איין מאָל נעלם געוואָרן, האָט ער באַשלאָסן אים אָפּצוטשאָטשעווען און כאַפּן אויף דער הייסער מינוט.

אין לאַגער־צימער איז געווען טונקל און קאַלט. אין אַזאַ בייזן טאָג איז בענעט דאָרט געבליבן אַ לענגערע צייט ווען קיין קונים זענען נישט געווען, און אָנגעטאָן אַן אַלטע סאָלדאַטסקע קורטקע צוליב וואַרעמקייט און געלייענט. מיט אַ מאָל האָט זיך די טיר האַסטיק געעפֿנט. ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ צאָרנדיקן בעל־הבית, אַזש ר'האָט אַ ציטער געטאָן.

— וואָס טוסטו דאָ, האַ?

— איך לייען, מר. בעקער.

— איך בין דיין באָס. ממזר! נישט מר. בעקער פֿאַר דיר. איך צאָל דיר פֿאַר אַרבעט, נישט פֿאַר לייענען. און וואָס נאָך טוסטו דאָ?...

— גאָרנישט מר... באָס.

— אַזוי... און דאָס וואָס איז?...

— ס'איז מיר געווען קאַלט, באָס. ע, ע, אַנטשולדיקט מיר,באָס.

— און ווו איז דאָס ברוינע רעקל?...

— איך ווייס נישט, באָס.

— איך ווייס יאָ!!! —איז ער צוריקגעלאָפֿן אין קראָם מיט געוואַלדן. — מיין ווייב איז געווען גערעכט, מען טאָר זיי נישט געטרויען די ממזרים.

בענעט איז אים נאָכגעגאַנגען, געבליבן שטיין ביים טאָמבאַנק אַ צעקלעמטער פֿון דעם חשד, וואָס האָט אים געבריט ווי פֿייער. מר. בעקער האָט אַליין באַהאַנדלט די קונים און נישט גערעדט צו אים ביזן אַהיים גיין. בענעט איז אַהיים געקומען אַ צעבראָכענער. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט ער באַשלאָסן צו זאָגן דער מומען, אַז ער קען מער אין קראָם נישט אַרבעטן.

— פאַר וואָס? האָסט אַ בעסערן דזשאָב?... מעגסט דאָך מיר ענטפערן... וואָס איז געשען?

— עס פעלט אַ רעקל.

— יעזו הייליקער, נישט דו...

— יאָ, איך...

— דו?

— אַזוי מיינט ער.

— פאַר וואָס?

— ווייל איך בין אַ שוואַרצער ממזר, און ביי זיי זענען מיר אַלע גנבים.

— נישט ביי מר. בעקער. דו אַליין האָסט געזאָגט: אַז ער בייזערט זיך טאַקע, שרייט, אָדער בטבע איז ער אַ גוטער מענטש. דער טאַטע האָט ביי אים געאַרבעט צוואַנציק יאָר.

— דער טאַטע האָט שטענדיק צוגעשמייכלט מיט אַ יעס באָס. מיך אויך אַזוי געלערנט: אַ באָס איז שטענדיק גערעכט, אַז ער בייזערט זיך אויף דיר, אַפילו ווען ער רופט דיך ממזר, גנב, שמייכל, זאָג יעס באָס. איך בין נישט דער טאַטע. איך בין נישט דער טאַטע!!! דו הערסט מומע? איך בין בענעט אוהאַמאַ.

די מומע, אַ דערשלאָגענע, איז געבליבן זיצן מיט בײדע הענט אויף די קני. בענעט האָט געזען אירע טרייסלענדיקע הענט פון צער:

— וואָס ציטערסטו? איך בין נישט מער קיין קינד און וועל אונדזער ברויט פאַרדינען, און וואָס פאַר אַ אַרבעט איז פאַר מיר פאַרקויפן אַ קאָלדרע, מאַכן טיי, כ׳בין דאָרט איינער אַליין, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. מיינע מוסקולן ווערן שלאַבעריק, די הענט רייסן זיך צו אַרבעטן ביי אַ פאַך, אַן אינדוסטריע, אַ שמעל־צעריי, אין אַ פאַבריק מיט אַרבעטער, ווו ס׳איז דאָ מיט וועמען צו רעדן, זינגען. אַ קראַם איז סיוווי נישט פאַר מיר. און פיר פונט

צען אַ וואָך איז אויך נישט פאַר דיר?... איך וועל דאָס קריגן ביי אַן אַנדערער אַרבעט אויך.

— זאָל זיין ווי דו ווילסט, אַז מ'איז יונג האָט מען יאָרן פאַר זיך, אַזוי אויך דעם שכל...

דעם זעלבן אָוונט איז בענעט אַוועק צום פּרינציפּאַל, אים דער־ציילט וואָס האָט פּאַסירט און געזאָגט, אַז ער וויל מאָרגן גיין צו דער שמעלצעריי וועגן אַ דזשאָב.

— דאָס קענסטו נישט טאָן — האָט אים דער שול־פּרינציפּאַל אויפגעקלערט — מוזט פריער קינדיקן, געבן נאָטיס פאַר אַ וואָך, דאָס איז געזעץ. מר. בעקער מוז אונטערשרייבן דיין פּאַס, אַז ער באַפרייט דיך. דאָס איז געזעץ, בענעט.

— פאַר וואָס באַטראַכטן זיי אונדז פאַר גנבים?

— אַוודאַי איז חושד זיין אַן אומשולדיקן אפשר אַזאַ זינד ווי גנבענען. די פאַרב פון פּנים באַשטימט זיכער נישט צי אַ מענטש איז אָרנטלעך אָדער נישט. מענטשן זענען נישט ווי אָראַנזשן פון איין פאָרם. אָבער אָרעמקייט, פינצטערניש... האָדעוועט פאַרברעכן, אַזוי איז אומעטום. ווו מען בויט נישט קיין שולן מוז מען בויען טורמעס, האָט אַ קלוגער מענטש געזאָגט. גיי אַהיים, בענעט, און טו ווי איך ראָט דיר.

אין דער פרי איז בענעט אויפגעשטאַנען ווי שטענדיק, געזאָגט דער מומען, אַז ער גייט צוריק אַרבעטן פאַר אַ וואָך נאָטיס. זיין רו:קייט האָט זי אויסגעטייטשט, אַז דער כעס איז פאַרביי און ס'וועט בלייבן ביים אַלטן.

ווי שטענדיק האָט בענעט געוואַרט אויף מר. בעקער אין דער פרי פאַר די טירן. געזאָגט בלויז „גוט מאָרגן" אַן מר. בעקער אָדער באָס. דער בעל־הבית האָט געשוויגן. בענעט האָט געטאָן זיין רוטין־אַרבעט, געמאַכט טיי און שפּעטער אין טאָג געזאָגט, אַז ער גיט אַ וואָך נאָטיס.

— וואָס? דו גיסט מיר נאָטיס?!!! אָט איז דיין געלט פאַר די פאַר טעג — האָט מר. בעקער אַ שלידער געטאָן אויפן טאָמבאַנק זיין געלט מיטן פּאַס. „ער גיט מיר נאָטיס" האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען. בענעט האָט אים געבעטן אונטערצושרייבן זיין פּאַס, און ביי דער טיר שוין געזאָגט:

— כ'וויל איר זאָלט וויסן, מר. בעקער, אַז איך בין נישט קיין ממזר און נישט קיין גנב.

בענעט איז געווען צופרידן וואָס ס'האָט זיך אַזוי געענדיקט. ער איז גלייך אַוועק צו דער שמעלצעריי, ווו מ'האָט פאַרשריבן זיין נאָמען און אַדרעס און געהייסן קומען די צווייטע וואָך. פון דאָרט איז ער אַוועק צו אַ צווייטער שמעלצעריי, ווו ער האָט געפונען אַן אויפשריפט אויף דער טיר, אַז מ'דאַרף נישט קיין אַרבעטער. ער האָט אָנגעקלאַפּט פאַר אַן אָפיס־טיר פון אַ מעבל־פאַבריק. אַ ווייס מיידל האָט אים געהייסן וואַרטן, ביז דער פאַרמאַן איז אַרויסגעקומען, געלייענט אין זיין פּאַס, געשטעלט פראַגן:

— האָסט אַ רעקאָמענדאַציע?

— ניין.

— פאַר וואָס ביסטו אַוועק פון בעקערס סטאָר?

— ווייל כ'וויל אַרבעטן אין אַן אינדוסטריע.

— פאַר וואָס האָסטו נישט קיין רעקאָמענדאַציע?

— דער באַס איז געווען בייז אויף מיר, ווייל כ'האָב אים געגעבן נאָטיס.

— ווען?

— היינט.

— האָט ער דיך אַרויסגעוואָרפן?, מוזט זיין דער אמתער לויפער...

— ניין, סער.

— פאַר וואָס האָסטו געוואָלט געבן נאָטיס?

— כ׳האָב דעם סער שוין געזאָגט.

— וואַרט אַ ווייל. — איז דער פאַרמאַן אַריין אין אָפיס מיט מיט זיין פאַס אין האַנט. נאָך אַ ווייל האָט אים דאָס מיידל אַריינגערופן.

— אָט איז דיין פאַס, איך האָב פאַרשריבן דיין אַדרעס, קום מיך זען נאָכן ערשטן.

ווען בענעט איז אַרויס האָט דער פאַרמאַן לאַכנדיק געזאָגט צום אָפיס־מיידל:

— אַ קאָמישער מענטש דער מר. בעקער. פריער וואַרפט ער אים אַרויס, און איצט וויל ער אים צוריק, כאָטש גלייך. כ׳האָב דאָס דערקענט אין זיין אָפּרעדן מיך פון אים דורכן טעלעפאָן.

דער מומען האָט ער פון די הייַנטיקע געשעענישן נישט דערציילט נאָר דזשיימסן, וואָס האָט אים געראַטן צו קומען צו איך אין דער פרי, ווען ער אים אַריינפירן צו מר. פאַן הירדן אין הויף פון בוי־מאַטעריאַלן נעבן דער יאַטקע, ער דאַרף אַן אַרבעטער און איז זיכער, אַז ס׳קען זיין אַ דזשאָב.

— אָבער איך וויל אַרבעטן אין אַן אינדוסטריע.

— און ביז דאַן? און אפשר — איז דזשיימסן איינגעפאַלן —ווילסטו צוריק אָנהייבן די קאָפּעליע אין די גאַסן?...

— וואָס פאַלט דיר איין, דזשיימס. איך וויל אַרבעטן, נישט בעטלען...

דער קליינער דזשיימס האָט אויסגעזען ווי אַ פינטל נעבן הויכן פאַן הירדן. געלויבט אין אַפריקאַאַנס לשון זיין חבר בענעט. דערציילט, אַז ער זינגט אין קירך־כאָר. פאַן הירדענען איז געפעלן בענעטס אויסזען, ער האָט געקוקט אין זיין פאַס, געשטעלט עטלעכע פראַגן און אים אָנגענומען פאַר פיר פונט אַ וואָך. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אַ שמוציקע. בענעט האָט געטראָגן זעק צעמענט, וואַנעס, וואַשבאַסיינען, שטיקער אייזן. די קליידער זענען

גיך געוואָרן שמוציק און אָפּגעריסן. ווידער איז ער געווען אַליין. מיטן בעל־הבית האָט ער נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט אויסער ווען ער האָט אים אויסגעצאָלט זיין געהאַלט, אָדער געקומען אין הויף זאָגן וואָס צו טאָן. איז אים וואָס נישט געפעלן, האָט ער אים געזידלט. אַהיימגעקומען פלעגט בענעט נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט אַ שמוציקער און אויסגעשעפּטער. נאָכן אָפּעסן פלעגט ער אַוועקפאַלן אין בעט אַ טויט מידער. נישט געהאַט מער קיין צייט און געדולד צו לייענען. פון זיין איצטיקן מצב און קלענערן געהאַלט איז די מומע אויך אַרומגעגאַנגען אַ שטום אָנגעברוגזטע. דאָס האָט אויף אים שלעכט געווירקט ביז ער האָט אַרויסגעשריען:

— פאַר וואָס רעדסטו נישט צו מיר? שריי, זידל, שילט מיך!!! כ׳האָב עס כשר פאַרדינט.

אַז די מומע האָט בלויז בייז געקוקט אויף אים, איז ער ווידער אָן אַ וואָרט אַרויס פון שטוב מיט אַ זעץ אין טיר.

אים האָט געצויגן צו דער שמעלצעריי, וווּ ער פלעגט אָפט גיין פרעגן, טרעפן אַנדערע אַרבעטער פאַר די טירן. מען האָט אים געהאַלטן אין איין אָפּשלעפּן. בענעט האָט אין גאַנצן פאַרלוירן די האָפענונג, אַזוי אויך אין דער מעבל־פאַבריק. מר. בעקער האָט באַפוילן ער זאָל צוריקקומען. ווי ביטער ס׳איז אים געווען האָט ער דערפון נישט געוואָלט הערן. די מומע איז צוליב דעם נאָך מער פאַרצווייפלט און בייזער געוואָרן. פאַרן שול־פּרינציפּאַל האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ ווען דער לאָגע ביי דער אַרבעט און אין שטוב. דער פּרינציפּאַל האָט אים צוגעזאָגט צו רעדן מיט איינעם וואָס אַרבעט שוין אַ סך יאָרן אין דער מעבל־פאַבריק. איין שיינעם טאָג האָט ער דערהאַלטן אַ ידיעה, ער זאָל קומען אין דער פאַבריק אַרבעטן. דאָ האָט בענעט באַשלאָסן איז זיין לעצטע סטאַנציע. ער וועט אָנשפּאַנען זיינע מוסקולן, זיך אויסלערנען אַ פאַך און זיין מיט די אַרבעטער צוזאַמען.

די ערשטע פּאָר וואָכן האָט ער געטראָגן ברעטער, דערלאַנגט צו די מאַשינען, געפּוצט און געלאַדעוועט אויף לאַסטווּעגענער פּאַרטיקע מעבל. געקראָגן נייע פריינד, טייל האָבן אים געקענט פון קירך־כאָר. דער אַלטער, וואָס האָט אים רעקאָמענדירט, האָט געהאַלטן אויף בענעטן אַן אויג, אים געלערנט האַלטן אַ האַמער אין האַנט, אַ זעג, פּאַלירן. מיטאָגצייט זענען אַלע אַרבעטער געזעסן אין דרויסן, נאָכן עסן האָט מען געשפּילט אין דייס, קאָרטן, דאַמקע. בענעט האָט זיך צוגעקוקט און שטיל אונטערגעזונגען. אומבאַמערקט האָבן אַנדערע מיטגעהאַלטן אַ ניגון. ביסלעכווייז זענען געוואָרן וויניקער שפּילער און מער זינגער, ביז ס׳איז געוואָרן אַ מיטאָג־כאָר צו וואָס אַפילו די בעלי־בתים האָבן זיך צוגעהערט. די אַרבעטער האָבן בענעטן ליב באַקומען, אים אַפילו צוגעלאָזט אַרבעטן אויף אַ מאַשין. אויף דער שטעלע האָט בענעט אָנגעהויבן מיט פיר פונט צען אַ וואָך און גיך געקראָגן אַ הוספה. זיין געמיט איז לייכטער געוואָרן, ער האָט זיך געפילט נוצלעך און אָנגעלייגט, פרייטיק, ווען ער האָט דערלאַנגט דער מומען דעם קאָנווערט מיט זיין געהאַלט האָט ער שטיפעריש געזאָגט: „נו, פּאָר וואָס שרייסטו נישט אויף מיר”. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטום געבעטן מחילה...

שבת און זונטיק איז ער געווען פריי. אין קירך־כאָר האָט ער מער נישט געזונגען. אויך פון דער גאַסן־קאַפּעליע איז ער שוין לאַנג אַרויס. ער האָט אַ סך געלייענט, געשמועסט מיטן פּרינציפּאַל, אים געדאַנקט פאַר דער גרויסער הילף, וואָס האָט געענדערט זיין לעבן, דערציילט ווי גוט ס׳איז אים איצט אין דער פאַבריק און ווי ביטער עס איז אים געווען פריער:

— פּרינציפּאַל, פאַר דאַנקבאַרקייט צו אייך, וויל איך איר זאָלט נעמען פון מיר די מתנה — האָט בענעט אים דערלאַנגט אַ לאַנגע זאַך איינגעוויקלט אין פּאַפּיר.

— צו וואָס, בענעט? דו ביסט צו אָרעם פאַר אַזאַ לוקסוס.

אַ פּליט. אַ דאַנק דיר, מײַן ייִנגל. אויב אַזוי, וועל איך שפּילן אויף מײַן אַלטן און דו אויף מײַן „נייעם פּליט" די מעלאָדיע וואָס איך האָב דיך געלערנט. די טענער פון דעם דועט האָבן צוזאַמענגעגע־ברענגט דעם פּרינציפּאַלס גאַנצע משפּחה אַרום זיי, און בענעטן געגעבן משפּחה־גליק, וואָס איז אים געווען פרעמד...

ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן די פאַבריק ווי זײַן העכערע שול פאַר לערנען. ער האָט זיך דערוווּסט פון פּראָפעסיאָנעלע פּאַראײַ־נען צו וועלכע שוואַרצע קענען נישט געהערן, וועגן מאַשינען צו וועלכע שוואַרצע טאָרן זיך נישט צורירן. טייל מיטאָג־קאָנצערטן זענען פאַרביטן געוואָרן אויף שמועסן וועגן אַנדערע אינדוסטריעס. ראָבערט דער פאָלירער פלעגט דערציילן פון זײַן זון, אַ גוטער בוי־אַרבעטער, וואָס האָט אַליין געבויט הײַזער און אַרבעט אין שטאָט שוין יאָרן, איז אים נאָר דערלויבט אַריינצושלאָגן אַן אַלטן נאָגל, נישט קיין נייעם. ער מעג נאָר דערלאַנגען דעם ווײַסן אַרבעטער דעם צעמענט מיטן ציגל, אָבער אַליין אָוועקלייגן דעם ציגל טאָר ער נישט. ער טאָר נישט אָפּרייבן מיט זאַמד־פּאַפּיר אַ טיר, אַ פענצ־טער, אָדער איבערשמירן מיט אַ ביסל פאַרב. אין געהיים נעמט ער אַן גרויסע רעמאָנטן, וואָס ער טוט אין די וויק־ענדס.

— ער איז אַ גלענצנדיקער אַרבעטער, מײַן זון, און זײַן בעל־הבית ווייסט עס, און וואָלט אים געלאָזט אַלץ טאָן. אָבער די „פּרי־ווילי־גירטע" דזשאָבס פאַרזיכערן די ווײַסע אַרבעטער פאַר זיך, כדי צו פאַרהיטן זייערע הויכע געהאַלטן...

— זאָלן זיי אונדז צאָלן מער, וועלן זיי נישט דאַרפן היטן... „רעזערווירטע" דזשאָבס, מײַן ברייטע נאָז —...

— נו, די סירענע פייפט! צו דער אַרבעט! גענוג געפּלוידערט!

בײַ אַזעלכע מיטאָג־שמועסן איז אָפט אַרויסגעקומען דער אַנטאַ־גאָניזם און האַס, וואָס האָט געהערשט צווישן די שוואַרצע און ברוינע.

— דו בלוטיקער בושמאַן, ממזר. ליגסט דאָך מיט דיין אייגענער מאַמען... וואָס וויסטו? — האָט מען געקענט הערן פון שוואַרצן צו אַ ברוינעם.

— דו בלוטיקער קאַפפער, דרעקישער ווורשט, פאַרמאַך דיין שוואַרצן מיסטקאַסטן, אַנישט וועל איך דיר אַרויסהאַקן די ווייסע ביינדלעך — פלעגט קומען דער ענטפער פון ברוינעם באַגלייט מיט קלעפּ.

בענעט פלעגט זיך אַריינמישן, צעדייסן די שלעגער, איינשטילן, און אַוועקגיין אין אַ געדריקטער שטימונג און געטראַכט — איבער וואָס הרגענען זיי זיך?... די ווייסע אַרבעטער אין פאַבריק האָבן געגעסן באַזונדער, אָבער געאַרבעט צוזאַמען מיט אַלע און זיך באַצויגן פריינדלעך, אויסער ווען זיי זענען אין כעס געוואָרן. די שנאה פון זייניקע צו די ברוינע און פאַרקערט האָט אים באַאומרויִקט.

דער ווייסער פאָרמאַן האָט אים נישט נאָר דערלויבט, נאָר אויך געהאָלפן מאַכן פאַר זיך אַ ביכערשענקל, אַ בענקל. ביי שכנים אין לאָקיישן האָט ער צורעכט געמאַכט צעבראָכענע מעבל. בענעט האָט זיך דערמאָנט אין דעם אָפּגעבראָכענעם פיסל פון דער לערעריןאַניקיס פּיאַנאָ. האָט ער אָנגעקלאַפּט אין איר טיר און געזאָגט:

— לערערין, איך אַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק און קען שוין אַ ביסל די מלאכה, איך וואָלט וועלן פאַרריכטן אייער פּיאַנאָ.

— אַ גרויסן דאַנק דיר, בענעט. זייער שיין פון דיר. האָסט אַ גוטן זכרון. ביסט דאָ נאָר איין מאָל געווען.

בענעט האָט זיך פאַרשריבן דעם פאַסאָן און דיק, די פאַרב פון די פיסלעך. אַניקי האָט אים אויסגעפרעגט ווי ס׳גייט אים, און צי האָט ער אפשר געביטן זיין מיינונג וועגן לערנען מוזיק. אים איינגעלאַדן קומען ווען ער וויל זינגען און זי וועט באַגלייטן.

— קענסט אַזוי אויך אַריינקומען, ביסט נישט מער קיין שול־יינגל...

— אַ דאַנק, לערערין, כ׳וועל קומען מיט פאַרגעניגן. פריער וויל איך מאַכן דעם דזשאַב.

— און איך בין נישט מער דיין לערערין, קענסט מיך רופן אַניקי — האָט זי אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום געזעגענען.

— לערערין, כ׳מיין מיס אַניקי, כ׳וויל איך וואָס פרעגן. פאַר וואָס עקזיסטירט אַזאַ האַס צווישן אונדזערע מיט די ברוינע?

— ווו האָסטו דאָס באַמערקט?

— ביי דער אַרבעט, איצט זע איך דאָס אויך אין לאָקיישן. דוכט זיך, מענטשן פון זעלבן גורל.

— דאָס איז אמת, בענעט, אָבער נישט אין גאַנצן. מיר שוואַרצע זענען אַ פאָלק, טאַקע אונטערדריקט, אָבער אַ פאָלק מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, מיט טראַדיציעס, לעגענדעס, פאָלקלאָר, אַ פאָלק מיט אַן אייגענער קולטור, שפּראַך און לעבנסשטייגער, וואָס רעגט אָן היסטאָריקער, שרייבער פון פאַרשידענע פעלקער צו פאָרשן און שרייבן ביכער וועגן אונדז. די ברוינע זענען נישט קיין פאָלק, פאַרמאָגן גאָרנישט אייגנס, אַ געמיש איבערבלייב פון אַ צופעליקער פיזישער תאווה צווישן אונדז און די ווייסע. זיי זענען אומגליקלעכער פון אונדז. מיר און די ווייסע שעמען זיך מיט זיי. דער ווייסער צאָלט פאַר זיין טראָפּן בלוט אינעם ברוינעם מיט געוויסע פּריווילעגיעס, קען דאָס דער געוויינלעכער שוואַרצער נישט פאַרטראָגן. אַוודאַי דאַרף מען זיי נישט האַסן, גיכער באַדויערן. אוודאַי איז זייער גורל דער זעלבער און האַסן דאַרף מען זיי זיכער נישט... דו זעסט אויס צו זיין פאַרזאָרגט וועגן דעם. ס׳וועט זיך ענדערן — פאַרשטייסט? איצט בין איך ווידער אַ לערערין. מיר לעבן אין אַ ראַם וואָס הייסט צייט. און צייט איז געשיכטע, און געשיכטע האָט צייט — דאָס ראַד דרייט זיך אָן אַ סוף און לאַנגזאַם, מען

רופט דאָס עוואָלוציע. זאַכן בייטן זיך אין דעם היסטאָרישן ראָד־געדריי. און מיט דעם דאָס מענטשלעכע טראַכטן. אַט האָט מען געגלויבט, אַז אַלץ דרייט זיך אַרום דער ערד. איז געקומען אַ מאַן, קאָפּערניק, און באַוויזן, אַז די וועלט אונדזערע, די ערד, איז נישט מער ווי אַ פּלאַנעט וואָס דרייט זיך צוזאַמען מיט אַנדערע פּלאַנעטן אַרום דער זון. זאָרג זיך נישט, בענעט, ס׳קען אייביק אַזוי נישט בלייבן. די וועלט היינט איז אַ סך אַנדערש ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. מיר דאַרפן אײן זאַך — בילדונג, דאָס וועט פאַרווישן די ליידן פון האַס, ווייל דער וואָס האַסט, ליידט נישט ווייניקער פון געהאַסטן. בילדונג איז וויכטיקער פון נייע הייזקעס, אָדער אַפילו פון העכערע געהאַלטן... נו, וואָס ביסטו אַזוי שטיל ?... אינטערע־סירט דיך דאָס מער ווי מוזיק ?

— יאָ, מיס אַניקי, דאָס און אַנדערע זאַכן. איך דאַנק אייך פאַר דער לעקציע. איר זייט זייער קלוג, מיס אַניקי. ווען כ׳וועל האָבן פאַרטיק דאָס פּיסל, וועל איך ווידער קומען. — בענעט איז אַוועק אַ באַרוישטער פון אירע קלוגע רייד, און געוואונדערט מיט אומגעדולד זיך ווידער מיט איר צו באַגעגענען און פרעגן אַנדערע פראַגן.

אויסטאַקן דאָס פּיסל פאַר דער פּיאַנאָ איז אים נישט אַנגעקומען לייכט, ער האָט נישט באַגריפן, אַז ער האָט צוגעזאָגט עפּעס, וואָס איז געווען איבער זיינע כוחות. אין פאַבריק מאַכט מען אַזעלכע זאַכן נישט. האָט ער מיט דער הילף פון אַן אַנדערן גע־שניצט מיט דער האַנט, ביז דאָס שטיקל האָלץ האָט אָנגענומען די פאָרם. שבת אין דער פרי איז ער געקומען מיט מכשירים, אַ טעפּל האָלצפּאַפּ, אַ פלעשל ברוינעם וואַניר, צוגעשניצט, געריבן מיט זאַמדפּאַפּיר. אַניקי האָט אים געהאָלפן אויפהויבן די פּיאַנאָ. ער האָט פאַרפעסטיקט דאָס פּיסל, פאַרשמירט מיט וואַניר, און געווען צופרידן פון זיין איינפאַל. מיט אַ שטאָלץ פון זיין דערגרייכונג האָט ער איר דערקלערט, אַז איצט טאָר מען די פּיאַנאָ נישט

רירן פון אָרט פאַר אַ וואָך צייט. אַ צעשטראַלטע פון דאַנקבאַרקייט פאַר זיין מי האָט זי אים געפרעגט:

— אָבער שפּילן אויפן אָרט מעג מען?

— יאָ — האָט דער „עקספּערט" געענטפערט.

— אויב אַזוי זינג וואָס און איך וועל באַגלייטן.

— מיינע הענט זענען...

— אַ דאַ איז זייף, אַ האַנטוך — האָט זי אים אָנגעוויזן זיך אָפּצוואַשן, און זיך געזעצט ביי דער פּיאַנאָ שפּילן און זינגען.

בענעט איז געבליבן לענגער ווישן די הענט און זיך צוגעהערט צו דער וווּנדערלעכער מעלאָדיע.

— וואָס האָט איר געשפּילט? ס'איז זייער שיין.

— דאָס איז אַ לעגענדע פון דער טרער, דאָס לעצטע געשאַנק וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטש.

— איר קענט די ווערטער?

— יאָ. ווילסט הערן?

— מיט פאַרגעניגן.

אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, איז די טרער געקומען
פאַר גאָט מיט אַ געבעט — אין מיר האָסטו אַלמעכ־
טיקער פאַרגעסן.

איינזאַם אַליין בין איך געבליבן. און זיך צעגאָסן אין אַ טרערן־
טייך...

ביסט גערעכט מיין טרער, האָט גאָט קול געקלונגען,
דערפאַר וועל איך דיך באַלוינען צו דער נאָבעלסטער פונקציע.
ווען מענטש וועט זיין באַצערט אין לידן, וועסטו זיך באַווייזן
אויפן חשובסטן אָרט — אין מענטשנס אויגן.
אוי ווי אַלמעכטיקסטער אוי ווי, האָט די טרער געכליפּעט.

די אוהאַמאַס

פאַרוואָס איז מיין מזל זיך צו באַוויזן נאָר ווען מענטש
ליידט ?...
ביסט ווידער געדעכט מיין אָרימע טרער, האָט אַ בת־קול
געענטפערט :
דו וועסט זיך אויך באַוויזן, ווען מענטש איז עקזאַלטירט
אין פרייד...

די ווייכקייט און איר געפילפול שפילן און זינגען, דער מיין פון דער לעגענדע, האָבן געווירקט אויף בענעטן און אים פאַרטריבן צו פרעמדע וועלטן. מיטן לעצטן אַקאָרד זענען אַניקיס הענט געבליבן אויף די קלאַווישן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו בענעטן. ער האָט דערזען איר צעשמייכלט פּנים מיט גלאַנציקע, איבערפולטע אויגן, טרערן, וואָס לעשן אַן אומגעהויערע ביטערניש... זי האָט זיך אויפגעשטעלט מיטן פּנים צו אים, פאַרשלאָסן ביידע הענט אַרום זיין נאַקן, באַטראַכט זיין יונג־מענעריש פּנים, און געשוויגן, אַ טיפע וואַרעמקייט איז געווען אין איר בליק, וואָס האָט געווירקט שטאַרקער פון רייד... זי האָט אים געדריקט צו זיך און געקושט. בענעט האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דעם הייסן אָטעם פון אַ פרוי אויף זיין פּנים, און די וואַרעמע ווייבלעכקייט פון בריסטן. אַ פאַרלוירענער האָט ער געענטפערט מיט קושן און געפילט אין אוממאַכט — נייע, צעעפנטע קוואַלן פון זיסן תענוג פליסן אין זיינע אָדערן...

זיין פאַרברענטער נעכטן

בענעט האָט געטראַכט פון זיין חבר ריקין, וואָס פלעגט אים דערציילן פון זיינע עסקים מיט מיידלעך, און דערביי לײדנשאַפט־לעכער פאַרציען דעם רויך פון פאַפּיראָס, באַווייזן זיין געשלעכטס־אבר, גרויס און האַרט בעת מעשה און דערנאָך שלאַבעריק, ווייך ווי אַ קליין מייזל. די מעשיות פלעגן אים אויך אויפרעגן — און ער האָט אַפילו איין מאָל שוין געהאַט אָפּגערעדט מיטצוגיין מיט אים, און לסוף געווען צופרידן וואָס ער האָט זיך צוריקגע־האַלטן... איצט פאַרשטייט ער וואָס ריקי האָט געמיינט. — אַ פרוי — אַ קוואַל פון גליק און פאַרגעניגן אין לעבן, פון וואָס אַ שוואַר־צער קען געניסן פונקט ווי אַ ווייסער... אַניקיס שפּילן און זינגען די לעגענדע פון דער טרער. דער אינטימער עפּילאָג — האָט גע־מאַכט אויף אים אַ רושם, וואָס פאַרפאָלגט אים. מיט ווידערווילן האָט ער געטראַכט פון ריקין, וואָס פלוידערט פון אַזעלכע איבער־לעבונגען. ביי אים איז עס אַ הייליקער סוד, וואָס וואַרעמט אין אים סיי אַ פאַרבינדונג, סיי אַ באַגער, וואָס ציט אים צו דער לע־רעריך אַניקי, און דאָך שרעקט דאָס אים.. אין חלום איז ער געלעגן מיט אַניקין. און באַגינען געוואַשן דאָס ליילעך די מומע זאָל נישט זען די סימנים... פאַר אַ תירוץ האָט ער געזאָגט, עפּעס האָט אים געביסן די נאַכט.

אַ פאַרטראַכטער האָט ער זיך איין מאָל בעת אַ שפּאַציר גע־פונען הינטער אַניקיס טיר און אַוועקגעלאָפן. אַניקי האָט אים געזען גיין דורכן פענצטער און געעפנט די טיר. זי האָט געזען ווי ער אַנטלויפט. כאָטש די פרוי אין איר איז געווען באַליידיקט, האָט

זי געפונען פאַר אים אַ זכות אין זיין יינגלישער שעמעוודיקייט. ס׳שאַדט נישט, ער וועט אויסוואַקסן. דער פאַקט, וואָס ער קומט ביז דער טיר האָט זי געטרייסט. זי האָט באַרירט איר מויל און געטראַכט פון בענעטס ליפּן — טויאיק פרישע פלוימען — „זיס״ — האָט זי פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און צוזאַמענגעפּרעסט די בריסטן פון באַגער.

בענעטס טעג אין דער מעבלפאַבריק זענען געווען פול מיט אַרבעט, מיט די מיטאָג־קאָנצערטן, דיסקוסיעס וועגן פּאָליטיק און אינדוסטריעס. ווי אַ שטיק האַרטע ערד, וואָס זאַפּט איין רעגן, האָט ער איינגעזאַפּט אַלץ, וואָס איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן. נאָר די אָוונטן אין שטוב זענען געוואָרן פוסט און לאַנגווייליקע, אַפילו צו לייענען האָט ער מער קיין געדולד נישט געהאַט. נערוועז זיך אָפּגעריסן פון בוך, יעדע ווייל געלאָפן צו דער טיר, און צוריק צום טישל. זיין איבערגעגעבענעם שול־פּרינציפּאַל האָט ער אויך אויסגעמיטן, נישט געזען זיינע חברים. די מומע האָט באַמערקט, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג מיטן יונג — האָט זי אָנגעהויבן פרעגן און אַריינרעדן אין אים. ער האָט אויף אַלץ געענטפערט: „גאָרנישט״. די מומע אָבער האָט נישט נאָכגעלאָזן, ביז ער האָט אויסגעשריען:

— שווייג!!! שווייג זאָג איך דיר.

— אַוודאי, ווען דו ביסט געווען קליין האָב איך דיך געלערנט רעדן, היינט, אַז דו ביסט גרויס, לערנסטו מיך שווייגן... נו, וועל איך שווייגן, אָבער צו דיין שול־פּרינציפּאַל קענסטו דאָך גיין און רעדן, ער האָט דיר שטענדיק געהאָלפן. וואָס דרייסטו זיך דאָ אַרום ווי אַ שוואַרצער וואָלקן? וועסט דאָך פון זינען אַראָפּ.

ביי אַזעלכע שמועסן פלעגט ער אַנטלויפן פון שטוב. די מומע האָט געטראַכט: ער האָט אַ גוטן דזשאָב, ער האָט ליב זיין אַרבעט אין פאַבריק, נישט ווי פריער, אין שאַפּ. און דאָך... וואָס איז געשען

מיטן יונג לעצטנס ?... וואָלט געווען אַ טאַטע, וואָלט ער אים נישט געלערנט שוויגן... אָרימער יונג, צוויי טאַטעס באַגראָבן, איז דען אַ וואונדער ?...

טאָם גלעלי איז געווען דער פאַבריק־רייניקער, אַן עלטערער זולו פון „עסקאָרד"־געגנט אין נאַטאַל, וואָס האָט שטענדיק גע־טראָגן אין די אויערנשניטן גרויסע, רונדע מיט פאַרבן באַשמירטע קלעצלעך. אַהיימפאָרן פלעגט ער צוויי מאָל אַ יאָר אויף עטלעכע וואָכן. אויף זיין שטיקל לאַנד האָט טאָם געהאַט צוויי ווייבער און צען קינדער פון ביידן. אַלע קינדער האָט טאָם אַ נאָמען געגעבן לויט שטאַטישע זאַכן, אָדער געשעענישן, וואָס זענען אים געפעלן. איין זון האָט געהייסן „בייסקאָפּ". אַ טאָכטער — „העלענע רוביג־שטיין", אַ צווייטער זון — „הערי גלאַנץ", אויפן נאָמען פון אַ יידישן אַרבעטסגעבער, אַ זון — „קעמיסט", אַן אַנדערן „סטרייק", „קריסט־מעס", „טשאַרלי טשאַפּלין". דעם יינגסטן זון האָט ער אַ נאָמען גע־געבן „בענעט" און איינגערוימט בענעטן אַ סוד, אַז ער האָט אים...

טאָם איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די בעלי־בתים, ווי ביי די אַרבעטער, שטענדיק אַ שמייכלענדיקער מיט אַ גוטמוטיקן פנים, ער האָט געהאַט אַ ריינעם רעקאָרד, נישט געשיכורט, נישט געווען פאַרמישט אין סקאַנדאַלן, קיין מאָל נישט געווען אַרעסטירט, פלעגט מען אים שיקן פון ביוראָ אין באַנק מיט מזומנים, מיט וואָס ער האָט נישט וויניקער שטאָלצירט, ווי מיט זיין יחוס־אָפּשטאַם — אַן עכטער זולו. טאָם האָט פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכן חוש פאַר הומאָר און פלעגט אַלעמען אַמוזירן מיט זיין אָפּלאַכן, חוזקן ווי דער, אָדער יענער רעדט, גייט, עסט. נאָכלצעווען מיט אַ ווייבעריש קול און שלעכטן ענגליש די בוכהאַלטערשע ווי זי פאַרהיקעט זיך, ווען זי שרייט אויף אים, אַז די טיי געפעלט איר נישט. בעת די מיטאָג־געזאַנגען פלעגט ער שטענדיק שטיין נעבן בענעטן און צוטופּען מיטן פוס צום טאַקט, אָדער כאַפּן אַ שטיק

האַלץ און זיך אַוועקלאָזן מיט אַ קוויטשעריי אין אַ זולוטאַנץ. אַלע האָבן אים ליב געהאַט און מוחל געווען דאָס אַפּלאַכן. אָבער זיין ליבלינג איז געווען בענעט. אין בענעטס טעפּל טיי פלעגט ער אַריינשיטן אַן עקסטראַ לעפעלע צוקער, צושאַרן אַ שטיקל קוכן.

טאַמס דירה איז געווען אַ שטיבל אין פאַבריקסהויף, ווו סטויגן האָלץ האָבן זיך געטרוקנט און פאַרשפּרייט אַ גוטן ריח. אין צימער איז געווען ריין. אויף די ווענט זענען געהאַנגען הייליקע בילדער, אַלטע קאַלענדאַרן, זיינע בגדים אויף אַ לאַנגן הילצערנעם האָק פאַרצויגן מיט אַ ליילעך. אויפן טישל זענען געשטאַנען אין רעמלעך בילדער פון אים און זיין משפחה. אַן אייזערן בעטל צו־געדעקט מיט אַ געשטרייפטן טוך. זומער פלעגט ער קאָכן און עסן אין הויף.

איין מאָל האָט טאָם בסוד פאַרבעטן בענעטן אויף שבת צו מיטאָג, ער דאַרף מיט אים וואָס רעדן. בענעט איז געווען זיכער, אַז ס'האָט צו טאָן מיט דער פאַבריק, ווייל ער איז אַזאַ שמעלקע מיט די בעלי־בתים. איז ער געקומען און געפונען אַ געדעקטן טיש מיט אַן אָפּגעקאָכט קעלבערן קעפּל, פלעשלעך ביר, ברויט, פּרוכט, טעלער, פאַפּירענע סערוועטקעס. טאָם איז געווען שטאַטיש אויסגעפּוצט און אויפגעלייגט. די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן, און דער סוד איז אַרויס.

— בענעט — האָט טאָם אָנגעהויבן מיט אַ גלאָז ביר אין האַנט. — דו געפעלסט מיר, ביסט אַן אייגענער זולו, אויב וועסט אָנ־קלייבן אַ ביסל געלט לאָבאָלאַ (נדן) וועל איך דיר געבן אָט, אָ, זי פאַר אַ ווייב. — האָט ער אַרויסגענומען פון פאַרטפעל אַ פאָטאָ־גראַפיע. — מיין טאָכטער, זי איז 16, העלענע רובינשטיק. אַ שיינע מויד האַ? — האָט ער אָנגעוויזן אויף איר האַלב נאַקעטן גוף אין זולוטראַכט.

בענעט האָט אַפילו נישט געהערט וואָס ער רעדט, דאָס עסן איז אים נישט געגאַנגען אין האַלדז.

— ווערסט האָבן אַ שיין ווייב, בענעט, און פאָרן מיט מיר אין פאַרם אויף קריסטמעס. טרינק, בענעט, — אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז ביר און זיך צערעדט, ווי שיין עס איז אויפן פאַרם און ווי ווייל אים וועט זיין. —שפּעטער מיין זון — האָט ער אים אַרומ־גענומען בגילופנדיק — אַז ווערסט האָבן מער געלט וועסטו זיך נעמען נאָך איינע, כאַ, כאַ, כאַ, אָבער די ערשטע דאַרף זיין אַ שיינע...

— האָט ער געטייטלט מיטן פינגער אויף העלענעס בוזים...

בענעט האָט באַדויערט וואָס ער איז געקומען, און נישט גע־ווּסט ווי זיך אַרויסצודרייען. טאָם איז אַזאַ גוטער און גליקלעכער, און וואָס ער זאָל אים נישט זאָגן וועט ער אים מצער זיין. האָט ער אים געענטפערט פשוט.

— טאָם, איך האָב נישט קיין געלט. איך בין דער איינציקער פאַרדינער און האָב קוים אויסצוקומען פון מיין געהאַלט מיט מיין מומען.

— דאָס איז גאָרנישט — האָט טאָם אַרונטערגעלאָזן פון טאָן און אָנשטעל — וועסט שפּעטער אָפּצאָלן. דערווייל קענסטו חתונה האָבן. העלענע וועט קומען ווינען צו דיר מיט דער מומען און לאָמיר טרינקען פאַר מזל.

— ניין, טאָם! איך בין נישט גרייט חתונה צו האָבן.

— אָ, — איז טאָם גאָר אַן אַנדערער געוואָרן און אָנגעהויבן צו שרייען — דו ווילסט נישט?!!! איך האָב געמיינט, אַז כ׳טו פאַר דיר גוט! געמיינט ביסט אַן אייגענער זולו! איצט זע איך, אַז ביסט ווי די בושמען־לויפערס, וואָס קריכן צו די מוידן. הער, זון!!! דו נעם מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, אַז נישט וועט דיין גוף צעפּרעסן ווערן ווי די אַנדערע, וואָס וואַלגערן זיך מיט קרע־ציקע נקבות... איך ווייס וואָס איך רעד.

בענעט איז אַנטלאָפן ווי פון אַ פייער. טאָם האָט אים נאָכ־געשריען:

— מאַמפּאַראַ! אָקס! דו ווייסט נישט וואָס איז גוט פאַר דיר!!! — און פאַר כעס צעבראָכן אַ פלאַש ביר.

דאָס איז ווידער געווען אַן איבערלעבונג, וואָס האָט בענעטן קיין רו נישט געגעבן. ער האָט זיך געפונען איינגעוויקלט אין אַ קנויל פון געשעענישן וואָס גיבן באַפרידיקונג און גליק, אָבער וואַרפן אַרויף אַזעלכע לאַסטן און פּראָבלעמען, וועלכע ער קען אַפילו נישט ברענגען פאַר זיין פאַטערלעכן פריינד, דעם פּרינציפּאַל. קען ער אים דערציילן פון זיין איבערלעבונג מיט אַניקין? פון זיינע סעקסגעשפּרעכן מיט ריקין? און איצט די מעשה מיט טאָמען? טאָם וועט אים אוודאַי רודפן אין פאַבריק. ווי בייז דער גוטער טאָם איז געוואָרן, און ווי צאָרנדיק ער האָט געשריען: דיין גוף וועט צעפרעסן ווערן פון קרעציקע נקבות. גאָט אין הימל. אַניקי איז אַזוי ריין ווי אַ מלאך...

פאַר קריסטמעס קריגט מען אויסגעצאָלט פאַרן גאַנצן יאָר אורלויב. מ׳שטעלט אָפּ די אַרבעט אויף דריי וואָכן, מ׳איז אויפגע־לייגט, פריילעך, די בעלי־בתים גיבן דעם לעצטן טאָג אַ קריסט־מעס־סעודה פאַר אַלע אַרבעטער.

ביי דער קריסטמעס־פּאַרטי אין פאַבריק איז געווען אַ סך צו עסן און מילדע געטראַנקען. שטאַרקע האָבן נאָר געטרונקען די ווייסע ביי אַ באַזונדערן טיש. די „אַנדערע" האָבן אויך געכאַפּט אַ זופּ ברענדי פון די פלעשלעך אין די קעשענעס. די בעלי־בתים זענען געווען בגילופין און גערופן בענעטן ער זאָל זינגען. חברה האָט אים אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש, אָבער בענעט האָט זיך געוואַקלט.

— ער איז שיכור!

— זינג, בענעט!

— פֿאַרמאַך דאָס מויל, וועט ער זינגען.

בענעט האָט זיך אין דעם טומל געדרייט אויפֿן טיש אַ צע־פלאָמטער, מיט אַ פֿאַרוואָלקנטן בליק, קאָלט געשמייכלט און נישט געוווּסט וואָס דאָ קומט פֿאָר. אין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט ביל־דער: אַ צעגאָסענע טרער ליגט פֿאַר גאָט און בעט... אַ פּיאַנאָ, אַניקי שפּילט, טאַמס פֿינגער אויף העלענעס בוזים. ער ליגט קראַנק צווישן קרעציקע פּרויען... „זינג בענעט"!!! דער אויס־געשריי האָט אים ווי אויפֿגעוועקט, ער האָט מיט האַלב אָפֿענע אויגן אַרומגענומען דעם עולם, די ווייסע האָבן אים דערמאָנט אין די ווייסע געסט ביים שול־קאָנצערט, ווו ער איז געווען דער סאָליסט און געזונגען:

מיר זענען בעטלער געשלאָגן מיט בלינדקייט,
לעבן אויפֿן חסד פֿון רייכנס גוטהאַרציקייט.
אין אַ טאָג אַזאַ פֿריילעכן פֿאַר קינדער אָרעמע.
מיר ווייסן איר זייט מענטשן באַרעמהאַרציקע.
טאָ גיט מיר בעטן, פֿאַר די געשלאָגענע.

ער איז אַריין אין אַ נישט־קאָנטראָלירטן עקסטאַז, זיך גע־שליידערט מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— וואָס זינגט ער? — איז געוואָרן אַ טומל.

— וואָס ער זינגט איז גוט, פֿאַרמאַך ס'מויל.

בענעט האָט געהויבן דעם טאָן:

מיר זענען פֿריילעכע בעטלער, זינגען לוסטיק
צדקה־פּושקעס, קלינגען לוסטיק
זינגען לוסטיק, קלינגען לוסטיק...

איז זיין קול געפאַלן מיט אַ שטראָם טרערן פון זיינע אויגן.

טשאָטשאַ לאָזאַ, טשאָטשאַ לאָזאַ,

סטימעלאָסי פּומאַרהאָדישאַ.

(„שטופּ דעם באַן צו רהאָדישאַ". אַ ליד וואָס שוואַרצע זינגען צום ריטם ביי אַ שווערער אַרבעט.)

האָט אַ גאַנצער כאָר איבערגעריסן בענעטס זינגען אים אַרויסצוהעלפן. טשאָטשאַ לאָזאַ!!! האָט בענעטס שיינער טענאָר אַריבערגעקלונגען דעם כאָר.

— זע ווי ער וואַקלט זיך, ער איז שיכור.

— ווייל דער אַלטער ממזר טאָם האָט אַריינגעגאָסן ברענדי מיט ביר אין זיין לעמאָנאַד! — האָט דער קאָלירטער מאָזעס אויסגעשריען.

דאָס זינגען איז איבערגעריסן געוואָרן. טאָם האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצושאָרן. די אַרבעטער האָבן עס באַמערקט און אים געכאַפּט, ס'איז געוואָרן אַ שרעקלעך געדראַנג, האַלב פּאַרטיקע מעבלשטיקער זענען צעבראָכן געוואָרן, טאָם האָט געוואָלדעוועט פון די קלעפּ, די בעלי־בתים זענען אַרומגעלאָפן צעשראָקענע פון דער בהלה און מורא געהאַט מען זאָל טאָמען נישט דערהרגענען, זיי האָבן געדראָט מיט רופן די פּאָליציי. עטלעכע ווייסע אַרבעטער האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין צעווילדעוועטן המון און אַרויסגעשלעפּט טאָמען אַ האַלב־טויטן, אַ צעבלוטיקטן און אים אַריינגעטראָגן אין זיין צימער. פון ביוראָ האָט מען אַרויסגערופן אַ דאָקטער. די בעלי־בתים האָבן געשריגן אַלע זאָלן אַהיימגיין, אַז נישט רופן זיי פּאָליציי, און פאַרזיכערט, אַז דאָס איז די לעצטע קריסטמעס־פּאַרטי אין זייער פאַבריק. פאַר מורא זענען אַלע אַוועק.

דער דאָקטער איז געקומען ווען טאָם איז געלעגן אין יסורים און געשאָלטן די בושמענער... די ווייסע אַרבעטער האָבן געהאָלפן דעם דאָקטער אַרומוואַשן דאָס בלוט. ביים באַטראַכטן האָט טאָם

געמאַכט געוואַלדן פון ווייטאָג. דער דאָקטער האָט אים באַנדאַ־זשירט די ווונדן און טעלעפאָנירט נאָך אַן אַמבולאַנס, ווייל ער האָט עטלעכע ביינער געבראָכן און וועט מוזן זיין אין גיפּס, ער וועט לאַנג נישט קאָנען אַרבעטן. נאָך דעם ווי די בעלי־בתים האָבן דערציילט דעם דאָקטער וואָס עס איז געשען און געבעטן ער זאָל נאָר נאָטירן אַ פּאַרפאַל, האָט דער דאָקטער פאַרלאַנגט פון די בעלי־בתים זיי זאָלן אים מער נישט האַלטן אין דער פאַבריק. „אַזאַ קאַפּער — זאָל ער זיין אין קראַאַל און מאַכן קינדער".

אין אַ זייטיק געסל האָט ישמעאל דער פּאָלירער געזען ווי בענעט שטייט ביי אַ וואָגנט און ברעכט, ער האָט אויף אים רחמנות באַקומען און אים אַריינגענומען אין זיין אַלט פּאָרדל צו זיך אַהיים. אויפן וועג האָט ישמעאל איינגעקויפט גוטע זאַכן פאַר זיין משפחה, וואָס האָט געוואַרט אין יומטובדיקע בגדים. די קינדער האָבן זיך געפרייט מיט די מתנות און מיטן גאַסט וואָס ישמעאל האָט פאַרגע־שטעלט: דאָס איז בענעט אונדזער זינגפויגל.

דער גוטער מיטאָג און די יומטובדיקייט אין הויז האָבן בענעטן אויסגעטשוכעט פונעם קאָשמאַר, און ר'איז געוועזן צופרידן וואָס ישמעאל האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט, וואָס ס'איז היינט געשען אין דער פאַבריק. נאָך אַ פּאָר שעה איז בענעט אַהיים־געקומען אַן אויסגעניכטערטער.

* * *

אַ צופרידענער האָט ער דערלאַנגט דער מומען זיין קאָנווערט מיט איין און צוואַנציק פונט האַלידיי־געהאַלט, זיך געפרייט מיט די דריי פרייע וואָכן, ער וועט האָבן גענוג צייט צו לייענען, און אפשר קריסטמעס פאַרברענגען אַ ביסל מיט אַניקין. די מומע האָט זיך געפרייט מיט דער גרויסער סומע, און דערציילט בענעטן די גוטע נייעס: ווילסאָן, איר יינגערער זון, פאָרט מיט זיין משפחה

אין אַ קאַר (אויטאָ) קיין מאַריטצבערג צו אירס אַ קוזינע אויף קריסטמעס.

— האָב איך ביי אים געפּועלט ער זאָל דיך מיטנעמען, דיך צופירן צו זולולאַנד, ווו דו און דיינע עלטערן זענען געבוירן געוואָרן, און אַ חוץ דיר זענען אַלע נעבעך פאַרברענט געוואָרן. אַ מענטש דאַרף וויסן ווו זיין וויגל איז געשטאַנען... און דאָס איז אַ גוטע געלעגנהייט.

בענעט האָט שווער אָפּגעזיפצט און געבליבן זיצן מיטן קאָפּ אין בײדע הענט.

— איך בין אַ נאַרישע מומע, כ'האָב נישט געדאַרפט דער־מאָנען די טראַגעדיע. אויב ווילסט נישט פאָרן, דאַרפסטו נישט פאָרן, דאַרפסטו נישט.

— אַוודאַי, אַוודאַי וועל איך פאָרן... אַ מענטש דאַרף וויסן ווו זיין וויגל איז געשטאַנען... ווען פאָרן זיי?

— זיי קומען אַהער זונטיק, וועלן מיר וויסן.

ווידער האָט ער געהאַט צו לעזן אַ פּראָבלעם, פון וועלכן ער קען נישט אַנטלויפן. טעג גאַנצע איז בענעט אַרומגעגאַנגען אין פעלד און גערעדט צו זיך:

— פאַר וואָס בין איך אַזוי שוואַך? פאַר וואָס האָב איך נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן דער מומען, אַז איך וויל בלייבן דאָ איבער קריסטמעס, אַז כ'וויל פאַרברענגען מיט אַניקין. זי וואָלט זיכער געוועזן צופרידן דערפון. פאַר וואָס לאָז איך זיך ציען ווי אַ מאַריאָנעטקע אויף שטריקלעך פון זייטיקע? וואָלט זי נישט געווען דערמאָנט מיין פאַרברענט וויגל... און פאַר וואָס קען איך זיך וועגן דעם נישט באַראָטן מיטן פּרינציפּאַל? צייט איז נאָך דאָ. בענעט האָט נישט נאָר געפרעגט אַנדערע נאָר גערעדט צו זיך אַליין: פאַר וואָס איז גאָט אַזוי צאָרנדיק? צו וואָס האָט ער באַשאַפן אַ טייל מענטשן מיט אַ שוואַרצער הויט? ווי אַנדערש וואָלט זיין

מזל געווען ווען ער ווערט געבוירן ביי די סטואַרדס, אַ ווייסער בענעט? צי וואָלט ער אויך נישט געגעבן אַ שוואַרץ ייִנגל צו טרינ־קען פון זעלבן גלאָז? אין אַמעריקע ווו ס׳זענען אויך דאָ שוואַרצע איז אויך אַזוי. ווו איז גאָטס רחמנות? דער רעווערענד האָט אים קיין מאָל נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער דערויף, צוליב דעם טאַקע פרעגט ער אים מער נישט. מער צום האַרצן איז אים דער שול־פרינציפּאַל, גייט ער טאַקע איצט צו אים זיך אַן עצה האַלטן.

אויף דעם קריסטמעס האָט ער לאַנג געוואַרט כדי צו פאַר־ברענגען מיט אַניקין. זי האָט אָנגעצונדן אַ פונק אין זיין האַרץ, אַז ער טראַכט פון איר ווערט אים אַזוי גרינג און ליכטיק, אַלע שאָטנס גליטשן זיך אַוועק. איצט איז געקומען אַ נייער שאָטן — זיין ווייגל — דער קבר פון זיין משפחה. אַ שאָטן וואָס קאָן זיך נישט אַוועקגליטשן...

* * *

הינטער דער טיר האָט ער געהערט דעם פרינציפּאַל שפּילן אויפן פליט. ער האָט שטיל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר.

— אָ, אַ גאַסט, וואַקסט, בענעט, האַ? ביסט שוין טאַקע מיט אַ קאָפּ העכער פון מיר, אָבער שעמען זיך מיט מיר?... זעסט ווי דיין מתנה קומט מיר צונוץ? איך לאָז עס פון מויל נישט אַרויס. זיץ, בענעט, און דערצייל וואָס.

— פרינציפּאַל, איך געפין זיך צווישן צוויי טירן, איינע פון פרייד, און די אַנדערע? אפשר פון פרייד און צער... אין וועלכער זאָל איך גיין?...

— אויף אַלעגאָריעס קען איך נישט ענטפערן, ס׳איז נישטאָ קיין פרייד אָן צער, דאָס איז דער געמיש פון לעבן. אָבער דערצייל פשוט, וואָס פרעסט דיך?

— איר געדענקט איר האָט מיך געפירט צו אַ מוזיק־לעקציע?

— אַניקי?

— איר שילער בין איך נישט געוואָרן, אָבער זי געפעלט מיר. זי איז אַ ריינער מענטש און כ׳האָב פון איר אַ סך געלערנט. האָב איך געהאָפט דורך דער פרייער קריסטמעסצייט...

— כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי. און די אַנדערע טיר?

— מיין פאַרברענט וויגל, די מומע האָט אַראַנזשירט איך זאָל פאָרן מיט ווילסאָנען זען ווו איך און מיינע עלטערן זענען געבוירן געוואָרן און ווו זיי זענען... זען מיין חרוב געוואָרענע היים אין זולולאַנד.

— בענעט, איך בין צופרידן צו וויסן אַז אַזאַ פילבאַרער, גאַנצער מענטש איז געווען מיין שילער. דו דאַרפסט פאָרן. די „טיר" דאָ בלייבט אָפן. די אַנדערע — ווער ווייסט? היינט בייטן ערטער זייער אויסזען. דו ביסט אַ פאַרנומענער מענטש. נישט שטענדיק מאַכט זיך אַ געלעגנהייט. ס׳איז אַ ווייטער וועג. ביסט גערעכט. צער וועסטו האָבן, אָבער פרייד אויך. מ׳דאַרף קענען דערגיין צום קערן פון צער. עס העלפט... פאָר געזונט און האָב אַ גליקלעכן קריסטמעס. היות ווי איך האָב דיך געפירט צו אַניקין, וועל איך איר אויפקלערן, אויב ס׳איז דיר באַקוועם. פאָר געזונט.

אַ טאָג פאַרן אַרויספאָרן האָט ער געבראַכט אַניקין אַ יום טוב־מתנה, באַדויערט וואָס ער פאָרט אַוועק און איר געווונטשן אַ גליק־לעך ניי־יאָר און זיך געזעגנט מיט אַ האַנטדרוק. ער האָט איר נאָך וואָס געוואָלט זאָגן, אָבער זיך געשעמט...

— יאָ, דער פרינציפּאַל האָט מיר געזאָגט. און מער באַדויערסטו גאָרנישט — האָט זי נישט אָפּגעלאָזן זיין האַנט און געוואַרט. — מיטן פרינציפּאַל ביסטו דרייסטער...

— יאָ — האָט ער אַ פאַרלוירענער געענטפערט.

— זאָג מיר, וואָס נאָך באַדויערסטו, בענעט?

— וואָס כ׳קען נישט זיין דאָס וואָס איך וויל זיין.

— מער גאָרנישט?

— און נאָך עפּעס.

— וואָס ?

— וואָס כ׳בין ניינצן און נישט פינף און צוואַנציק יאָר אַלט.

— דערפאַר ביסטו אַנטלאָפן ?

די לעצטע פראַגע האָט אים אַ ריס געטאָן פון אָרט און ר׳איז אַוועק. אַניקי איז געבליבן מיט פּאַריבל אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט...

— האָב אַ גליקלעך ניי־יאָר, מיין יינגל...

* * *

דער וועג איז געווען אַ שווערער, דער טאָג — אַ הייסער, אַן ענגשאָפּט אין קאַר פון די אַכט פּאַסאַזשירן, צווישן זיי דריי קינדער. די אַלטע פלימוט־מאַשין האָט מען אָפט געמוזט אָפּשטעלן צו קילן. צוויי רעדער האָבן געפּלאַצט. די באַוועגונג איז געווען אַ גרויסע. די קינדער האָבן געוויינט פון ענגשאַפט און היץ, ביי יעדן אָפּ־שטעל האָט מען זיי באַדאַרפט היטן זיי זאָלן נישט לויפן אין מיטן וועג. די וואָס זענען געפאָרן אין גיכן טעמפּאָ האָבן געקוקט אויף זיי מיט בייזע בליקן. איין קאַר האָט ביי אַזאַ געצוווּנגענעם אָפּשטעל פאַרלאַנגזאַמט דעם טעמפּאָ און אַרויסגעוואָרפן שמוציקע זידלווערטער. ווילסאָן איז נישט שולדיק געבליבן און צוריק גע־זידלט. די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט. צוויי ווייסע יונגען זענען אַרויס, גלייך צוגעגאַנגען צו ווילסאָנען און געפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט ?

— דאָס אייגענע וואָס דו האָסט געזאָגט.

— פאַרוואָס שטעלסטו זיך אָפּ אין מיטן וועג, דו פאַרשאָל־טענער קאַפער ?

— הער אויף צו שעלטן, ווייסער דזשענטלמען, זעסט דאָך, מיין מאַשין אַרבעט נישט און כ׳האָב נישט געקענט אַוועק אין אַ זייט.

— דאַן פאָר אין אַן אָקסנוואָגן.

— אין דעם דאָרפסטו פאָרן.

— דו פאַסקודנער שווייַן — איז איינער געקראָכן מיט די פינ־גער אין ווילסאָנס אויגן.

ס'איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן אַלע פיר. די פרויען און קינדער האָבן געוואָלדעוועט, אַנדערע פּאַרבייפאָרער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, צעריסן די שלעגער. ס'איז געוואָרן אַ בהלה און קריגערייַ. דער גרעסטער טייל מענטשן האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם שוואַרצן צד און געזידלט די ווייסע אַראָגאַנטן, איינער האָט זיי אַפילו אַרויסגערופן צו שלאָגן. די ווייסע זענען אַוועקגעפאָרן אָפּגעשמיסענע, צעמזיקטע, אַנדערע זענען געבליבן העלפן די שוואַר־צע צורעכט מאַכן די מאַשין, זיי באַרוזיקט און געווונטשן אַ בעסע־רע רייַזע ווי ביז איצט.

נישט ווייַט פון „לעידיסמיט" האָט זיי אָפּגעשטעלט אַ פּאָליציי־קאַר. אויסגעפרעגט, צוגענומען זייערע פּעסער און באַפוילן זיי נאָכצופאָרן. אין דער פּאָליציי האָט מען אַריינגעפירט ביידע מענער אויף אַ פאַרהער. דער סערזשאַנט האָט געלייענט פון פּאַס:

— מאַסיליבו אוהאָמאַ.

— יאָ, סער.

— ווו פאָרסטו?

— אין זולולאַנד.

— יאָ, ביסט דאָרט געבוירן, פאַר וואָס ביסטו פון דאָרט אַוועק?

— מ'האָט מיך אַוועקגענומען פון דאַנען, ווען כ'בין געווען אַ קינד, ווען מייַן גאַנצע משפּחה איז פאַרברענט געוואָרן פון אַ בליצפייער אויפן קראַאַל, נישט ווייַט פון מעסיגאַ?

— אָ, איך געדענק, דאָס איז שוין לאַנג צוריק.

— יאָ, פערצן יאָר.

— ווילסאָן לעטאַבוקו.

— דאָס בין איך.

— וווּ פאָרסטו?

— צו מיין קוזין אויף אַ האָלידיי אין מאַריטצבערג מיט מיין משפּחה, האָב איך אים מיטגענומען.

— מיר האָבן דאָ אַ ראַפּאָרט פון קענעטס און דזשאָרדזש סטור־אָרד, אַז איר האָט געשטערט אויפן וועג די באַוועגונג, איר האָט זיי באַליידיקט און פּראָוואָצירט אַ געשלעג.

— אַנטשולדיקט, הער, ווי הייסן זיי?

— קענעטס און דזשאָרדזש סטואָרד.

— קענעטס און דזשאָרדזש סטואָרד? — האָט בענעט איבער־געחזרט און אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געלעכטער.

די פּאָליציי־לייט איז נישט געפעלן זיין לאַכן:

— העי, דו, ביסט נישט אין קראַאַל נאָר אין דער פּאָליציי. און וואָס איז דער וויץ?...

— זיי זענען מיינע גוטע פריינד נאָר פון אַן אַנדער וויגל...

— האָט זיך בענעט באַרויִקט. די פּאָליציי־לייט האָבן געהאַט אַ חשד אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ משוגענעם, האָבן זיי זיך דורכ־גערעדט צווישן זיך און דער עלטערער האָט דערקלערט.

— מיר קענען אייך דאָ פאַרהאַלטן, ווייל איר האָט געשטערט די עפנטלעכע רו, נאָר איר האָט דאָ די באַנדע ווייבער מיט קינדער און קיין משוגעים־הויז האָבן מיר נישט, און אייער מזל איז, וואָס זיי האָבן נישט אַנגעגעבן קיין אָנקלאַגע, נאָר אַ ראַפּאָרט, לאָזן מיר אייך גייך. טאָ פאָרט צו אַלדע טייוול, און כ׳וויל מער נישט הערן פון אייך. איר הערט? געגאַנגען!

צופרידענע האָבן זיי צוריקגענומען די פּעסער און מיט „אַ דאַנק, סער" אַרויס פון פּאָליציי. אין דרויסן איז שוין געווען פינצ־

טער. די קינדער אין קאַר זענען איינגעשלאָפן. ווילסאָנען האָט זיך פאַרוואָלט ביר. נאָר גיי קריג אַ ביר.

— וואָלטן מיר נישט געווען קיין „פאַרשאַלטענע קאַפערס״, וואָלטן מיר געקענט אַריינגיין אין אַ באַר... — האָט ער זיך צו־פרידנגעשטעלט מיט אַ ביסל וואַסער און ווייטער געפאָרן.

די אָוונטיקילקייט, און דער ליידיקער וועג האָט די אַלטע פּלי־מוט־מאַשין בעסער פאַרטראָגן. די פרויען זענען שוין אויך גע־שלאָפן, זענען די מענער געזעסן איינער לעבן אַנדערן, געקוקט, ווי ווייט דער זייל ליכט האָט געגרייכט און געשוויגן. אין בענעטס מוח האָבן אויפגעלעבט בילדער מיט די סטואַרד־ייִנגלעך און ער האָט ווידער אָנגעהויבן לאַכן.

— אַלץ פון די צווי ממזרים? דערציייל מיר אויך, וואָס איז די גדולה מיט זיי? די ליפּ, וואָס זיי האָבן דיר צעזעצט?

— קענעטס און דזשאַרדזש סטואַרד. צוויי טייערע ייִנגלעך, ווען מיר זענען אַלע יונג געווען, זיך געשפּילט צוזאַמען, מיר גע־געבן טשאָקאָלאַד און פענעס, ווען כ׳פלעג קומען מיט דער מומען צו זיי אין הויז נאָך וועש צו וואַשן. דאַן האָבן זיי נאָך נישט פאַר־שטאַנען, אַז איך בין אַ שוואַרצער קאַפער און זיי די ווייסע הערן... כאָטש נישט צו טרינקען פון זעלבן גלאָז האָבן זיי שוין יאָ געוווּסט... אַ שאָד וואָס די מענטשן קענען נישט בלייבן קינדער אַ גאַנץ לעבן. ווילסאָן, איך רעכן אַז דער טאַטע פּיטער איז געווען גע־רעכט. מען דאַרף נישט אָפּענטפערן מיט רוגזה. ווען דו ענט־פערסט זיי נישט מיט זייער ניבול־פּה, וואָלט צו קיין געשלעג נישט געקומען.

— אין מיינע אָדערן רינט אויך נישט קיין פישבלוט... אָבער נאָך גוט וואָס זיי האָבן אונדז געהייסן גיין. אַז זיי ווילן, קאָנען זיי דיך אַריינזעצן אַן אַן אָנקלאַגע. איך בין נישט איין מאָל געזעסן פאַר גאָרנישט. זייער ווייניק אַפריקער דרייען זיך אַרויס אָן טורמע.

— איך בין אַן אַפריקער...

— באַרים זיך נישט, בענעט, האָסט נאָך אַ האָפענונג... אַפילו היינט האָסטו שוין געקאָנט זייך אַן איינגעמאָלדענער...

— דו רעדסט צו פיל, ווילסאָן, לאָז מיך כאַפּן אַ דרימל.

בענעט האָט אַרויפגעצויגן דאָס רעקל איבער די אויערן און צוגעמאַכט די אויגן. ווילסאָן האָט געפירט די מאַשין, געקוקט אויפן זייל ליכט, וואָס לויפט פאָרויס, אויפן וועג, וואָס לויפט צוריק און געטראַכט, ווי די צייט קריכט אָן אַ סוף. פון צייט צו צייט האָט די זייל ליכט אַרויסגעצויגן פון זייטיקע קוסטעס אַ חיהלע, וואָס האָט זיך שוין נישט געקענט אַרויסדרייען פון ליכטבלענד און געבליבן אונטער די רעדער. כאָטש אין דער מאַשין האָבן די ווייבער געכראָפּעט און דרויסן האָבן געוואָיעט שאַקאַלן און נאַכטפייגל, איז ווילסאָנען באַפאַלן אַ מידקייט אין אַלע גלידער, די אויגן־אַפּלען האָבן זיך גענומען קלעפּן. ער האָט געוווּסט, אַז ס׳איז אַ געפאַר צו פאָרן ווען ס׳ווילט זיך שלאָפן, האָט ער אַ טאַרקע געטאָן בענעטן:

— שלאָפסט?

— ניין, כ׳רו, ווען ס׳איז אַזוי שטיל.

— און איך וויל שלאָפן ווען ס׳איז אַזוי שטיל, רעד צו מיר, וועט עס מיך האַלטן וואַך.

— אַ רעדער ביסטו אַ בעסערער.

— טאָ זינג וואָס, ממזר, אַ זינגער ביסטו אַ בעסערער. אַנישט וועל איך איינשלאָפן ביים ראָד וועלן מיר צוזאַמען זינגען אין הימל...

איך האָב אַ העמד, דו האָסט אַ העמד,
אַ העמד איז צו דעם אייגן לייב נישט פרעמד.
און ווען מיר וועלן קומען אין הימל

מיט העמדער אין הימל,
וועט אַ יעדער טראָגן אין לאַץ אַ בלימל...

— אַך, דו ממזר איינער, ווי שיין דו זינגסט עס, פון וואַנען קאָנסטו דאָס, ס׳איז נישט פון אַפריקע.

— ניין, דאָס איז אַן אַמעריקאַנער ניגראָליד, אויסגעלערנט דאָס לידל האָט מיך אַ ייד פון יאָהאַנעסבורג, וואָס פלעגט קומען אין קראָם פאַרקויפן שיך. ס׳פלעגט גוט זיין מיט אים צו שמועסן, ער ווייסט אַ סך פון אונדז, קאָן אַ סך אונדזערע לידער און פון אַמעריקאַנער ניגראָס, האָב איך אים אויסגעלערנט „קאָזי סינגאַ־לעלע אַפריקע״, און ער האָט מיר אויסגעשריבן דאָס לידל, וואָס אַ יידישער שרייבער, ל. מלאך, האָט געשריבן. מיר פלעגן זיך אַזוי פאַרזינגען ווען קיין קונים זענען נישט געווען אין קראָם, ביז דער בעל־הבית מר. בעקער פלעגט זיך אַריינמישן און זאָגן: גייט ביידע אַרויס אין דרויסן, שטעלט אויס די היטלען וועט איר פאַר־דינען מער ווי ביי די שיך.

— מר. בעקער איז גערעכט געווען, אַ שיינער אַגענט וואָס אַנשטאָט צו זוכן קונים שטעלט ער זיך אַוועק מיט דיר זינגען.

— די מאַדזשוטאָס (יידן) זענען גוטע מענטשן, אַ שאָד זיי זענען ווייסע.

— זיי זענען צו קלוג צו זיין שוואַרץ...

— גיב מיר נישט קיין לעקציע, פּראָפעסאָר, זינג עפּעס.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט בענעט פאַרצויגן אַ לייכטן ניגון אין קייקעלעך געלעכטער.

— וואָס זינגסטו? וואָס לאַכסטו? און וואָס קיצלט דיך. זאָג מיר וועל איך אויך לאַכן.

— אַבי כ׳לאָז דיך נישט איינשלאָפן. איי ווילסאָן — האָט בענעט זיך אויסגעצויגן מיט אַ געניץ, און אָנגעהויבן:

די אוהאַמאַס

אונטן ביים טייכל ווו ס׳וואַקסן ווערבעביימער,
קומט די קליינע סוזאַן וואַשן אירע קליידער,
זי וואַשט און זי זינגט אַן אומעטיק ליד,
זי וואַשט און זי זינגט ביז זי ווערט מיד.

הערט דאָס געזאַנג אַ פֿאַסטעכל אין פֿעלד,
אַז דאָס זינגט סוזאַן האָט ער באַלד דערקאַנט.
סוזאַן, סוזאַן האָב נישט קיין פֿאַרדרוס
כ׳וועל העלפֿן דיר מיט דיין געוועש אויפֿן גרינעם גראָז.

ביי די לעצטע ווערטער פֿון ליד האָט בענעט שוין געקייכט פֿון געלעכטער. ווילסאָן האָט זיך נערוועז געהויבן פֿון אָרט.

— דו זינגסט טאַקע שיין, אָבער וואָס איז דאָס פֿאַראַ ליד, גראָז, וואַש דיר אָפּ די נאָז, פּראָפֿעסאָר, און וואָס איז דאָ דאָ צו לאַכן ?

— הער, חכם, דאָס לידל זינגען ווייסע קינדער און די הייני־טיקע שלעגער אונדזערע, די צוויי סטוואַרד־קוליגאַנעס האָבן מיך דאָס לידל אויסגעלערנט ביי זיי אין גאָרטן, ווען די מאַמע האָט ביי זיי אין הויז גענומען וועש צו וואַשן און איך האָב זיך מיט זיי געשפּילט. זיי האָבן מיך געלערנט זייערע לידלעך און איך זיי אונדזערע. איצט פֿאַרשטייסטו וואָס איך לאַך ? זיי האָבן קיין וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען פֿון מיינע לידלעך און געבעטן דיין מאַמען זי זאָל אויסטייטשן, דערפֿאַר האָבן זיי מיר געגעבן טשאָקאָלאַד, לע־מאָנאַדע און געלט.

— ס׳איז אַ ביטער געלעכטער — און ווילסאָן האָט איראָניש אימפּראָוויזירט מיט דער זעלבער מעלאָדיע :

און היינט פּראָפעסאָר האָבן זיי דיר צעבראָכן די ביינער
צעמזיקט ס׳פּנים, צעפּליקט דיינע קליידער.
ווייל מיר זענען גאָטס פּסולת.

— פאַרקערט, מיר זענען זיך ערשט געבעקס. אַזוי דער־ציילט אַ לעגענדע. נאָך דעם ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער זיך גענומען צו באַשאַפן די מענטשן, האָט זיי גאָט גוט אויס־געבאַקן אין הימלישן פייער, זענען זיי אַרויסגעקומען שוואַרץ. און אַז דאָס פייער איז שוואַכער געוואָרן, זענען אַרויסגעקומען די מענטשן געלע, דאָס זענען די אַזיאַטישע פעלקער, און פון פייער־איבערבלייב, פון זשאַר, זענען אַרויסגעקומען די בלייך־פּנימדיקע, די ווייסע. נו זעסט ווי חשוב מיר זענען?

— האָסט אויף אַלץ אַ שיינע מעשה, אָבער ווי היינט ווערן מיר באַהאַנדלט.

— ביסט גערעכט, ווילסאָן, אָבער ס׳קאָן אַזוי אייביק נישט בלייבן. לכל הפּחות ווייסן אַלע, אַז מיר זענען אַ פאָלק מיט שיינע לעגענדעס, ווייסע געלערנטע פאַרשן, מאַכן זיי פּאָפּולער אין דער וועלט, כאָטש ביז היינט האָט דאָס אונדז ווייניק געהאָלפן. ביסט דאָך עלטער, ווילסאָן, זאָג מיר, פאַר וואָס האָבן זיך מענטשן אַזוי פיינט? פאַר וואָס פירט מען שטענדיק מלחמות?

— ווען איך וואָלט באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ מענטש און נישט ווי אַ שוואַרצער קאַפער וואָלט איך קיינעם נישט פיינט געהאַט.

— ס׳איז נישט אמת, ווילסאָן, ווייסע האָסן ווייסע, פּונקט ווי שוואַרצע האָסן שוואַרצע און מען הרגעט. אַ חיה הרגעט נאָר ווען זי איז הונגעריק, אָדער ווען זי מיינט, אַז זי איז אין געפאַר געהרגעט צו ווערן. מענטשן הרגענען זיך שטענדיק. אַפילו פאַר די געטער האָט מען געגוצט די שווערד און געשאָכטן. אין דער קירכע הערט מען אַזויפיל וועגן רחמים און ליבע, און די וואָס פּרעדיקן די תפילות האָסן אויך. גוט איז צו הערן די לערערין

אַניקי. זי האָט טאַקע אַלעמען ליב. די ווייסע זאָגט זי: זיי זענען טאַקע נישט געקומען קיין אַפריקע פאַר אונדזער טובה וועגן, אָבער אַ דאַנק זיי האָבן מיר אַרבעט, אַ גלויבן, שפיטאָלן, אַ ביסל היגיענע, ווייניקער שטערבלעכקייט, און אַ מוסטער־ציל צו שטרעבן אויב נויטיק צו קעמפן פאַר אַ לעבן פון ציוויליזירטע מענטשן. אַוודאַי זענען די אַפּאַרטהייד־געזעצן קעגן אונדז באַליידיקנדיקע, רשעותדיקע, אָבער דאָס איז נישט מחמת שנאה צו אונדז, נאָר מער מחמת מורא. מיר זענען אַזויפיל און זיי, די ווייסע, אַזוי ווינציק און זיי קאָנטראָלירן אַזאַ ריזיקן קאָנטינענט פון דריי פערטל מיליאָן קוואַדראַט מייל, מיט אַזעלכע גרויסע אוצרות אונטער דער ערד, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט, און זיי עקספּלאָאַטירן די ערד און אונדז פאַר זייער וויל און זיי ווילן דאָס נישט אָפּגעבן, און מיר ווילן דאָס נישט. אַלץ וואָס מיר ווילן איז לעבן אָן מורא, אָן באַגרענעצונגען און אָן שנאה צו אונדז. דער וואָס האָסט ליידט נישט ווייניקער פון געהאַסטן. וואָס בורטשעסטו, ווילסאָן? מעגסט הערן אַניקיס רייד, אפשר וועט זיך אין דיר אויך עפּעס צוקלעפּן. זי זאָגט, דער האָלענדער וואַן ריבעק, וואָס איז מיט 300 יאָר צוריק געקומען קיין אַפריקע דאָ צו פאַרפלאַנצן אַ ציבעלע, איז נישט געבליבן קיין האָלענדער, נאָר אַן אַפריקאַנער, דאָס איז דאָס קליינע פאָלק ווייסע אַפריקאַנער, וואָס האָט איר היסטאָרישע רעכט אין דעם לאַנד, און קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט אַזאַ גרויסער מערהייט שוואַרצהויטיק פאָלק. האָבן זיי מורא פאַר דעם שוואַרצהויטיקן „אויפרייס"־שטאָף, אויף וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן בעתן גרויסן "ט ר ע ק" פון 1837 צו די אומבאַוווינטע טיפענישן פון לאַנד. שפּעטער האָבן זיי געליטן פון מלחמות מיט ענגלאַנד, וואָס איז אַוועק. היינט שטייט דאָס זעלבשטענדיקע אַפריקאַנער פאָלק, שטאַרק און רייך, פּנים אל פּנים קעגן דער פיל־מיליאָניקער מחנה שוואַרצהויטיקע צוויטראַנגיקע בירגער, און שרייט: „אַ פּ אַ ר ט ה י י ד",

אָפּזונדערן דעם אויפּרייסשטאָף, אויס מורא, ברודער. דער אַפרי־קאַנער האָט זיך נישט פון וועמען צו לערנען יושר... עס פעלט בכלל אין דער וועלט דער גרויסער מאָראַלישער כוח צו איבערצייגן די אַפריקאַנער, אַז לא זו הדרך, אַז די שוואַרצע זענען נישט דער אויפּרייסשטאָף, נאָר די רשעות פון אַפּאַרטהייד טראָגט אין זיך די פונקען. די שוואַרצע וואָס אַרבעטן אין די גאָלדמינען, פאַבריקן, פעלדער דאַרפן אויך געניסן פונעם גוטס אין לאַנד, שולן דאַרפן זיין געוויינג פאַר אַלע הויטקאָלירן, נישט די מערהייט פון די איינ־ווויגער זאָלן אויסוואַקסן אַנאַלפאַבעטן.

— זאָג מיר, פּראָפעסאָר, וואָס פּלוידערסטו נאָך דיך אַניקין: שולן, אַנאַלפאַבעטן. דו האָסט געלערנט אין שול, איז דיר בעסער פון מיר? בענעט, דו פרעגסט צופיל קשיות און פּלוידערסט צופיל, די מאַמע זאָגט אויך דאָס אייגענע — ווילסאָן, אַן אומצופרידענער האָט געבורטשעט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַ חוזק־געלעכטערל.

בענעטן האָט דאָס חוזק־געלעכטערל ווי געטאָן, מער האָבן זיי נישט גערעדט, ס'איז געוואָרן שטיל. בענעט האָט צוגעמאַכט די אויגן אין אַ האַלבן דרימל. אַניקיס לעצטע ווערטער זענען אים געקומען אויפן זינען: „דערפאַר ביסטו אַנטלאָפן?"... איינשלאָפן האָט ער נישט געקענט. דער וואַכער מוח איז געלאָפן — אַניקי, אַן איידעלער מענטש. ער פאַרדינט נישט גענוג כדי חתונה צו האָבן. און גיין צו איר נאָר.. ווי ריקי צו זיינע נקבות האָט ער פאַר איר צופיל דרך־ארץ. ער וועט בעסער גיין מיט „ריקין" צו זיינע מיידלעך... אַ שולדגעפיל האָט אים באַהערשט — אפשר נישט געדאַרפן אַנטלויפן ווי אַ צעשראָקענער האָז. די מעלאָדיע פון דער לעגענדע מיט דער טרער פאַרפאָלגט אים. ער האָט אָנגע־הויבן זינגען שטיל פאַר זיך.

— אַ שיינע מעלאָדיע, בענעט, וואָס איז דאָס?

— אַ לעגענדע.

— ווער לערנט דיך אַזעלכע לידער?

— אַ גוטער גייסט.

— בעט דעם גוטן גייסט ער זאָל אויך קומען צו מיר.

— דאָס איז אַ גוטער גייסט, וואָס מ׳דאַרף קומען צו אים... און איך בין אַנטלאָפֿן...

* * *

ס׳איז שוין געווען פֿאַרטאָג, ווען די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער מאַריטצבערג, ביי אַ ציגלהייזקע. ווילסאָנס ווייב איז אַרויס די ערשטע וועקן די קרובים. מ׳האָט אַריינגעטראָגן די פּעקלעך מיט די וואַליזעס, זיך געפֿרייט, געמאַכט קאַווע. ווילסאָן האָט פֿאַרלאַנגט אַ ביר, דערציילט פֿון די צרות אין וועג און פֿאַרגעשטעלט בענעטן:

— דער לאַנגער איז לעגאַקאָס זון, בענעט, גרויס און שיין ווי דער טאַטע.

— אַזאַ אומגליק! ווי לאַנג איז עס שוין?

— 14 יאָר — האָט בענעט געענטפֿערט.

די געסט האָבן זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעטרונקען קאַווע מיט צובייסעכץ און זיך געלייגט אין די בעטן און געלעגערס וואָס די משפּחה האָט פֿריי געמאַכט. בענעטן האָבן באַלד אויפֿגעריסן פֿון שלאָף די געשרייען פֿון די קינדער. ער איז אַרויס אין דרויסן און געזען פֿון ווייטן אַ זילבערנעם פּאַס פֿון אומגעני־טייך, וואָס שלענגלט זיך ווי אַ גלאַנציקער וועג, די בערג און טאָלן ווו ער פֿלעגט זיך יאָגן נאָך טשאַטעס פֿייגל אָדער אַ פֿעלדקראָליק, די שטאָטישע געביידעס נישט ווייט, און איבער אים אַ הימל, וואָס הענגט העכער ווי אין שטאָט. ער האָט איינגעאָטעמט אַ שטראָם פֿרישע לופֿט, אַרויסגעצויגן פֿון זיך די מידקייט. ווי שיין און רויִק דאָ איז. ווי אַנדערש פֿון שטאָט, די זון איז לויטער ווי

אַ ניי געבוירן שעפּסל, די בערג זענען איינגעהילט אין אַ פֿאַרביק קלייד פֿון גרין, גאָלד און רויט מיט אַ גרויען טומאַן־זוים, אַ טונקע־לער רויך פֿון אַ נישט ווייטער באַן קרייזלט זיך צום הימל און ציטערט פֿונעם רויש. צום ריטם פֿון די באַן־רעדער האָט זיך אַרויס־געריסן פֿון אים אַ געזאַנג. אַ פֿאַרגאַפּטער האָט ער זיך צוגעהערט ווי זיין קול און דער באַן־געבראַזיג קלינגען צוריק אין אַ כאָר פֿון די בערג. „טשאַטשאַ לאַזאַ", האָט ער נאָך שטאַרקער זיך צעזונגען און געוואַרט דער באַרג־כאָר זאָל אים ענטפֿערן. צו זיין שטוינונג האָט ער געהערט אויך אַ כאָר פֿון מענטשלעכע שטימען ממשיך זיין דאָס זעלבע ליד, דאָס זענען געווען ווילסאָן מיט דער גאַנצער משפּחה און שכנים וועמען זיין זינגען האָט צוגעצויגן. כאָטש אַ שטאָ־טישער, האָט זיך אין ווילסאָנען אָפּגערופֿן דער אַטאַוויזם פֿון אַ זולו און ער האָט זיך אַריינגעווירבלט אין אַ זולו־מלחמה־טאַנץ און אַלע האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט.

צומאָרגנס גאַנץ פֿרי האָבן ווילסאָן און בענעט זיך געלאָזט אין וועג 30 מייל צום קראַאַל, ווו ס'איז געווען בענעטס היים. די רייזע איז געווען אָן מכשולים און אָן די ווייבער האָבן די צווי מענער דעם גאַנצן וועג צו קבר־אָבות קיין וואָרט נישט אַרויס־אַרויסגערעדט. ווילסאָן האָט באַדויערט זיין חוצפּהדיקן חוזק־געלעכ־טער צו בענעטן נעכטן, וואָס האָט אים אוודאי מצער געווען. ער האָט אָבער נישט געפֿונען קיין פּאַסיק וואָרט פֿון חרטה, ער האָט אַלע ווילע געכאַפּט אַ קוק אויף בענעטס טרויעריק פּנים, וואָס איז געווען פֿאַרגליווערט, געקוקט אין דער ווייט און אויסגעזען ווי דאָס בילד פֿון שוואַרצן קריסטוס. ער האָט כסדר געטראַכט, ווי וועט בענעט רעאַגירן ווען זיי וועלן קומען צום אָרט פֿון זיין אומגליק, ס'האָט אים דורכגענומען אַ טיף געפֿיל פֿון מיטלייד צו בענעטן, האָט ער אָנגערירט זיין האַנט און געזאָגט: „זאָרג נישט, ברודער, ס'וועט גוט זיין". בענעט האָט נישט געהערט, נאָר דעם וואָרעמען באַריר האָט

ער דערפילט און אָפּגעדאַנקט מיט אַ שמייכל אין טרערן־פולע אויגן.ביידע האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען...

ווען ווילסאָן האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין און אַרויס, איז בענעט געבליבן זיצן אינעווייניק. ער האָט אַרומגענומען מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק דעם גאַנצן שטח, עפּעס געמורמלט מיט ציטערנדיקע ליפּצן ביז ווילסאָן האָט געעפנט די טיר ער זאָל אַרויס פון דער מאַשין. בענעט איז געבליבן שטיין מיטן פּנים איינגעוויקלט אין די הענט, געקלאַפּט מיט די פינגער אין שטערן ווי אין דער טיר פון זיין געדעכעניש, וואָס איז ווי אין אַ נעפּל. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט הויך צום הימל און זיי באַלד אַרונטערגעלאָזט האָריזאָנטאַל, זיך אַרומגעדרייט ווי ער וואָלט געוואָלט אַלץ אַרומנעמען, אַלץ וואָס ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, דעם הימל דאָ, וואָס איז אַזוי בלוי און הויך, די צוקער־פּלאַנטאַציעס, די רונדע שטרויענע שוואָמען־הייזלעך, די רויטע קאַנדעלאַבּרע־בלומען, דעם זילבערנעם אומגעני־טייך, וואָס פינקלט ווי דער מילכוועג, די טאָלן אין די טויזנט בערג, וואָס ליגן אַזוי ווייך ווי פון טייג געקנאָטן, די קצב־פייגל מיט די לאַנגע עקן וואָס יאָגן זייערע קרבנות, און דעם זאַמדיקן וועג וואָס פירט צום אָרט, ווו זיין משפּחה איז פאַרברענט געוואָרן.

אוסינדילע!!! (דער גרעאַטעוועטער) — האָט זיך פּלוצים אַרויסגעריסן פון אים אַן אויסגעצויגענער געשריי. אוסינדילע, האָבן די בערג אַרום צוריק געענטפערט. אוסינדילע! האָט ער נאָך העכער און לאַנגזאַמער אַרויסגעזילבט און שטיל געוואַרט ביז די עכאָס האָבן זיך אויסגעלאָשן. „איך אוסינדילע, אַזאַ בראַך צו די אוהאַמאַס" — האָט געלאַרעמט אין זיין געדעכעניש דאָס געוויין פון די שכנים, ווען זיי האָבן אים געזען אַרויסקומען פון הינערשטייג. ער געדענקט די פּנימער, וואָס האָבן געגלאַנצט קעגן רויטן פלאַם אין אַ געווירבל־געדריי מיטן ווינט, וואָס האָט געשלאָגן פון זיין היים.

פון דעם געדעכעניש־קנויל געדענקט ער אַמבולטסטן זיין „איקוקו איהאַשי" (האָן פערדל), וואָס איז געשטאַנען אין אָוונטיקן דרימל און נישט געוווּסט אַז ער וועט אים מער נישט זען און אַז אין דרויסן רייסן זיך שכנים אין פייער אַריין מיט עמער וואַסער און קומען צוריק מיט פאַרשרפעטע הענט, פאַלן צו דער ערד און יאָמערן אויף דער גרויסער בראָך וואָס האָט געטראָפן די אוהאַמאַס. ווי טרוקענע שישקעס פון יאָדלעביימער פאַלן פון זיין זכרון־שאַל בילדער און קלאַנגען פון 14 יאָר צוריק, ווען ער איז 5 יאָר אַלט געווען. עפּעס דערקענט ער יאָ און נישט דאָס אָרט. ווען מ'איז קליין זעט אַלץ אויס גרויס, איצט איז אַלץ קלענער, אויסער דעם הימל, וואָס איז העכער, ברייטער דאָ. פרעמד איז אים דער אַספאַלט־געפלאַסטערטער וועג וואָס שניידט דורך דאָס אָרט, ווו ס'זענען געווען די באַנאַנע־ביימלעך, דער קאַקטוס־פּאַרקאַן. די הינערשטייג איז דוכט זיך געווען גרעסער און ווייטער. יאָ, דאָ איז געווען די הייזקע, מיין היים, דאָ זענען פאַרברענט געוואָרן טאַטע־מאַמע, די ברידער און אינענגאַ, דאָס איינציקע שוועסטערל פון צוויי יאָר. בענעט האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט אויף דעם בית־עולמל, געמאָסטן די טריט, אַ בריקע געטאָן אַן איבערבלייב פון אַ שטוביקן חפץ און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין.

— אַהו, אובאַבאַ, אויף דעם שטיין האָסטו דיינע הענט צע־ריסן פאַר חרטה, ווייל האָסט דיין טאַטן מצער געווען איידער ער איז אַוועק אין הימל אַריין. זאָל דיין אוסינדילע אויך אַזוי טאָן? ענטפער מיר, אובאַבאַ.

דער ווינט האָט געשאַרכעט אין די אָנגעוואַקסענע קוסטעס אַרום שטיין... ער האָט באַנומען דעם טאַטנס קול.... אַן איינגעדרייטער ווי אַ קנויל מיטן קאָפּ אויפן שטיין איז בענעט געזעסן און דער־ציילט דעם טאַטן פון זיך און פאַר וואָס ער איז געקומען און דערביי געגלעט דעם שאַרסטקן שטיין מיט אַ צערטלעכקייט ווי מ'גלעט

אַ קראַנק קינד. ווי אָפּט אין זולולאַנד האָט זיך איצט געהערט פון נישט ווייט אַ געזאַנג לע, לע, לע, לע, לע, לע, לע, לע. לאַנגזאַם האָט בענעט אויפגעהויבן פון שטיין זיין הויכן גוף, און אים אָנגעהויבן צו וויגן צום ריטם אין אַ טאַנץ, וואָס אַמאָל גיכער, האַסטיקער. דער אַטאַוויזם פון אַ זולו, וואָס זינגט און טאַנצט ווען ס'איז אים גוט אָדער שלעכט, האָט אין אים אויפֿגעוואַכט און געעפנט די שלוזן פון היימ־ און אָבות־בענקשאַפט, ער האָט זיך דערמאָנט וואָס מ'האָט דערציילט פון זיין באָבען, דער שיינער שיבעני, די „אַמאַראַוואַ" (לילית), וואָס האָט געכישופט מיט איר טאַנץ. ער געדענקט די טענץ פון זיינע עלטערן דאָ אויף דעם אָרט. מיט צוגעמאַכטע אויגן איז ער אַריין אין אַ טראַנס פון עקסטאַז, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שטאָטישע בגדים, אַרומגעבונדן דאָס העמד אַרום די לענדן, זיין גוף האָט געגלאַנצט אונטער דער זון מיט ריטשקעס שוויס. דאָס מאָל האָט בענעט נישט געזונגען מיט זיין קול נאָר געצויגן אַ דינעם פּליסטער־מורמל ווי אַן עכאָ פון דער שיינער שיבעני ביים טאַנץ ביז ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן גראָז אויסגעשעפּט פון כוחות.

ווען בענעט איז געקומען צו זיך און געעפנט די אויגן, האָט ער געזען אַ יונגן זולו וואָס שטרעקט אויס צו אים אַ טאָפּ ביר. פאַר וווּנדער האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און אויסגעטרונקען ביזן דנאָ. איבערראַשט און פאַרלוירן האָט ער געדאַנקט דעם בחור מיט אַ געלעכטער און געפרעגט ווער ער איז, און ווישנדיק מיטן העמד דעם שווייס.

— מייך נאָמען איז טאַבאַזוטו — האָט דער בחור געזאָגט אין זיין שבט־לשון „זולו". אַן אויפגעפרישטער האָט זיך בענעט אַרומגעכאַפּט מיט ווילסאָנען וואָס איז געשטאַנען דערביי און באַדאַנקט דעם בחור פאַרן בעסטן טרונק אין זיין לעבן.

ווילסאָן האָט פאַטערלעך אַרומגענומען בענעטן ביי די אַקסלען

און אָנגעוויזן צו דער מאַשין: „צייט צו פֿאָרן". דער יונגער טאַבאַ־זוטו האָט מיט שמייכלענדיקע ווייסע ציין, ווי אַרויסגעזונגען אַן איינלאַדונג צו זיך היים, — דאָ נישט ווייט, ווו ס׳הענגט אַ ווייס ליילעך אויפֿן דאַך. בענעטס היימבענקשאַפֿט האָט געווירקט אויך אויף ווילסאָנען אָנצונעמען די איינלאַדונג. פֿאַר דער הייזקע האָט בענעט געפֿרעגט דעם באַדייט פֿון דער ווייסער פֿאָן.

— ביסט נאָך נישט געווען אין אַ קראַאַל? מיין שוועסטער גייט חתונה האָבן, דאָס איז דער סימן, אַזוי פֿירט זיך דאָ.

די באַזוטוס האָבן אויפֿגענומען די געסט מיט כבוד און כיבוד. זולוס זענען באַרעדעוודיק, האָט מען אַ סך דערציילט און געפֿרעגט וועגן לעבן אין שטאָט. ווילסאָן האָט זיך געאיילט צו פֿאָרן, דער יונגער טאַבאַזוטו האָט געפֿרעגט צי בענעט קאָן בלייבן איבער נאַכט, ער וויל אַזוי הערן מער פֿון שטאָט, זיי האָבן פּלאַץ אַפֿילו פֿאַרביידן אויב זיי ווילן. ווילסאָן האָט פֿאַרשטאַנען בענעטס געמיט, אַז ער וואָלט געוואָלט דאָ בלייבן, זייער איבערקוקן זיך האָט דאָס באַשטעטיקט, דער בחור האָט צוגעזאָגט ברענגען בענעטן צומאָרגנס רייטנדיק אויף אַ פֿערד.

פֿון דער ערשטער מינוט האָט זיך דער יונגער בחור צוגעקלעפּט צו בענעטן, אויך בענעט האָט אים ליב באַקומען, ער האָט געזען אין אים זיך אַליין וואָס פֿרעגט אַלץ און וויל אַ סך וויסן. דער יונגער טאַבאַזוטו איז געוואָרן זיין מדריך, אים האָט פֿאַסצינירט צו זען ווי אַ פֿרוי מאַכט די פֿריזור פֿון אַ צווייטער יונגער פֿרוי. דאָס גרייט מען צו אַ כלה צו דער חתונה. די פֿריזור הייסט „איסיטשאָלאָ". מיט האַרטע ריטער און שטעקלעך בויט מען אויף אין מיטן קאָפּ אַ סטויג, די האָר מיט די ריטער ווערן צוזאַמענגעבייט מיט שטריקלעך, דאַן באַשמירט מען דעם סטויג מיט זויער־מילך און אַ געל־רויטלעכער פֿאַרב, אַרום דעם סטויג ווערן די

האָר אַרומגעשוירן. דאָס דויערט אַ לאַנגע צייט, דאַקעגן אַ ליימע־נער טאָפּ ווערט אויסגעקנאָטן מיט די הענט זייער גיך.

צו שקיעה האָט נגאַטאַני טאַבאַזוטו אים אַרויפגעפירט אויף אַ הויכן שפּיץ־באַרג. בענעט האָט קיין מאָל נישט געזען אַזאַ ברייט צעפלאַמטן האָריזאָנט. ער איז דאָרט געשטאַנען ביז דאָס לעצטע ביסל טאָג איז אויסגעגאַנגען.

אין אָוונט האָט ער געזען מיט זיינע אויגן דאָס, וואָס ער האָט געהערט און געמיינט, אַז עס געהערט צו אַלטע, פאַרגאַנגענע צייטן: אַרום קנאַקנדיקן פייער זיצן און שטייען אַלט און יונג. דער עלטס־טער הויבט אויף אַ לאַנגן שטעקן, שפּיט עטלעכע מאָל אין פייער און הויבט אָן דערציילן מעשיות וועגן דער הערלעכער אַמאָליקייט פון זייער שטאָלצן זולופאָלק, וואָס איז אַנדערש פון אַנדערע שבטים און ועט צוריקקריגן זיין מאַכט דורך די גייסטער, די אָבות וואָס זענען מיט זיי. ווייל טויט מיינט נישט אויסגעלאָשנקייט, די נשמה לעבט שטענדיק אין פאַרבינדונג מיט דער משפחה און שטראָפט פאַר שלעכטע מעשים מיט קרענק און שאָדן. מ׳דאַרף ברענגען קרבנות צו די נשמות, אויב מ׳פילט זיך שולדיק, זיי געבן עסן און טרינקען, בעטן זיי זאָלן מוחל זיין. איינגעהילט אין אַ „קאַראָס״ (אַ פעל פון אַ חיה) און אַ קאָלדרע בלייבט דער דערציילער זיצן צווישן איין מעשה און דער צווייטער, שפּיט דורך די שיטערע ציינער מיט אַ ז,ז,ז, אין פייער אַריין און דערציילט ווייטער, ווייל עס איז אַ מינהג ביי זולוס איבערצוגעבן בעל פּה פון דור צו דור.

בענעט האָט זיך צוגעהערט צו די מעשיות, געזען די כשוף־ווירקונג אויף די צוהערער, און געטראַכט: די קיילעכדיקע נאַכט־פינצטערניש, דאָס פייער מיט די מענטשן אין מיטן, איז ווי אַ שוואַר־צער טאָפּ, ווו זולוס קאָכן זייערע געמיטער און אַבערגלויבנס. וואָס איז דער וווּנדער? אַבערגלויבן שטיצט זיך אויף מאַכטלאָזיקייט, מורא, און פינצטערניש, מ׳איז אָפּגעזונדערט אויפן שטיקל לאַנד, אויסגע־

שטעלט אויף נאַטור־קאַפּריזן, די עקזיסטענץ הענגט אָפּ פון דעם וואָס מ׳קען אַליין פּראָדוצירן, מוז מען פאַרהיטן מיט וואָס מ׳קען, דורך גוטע און שלעכטע גייסטער, דורך כשוף. דערפאַר פאַרנעמט דער „כשוף־דאָקטער״ אַזאַ וויכטיק אָרט דאָ.

פאַר בענעטן איז די וועלט פון זיינע אָבות געוועזן פרעמד. מ׳האָט אים אַוועקגענומען פון דאַנען אַ קינד, איצט פילט ער דעם כוח פון אַטאַוויזם — ער איז געבליבן לענגער ווי ר׳האָט גע־רעכנט, געלאָזט זיך אַרומפירן פון קראַאַל צו קראַאַל, געזען זיינע שבט־מענטשן ביי דער אַרבעט, ביים עסן, ביי ריטועלע צערע־מאָניעס, ביים פאַרווילן זיך, ביי זייערע „היימקאָנצערטן״, וואָס האָבן אים ממש באַגייסטערט.

ס׳איז נאַכט, אין דרויסן איז אויסגעשפּרייט אַ צעפינקלטער הימל און אין דעם רונדן הויז איז טונקל פול מיט רויך. אין צענטער ברענט אַ פייער. ווען מען געוווינט זיך צו צו דער טונקל־קייט דערזעט מען, אַז דאָ געפינען זיך אַ 100 מענטשן קאָפּ אויף קאָפּ. אינעם ווייטסטן ווינקל זעט מען אַ לײדיק שטיקל אָרט. פריער זינגט מען אַן אַלגעמיינעם רעטשיטאַטיוו. אויפן ליידיקן אָרט רופט מען אַרויס אַ יונגן בחור וואָס זינגט אַ הומאָריסטיש ליד, מאַכט נאָך קולות פון חיות, פייגל און אַלע לאַכן. אַ יונג מיידל טאַנצט אַ טאַנץ מיט די היפטן, אָרעמס און בוזעם. אַנדערע וויזן קונצן מיט שטריק פלעכטן, שטריק פאַרפלאָנטערן. אַנדערע קומען אַרויס און דערציילן מעשיות. איין בחור זינגט און אַלע באַגלייטן, פּאַטשן מיט די הענט:

איך גיי אַליין, זוך אומעטום, זע נישט קיין אַנדער געביין.
א, איך וואַנדער אין די בערג איינער אַליין, איך גיי און וויין.
דער גוף ווערט אַלט, דאָס האַרץ בלייבט יונג,
די שיסל אויסגענוצט פון לעקן מיטן צונג.

ד י א ו ה א מ א ס

קיין בוים עלטערט זיך מיט דער קאָרע אויפן שטאַם,
קיין געליבטער לעבט אין רו, ווען עס וויינט זיין ריוואַל.

אַ מיידל זינגט אַ ליבעסליד און אַלע פרויען באַגלייטן אַן ווערטער:

איך האָב געמיינט אַז האָסט מיך ליב, אַזוי איז אַוועק
מיין יונגע צייט,
איך האָב געגלויבט אַז צעטיילן וועט אונדז נאָר דער טויט
אוי ווי אוי וויי, פאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי ביטער גענאַרט.
דו ביסט אַן אָפּנאַרער, ווערטלאָז, אַ שאַנד.
גיב מיינע זאַכן איך וועל זיי אין קישן פאַרפּאַקן.
דו טראָג דיינע אויפן אָרעם ווי אַ בראַנד,
דו האָסט מיך גענאַרט — ביסט אַ שאַנד...

בענעט דערפילט אַ נאָענטקייט און ליבשאַפט צו זיי, ער באַנעמט דעם צער, די שטימונג פון די מעשיות, טענץ און לידער, די אייביקע מיסטעריע פון זייער עקזיסטענץ. כאָטש די לידער פון ליבע, פאַראַט און אַנטוישונג זענען וויזט אויס אומעטום די זעלבע, דאָך ווי ווייט דאָס אַלץ איז פון זייניקע אין שטאָט און אין לאָקיישן. אפשר איז אַזוי בעסער? זיי זענען גליקלעכער פון אים, זייער שלאָף איז מנוחהדיקער, זייער לאַכן פולער, ער ווערט אַריינגעצויגן אין דער קראַאַל-מיסטעריע, לאַכט, זינגט מיט מיט זיי, ביז איינער פון עולם מיט אַ דיקן פּאַפּיראָס אין מויל געוויקלט אין ברוין פּאַפּיר רופט אַרויס דעם שטאָטישן צו זינגען וואָס פון שטאָט. גישט טראַכטנדיק הויבט בענעט אָן צו זינגען אַ ליד וואָס הייסט „אין פּאַס-אָפּיס״. געוויקלטע אין קאָלדרעס מיט שיינענדיקע פּנימער פון דערוואַרטונג בלייבן אַלע שטיל און בענעט זינגט:

נעם אַראָפּ דײַן הוט, רעספּעקט!
וואָס איז דײַן שבט־נאָמען? רעדט!
ווער איז דײַן טאַטע?
ווער איז דײַן טשיף?
וואָס איז דאָס אין וואַלעט?
אָ, אַ בריוו!
פון וועלכן טײַך טרינקסטו וואַסער?
און וואָס איז דאָס? אַ מעסער?
ווו צאָלסטו דײַן שטײַער?
אָ, אײַך איך באַדויער,
שבט פון מײַן לאַנד
וויש אָפּ די שאַנד...

איך קען אַ שטאָט יאָהאַנעסבורג
ווו שוואַרצע גאַנצע מחנות,
ווערן פאַרשפּאַרט הינטער אײַזערנע קראַטעס.
אָן אַ פאַרוואָס, און אָן אַ פאַרווען,
בלויז פאַר נישט האָבן קיין „ספּעשל פּאַס״?
פאַרויס, פאַרויס צו „מאַרשל סקווער״.
דאָס ליד, ברודער, פאַרשטיי און הער...

דאָס ליד האָט בענעט כמעט אימפּראָוויזירט לויט די ווער־טער פון לערער „סידי אי אָ״, וואָס ער האָט געלייענט אינעם בוך „זולו־פּאַראַדאָקס״ פונעם מחבר היו טרעיסי. די ווערטער האָבן קיין רושם נישט געמאַכט, אָבער זיין שיינע שטים איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָבן זיי געקלאַפּט מיט די שטעקנס, געפּאַטשט מיט די הענט און געפאָדערט ער זאָל זינגען. בענעט האָט זיי באַרויקט און דערציילט פון אַ זולו־דיכטער ווילִיקאַזי, וואָס האָט

די אוהאַמאַס

באַקומען אַ דאָקטאָראַט אין יאָהאַנעסבורג־אוניווערסיטעט און איז געשטאָרבן צו 41 יאָר — ער האָט אָנגעשריבן דאָס ליד:

גיי אונטער, דו זון, מיט דיין שטענדיקן גלאַנץ,
דו וואָס האָסט פאַר אונדז באַהאַלטן דעם ערדישן פלאַנץ.
פאַר אונדז שוואַרצהויטיקע מיט גראָבע ליפּן,
אַז אונטער אונדזערע פיס כוואַליעט מיט גאָלד,
וואָס ווערט צעפּירט מיט באַגנען און שיפּן.
אויך מיר וואָלטן געוואָלט זיך שפּיגלען אין דעם גאָלד,
געניסן פון דעם וואָס ברענגט עשירות צו פעלקער,
און נישט בלייבן בלויז דער האַמער
וואָס זעצט און גראָבט, האַמערט און קלאַפּט
פאַר אַ פּאָר פענעס און אַ טאָפּ מילי פּאַפּ.
פון אונדזערע גראָבע ליפּן די הויט
ווערט צעקרישלט פון גאָלדיקן שטויב.
גיי אויף זון! פאַר אונדז גיי אויף!
זאָל ווי צו נחן קומען צו אונדז אויך אַ טויב
נישט מיט אַ צווייגל, נאָר מיט אַ גרויס ברויט.

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, בעת האָט מיטן לעצטן ליד גאָר שטאַרק אויסגענומען! האָט מען אים געבעטן ער זאָל נאָך זינגען. אַליין אַ צופרידענער פון דער איינגלידערונג האָט ער אויפ־געהויבן די הענט און דערקלערט, אַז ער וועט איצט זינגען אַ ליד, אַ זולו־הימן, וואָס זיין שול־פּרינציפּאַל האָט אים אויסגעלערנט. דער רעוורענד־„שאַמבע״ פון דער זולו־קריסטלעכער קירך האָט דאָס פאַרצייכנט מיט הונדערט יאָר צוריק. דאָס ליד דערציילט וועגן דעם קאַמף פון זולוהעלד דינגאַן מיט זיין ברודער מפּאַנדע, וואָס די „פויגל״, דאָס מיינט די ווייסע, האָבן אויסגענוצט און זיי

אַלע באַזיגט. די ערשטע שורה האָט בענעט איבערגעחזרט עט־לעכע מאָל:

הערט זיך איין, זולוס, הערט ווי זיי טרייבן רכילות,
הערט וואָס מענטשן רעדן, אונדזער לאַנד זיי באַרעדן,
ווי די „פויגל" וואָסביים וואַסער — נישט פון וואַלד,
די וואָס מאַכן חרוב אונדזער פעלד, אונדזער לאַנד.
הערט זיך איין, זולוס! הערט ווי די „פויגל" טרייבן רכילות.

כאָטש בענעטס רמז האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען האָט דאָס ליד אַרויסגערופן אַ גערעדעריי. די עלטערע געדענקען דאָס ליד פון זייערע עלטערן, און האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס אַ שטאָטישער יונגערמאַן ווייסט דערפון. „אַ די שטאָטישע זענען קלוג".

ביסלעכווייז האָט זיך דער עולם אַרויסגעשאַרט פון „זאַל". בענעט האָט נאָכגעקוקט די סילועטן, וואָס שפּרייטן זיך איבער היגלען און פאַלדן צו זייערע הייזקעס. ער האָט זיך געטרייסט און געגלויבט, אַז היינט האָט ער וואָס אויפגעטאָן, אפשר דורכגעשטאָכן אַ פינטעלעכל פאַר אַ טראָפּן ליכט אין די טונקעלע קעסטעלעך אויף זייערע אַקסלען — אין האַרצן האָט ער געדאַנקט דעם פּרינציפּאַל, וואָס האָט אים צוגערעדט צו פאָרן. אמת, פּרינציפּאַל, פרייד און צער איז דאָס לײַם פון לעבן...

דער לעבנסשטייגער אין קראַאַל האָט אים אימפּאָנירט. דער פאַרבינד־פאָדעם מיט די געשטאָרבענע גיט זיי אייביקייט און פאַר־גרעסערט זייער צאָל. די אָבערגלויבנס פאַראייניקן זיי, שטאַרקט די מאָראַל. אַ גרויסע באַדייטונג האָט דער טראַדיציאָנעלער קאָלעק־טיווער גייסט ביי דרעשן קאָרן, שטויסן מיליס, צו בויען אַ הייזקע — אומעטום העלפט איינער דעם אַנדערן אָן געצאָלטס, בלויז פאַר

אַ ביסל ביר, וואָס מ׳טרינקט צוזאַמען פון קאַלאַבאַזש נאָך אַ טאָג אַרבעט.

נגאַטאַני טאַבוזוטו האָט בענעטן נישט אָפּגעלאָזט אַ מינוט, און כסדר געפרעגט פראַגן: איז אמת אַז אין יאָהאַנעסבורג האָבן אַלע באַנטוס מאַטאַקאַרס? אַז די וואָס אַרבעטן אין די גאָלדמינעס פאַרדינען אַ סך געלט, און די וואָס אַרבעטן אין די געשעפטן גייען אָנגעטאָן ווי די ווייסע, רעדן זייער לשון און עסן טשאָקאָלאַדע, און פון וואַנען קענסטו רעדן זולו? אין די נאַאיווע פראַגן האָט גע־צאַפּלט אַ רייץ צו עפּעס ווייטס און פרעמדס. בענעט האָט געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו דעם נייגעריקן בחור, וואָס האָט אים געהאָלפן אַריינדרינגען אין דעם קראַאַללעבן און אים געוואָלט העלפן. ער האָט פאַרזיכטיק מבטל געמאַכט זיינע השגות פון שטאָט און אים דערציילט פון שטאָטישן לעבן ווי עס איז. פון די גאָלדמינען מיט דעם חלאת „טייסעס" (לונגען־קראַנקהייטן). ער האָט אים דערציילט פון זיין זיידן וואָס האָט געאַרבעט דריי יאָר אין אַ גאָלד־מינע און דערנאָך זיך אָפּגעמאַטערט אַכצן יאָר מיט צעלעכערטע לונגען און געשטאָרבן דאָ, אין דער קראַאַל־הייזקע, וואָס איז פאַר־ברענט געוואָרן. כאָטש היינט זענען די היגיענישע באַדינגונגען אין די מינען אַ סך בעסער, מיינט דאָס נאָר, אַז עס נעמט לענגער ביז די לונגען ווערן פאַרזשאַווערט. אַ פאַבריק איז אַ סך בעסער, אַ מלור־כהשער אינדוסטרי־ראַט היט די אַרבעטסצייט, די היגיענע, ליכט און לופט, אויך דעם געהאַלט. פאַר וואָס גראַד אַ מינע? אָט אַרבעט איך אין אַ מעבלפאַבריק און בין צופרידן. לסוף האָט ער טאַבאַזוטון און אַנדערע אויסגעניכטערט פון זייערע פאַלשע שטאָט־חלומות און זיי צוגערעדט, אויב זיי קענען קומען אין שטאָט, זאָלן זיי גיין צו די אינדוסטריעס. נגאַטאַני איז טרויעריק געוואָרן, ווען בענעט האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל מאָרגן, גאַנץ פרי צוריקפאָרן קיין מאַריטצבערג און פון דאָרט אַהיימפאָרן.

— קען איך מיט דיר פֿאָרן? איך וויל זיין אַזוי אין שטאָט, אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק, נישט אין אַ מינע. איך וויל זיין דאָרט, ווו דו ביסט.

— אָבער דיין שוועסטער — ווען איז די חתונה?

— אין צוויי חדשים אַרום. וועסט קומען צו דער חתונה? אוי, וואָלט איך וועלן זאָלסט קומען, זינגסט אַזוי שיין.

— ניין, נגאַטאַני, כ'מוז היטן מיין דזשאָב... איך וועל דיר געבן מיין אַדרעס, נאָך דער חתונה אויב וועסט האָבן דיינע פּאַפּירן קענסטו קומען צו מיר. עסן און ווו צו שלאָפֿן וועסטו האָבן און אפֿשר אויך אַ שטעלע ווו איך אַרבעט. — נגאַטאַניס אויגן האָבן גע־גלאַנצט פֿון נחת. ער האָט דערציילט זיין משפּחה פֿון גרויסן גליק, צוגעגרייט בענעטס געלעגער ביי אים אין שטוב.

ס'איז נאָך געווען טונקל, ווען נגאַטאַני האָט בענעטן אויפֿגע־וועקט צו דער רייזע. אים געגעבן הייסע טיי און אַ שטיק מאַטאָמ־באַלאַ (אַזאַ ברויט) און אַליין אַרויס צוגרייטן דאָס פֿערדל צום רייטן. פֿאַרדעקט מיט זעק אויפֿן פֿערדס רוקן האָבן זיך ביידע אַרויפֿגעזעצט און אַוועק אין לאַנגן וועג.

דער סודותדיקער באַגינען האָט אַנגעצונדן דעם מזרח־הימל מיט אַ ראָזולעכן שיין. דער טוי איבערן אומגעגני־טייך האָט זיך געצויגן ווי אַ שיטערע פֿאַרע העכער צו כאַפּן אַ גלעט פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון. אַ נייער טאָג ווערט געבוירן. בענעט האָט באַ־וווּנדערט דעם האַלבן ראָד פֿייער, וואָס רוקט זיך אַרויס פֿון באַרג און ווערט גרעסער און רונדער. עס איז וואַרעמער געוואָרן. איצט זעט ער ווידער די מחנות פֿייגל וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פֿון קאַלטן הימל צו געפֿינען וואַרעמקייט און אַ קערנדל. אַ וואַלקנפּאַס האָט איבערגעשניטן דעם באַרג. אונטן, אין שאָטנדיקן טאָל האָט ער דערזען אַ רויט פֿלאַמיקע לאַטע.

— וואָס איז דאָרט?

— ווו ?

— דאָרט, אין טאָל.

— אַ, קאַפּער־בום.

בענעט האָט באַוווּנדערט די קנופּן שטענגלדיקע רויטע בלומען־פינגער אויף די נאַקעטע צווייגן אָן בלעטער.

— פאַר וואָס האָבן די בוימער קיין בלעטער נישט און אַזאַ שיינע בלום ?

— וועגן דעם דערציילט מען, אַז די בלום איז דאָס בלוט פון דער קעניגין פון גרויסן קראַאַל, וואָס איז געווען אַזוי שיין ווי נישט פון דער וועלט, איז זי באַפאַלן געוואָרן פון די „מאַמבאַס" (אַ שלעכטער שבט), האָט זי זיך געראַטעוועט אין דעם בוים וואָס האָט זי איינגעשלונגען. די בלעטער עסט זי אויף, און די בלום איז איר בלוט. דערפאַר טאָר מען די בלום נישט רייסן... און דאָרט, אין יענעם דאָרף — האָט נגאַטאַני וויטער דערציילט — זעסט די צוועלף גרויסע ביימער אויפן בערגל, ווי אַ רינג ? דאָרט האָבן צוועלף מיידעלעך געטאַנצט אין אַ ראָד איז געקומען אַ לעאָפּאַרד און זיי אויפגעגעסן, דאָ זענען קיין לעאָפּאַרדן נישטאָ, קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, קורץ דערנאָך האָט מען דערזען די צוועלף גרויסע ביימער. אין בלי, פאַרשמעקן זיי ווייט אַרום. אויף דעם אָרט דערציילט מען זענען קיין מאָל קיין ביימער נישט געוואַקסן. די עלטערן פון די קינדער האָבן יעדן טאָג געברענגט עסן פאַר די נשמות פון די צוועלף מיידעלעך, אַזוי דערציילט מען...

פאַר נאַכט זענען זיי אָנגעקומען. כאָטש מיד פון רייטן דעם גאַנצן טאָג איז בענעט געווען אַ פריילעכער. ווילסאָן, וואָס האָט אים דאָרט געלאָזן אין אַ דערדריקטער שטימונג, איז געווען איבער־ראַשט צו זען בענעטן אַזאַ אויפגעלייגטן. ביים עסן האָט בענעט נישט אויפגעהערט דערציילן פון זיינע גרויסע איבערלעבונגען,

גערדאַנקט ווילסאָנען פֿאַר דעם „ליפט" (טרעמפּ) און אים פֿאַרזיכערט, אַז ס'איז ווערט געווען אַפילו צען געשלעגן...

— דעם יונג — האָט בענעט אָנגעוויזן אויף נגאַטאַנין — האָב איך אַ סך צו פֿאַרדאַנקען, אַז ער וועט קומען אין שטאָט וועל איך אים אָפּדינען.

ווילסאָן האָט פֿאַרגעלייגט נגאַטאַנין צו בלייבן נעכטיקן.

— אָ, אַ דאַנק, מיין פֿערדל קען דעם וועג אין דער פֿינצטער, צוריק וועט מיר נעמען העלפט צייט. מיר האָבן אַ סך מאָל זיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט אים וויזן ווי שיין דאָ איז, און בענעט וויל אַלץ וויסן, און אַליין איז לייכטער פֿאַרן פֿערד. זאָל ער אַ ביסל עסן, כ'וועל אים אָנטרינקען וועט ער לויפֿן ווי אַ טייוול.

— ווייסט איר די לעגענדע פֿונעם קאָפּער־בום ? — האָט בענעט געפֿרעגט — אַ שיינע לעגענדע, לאַנג לעבן זאָלן די זולוס, נאָר מיט מער שכל — האָט בענעט שמייכלענדיק צוגעגעבן.

ביים געזעגענען זיך האָט נגאַטאַני ווידער געבעטן בענעטן :

— אפשר וועסטו דאָך קענען קומען צו מיין שוועסטערס חתונה ? ס'וועט אונדז אַלעמען זייער פֿרייען, אַלע האָבן דיך ליב באַקומען.

— אפשר יאָ. — האָט בענעט אַ צוואַרעמטער געענטפֿערט.

— אינטערעסאַנט צו זיין אַ גאַסט אויף אַ זולו־חתונה. אָט איז מיין אַדרעס.

אַ גליקלעכער האָט נגאַטאַני אָנגעטרונקען דאָס פֿערד, אַרויף אויפֿן רוקן מיט אַ שפּרונג און אַוועק אין אַ גאַלאָפּ.

— אַ טייערער יונג דער טאַבאַזוטו, איך האָף ער וועט קומען אין שטאָט, אַך ! — האָט בענעט אַ פּאַך געטאָן מיט די הענט — וואָס פֿאַראַ פֿאַר טעג די זענען געווען. פֿאַנטאַסטיש !... איצט ווייס איך פֿון וואַנען איך קום און ווו מיין וויג איז געשטאַנען... — ווילסאָן ! מאָרגן וויל איך אַהיים פֿאָרן.

— פֿאַר וואָס? מיר בלייבן נאָך אַ וואָך.

— איר קענט בלייבן, איך וועל פֿאָרן מיט דער באַן, סײַוויי איז אין קאָר צו ענג.

— אָבער פֿאַר וואָס? דאָ איז דאָ פּלאַץ פֿאַר דיר.

— ס'איז נישט דאָס, ווילסאָן, דו האָסט דײַנס געטאָן, און איך דאַנק דיר. אָבער איך בין פֿאַרטיק אַהיים צו פֿאָרן, די מומע איז אַליין.

— און ווער נאָך?...

— דער גוטער גייסט...

צומאָרגנס האָט ווילסאָן צוגעפֿירט בענעטן צום באַן אויפֿן וועג אַהיים צו פֿערייניכינג.

אויפן וועג צוריק

אין וואַגאָן איז געווען גאַנץ באַקוועם. כאָטש בענעט האָט נישט געהאַט קיין רעזערווירטן פּלאַץ, האָט ער געהאַט וווּ צו זיצן. די אַנדערע זיבן מיטפּאַרער אין דער קופּע האָבן געהאַט געסט פון אַנדערע וואַגאָנען, איז מען געשטאַנען און גערעדט, געררויכערט. דער ריח פון ביליקן טיטון און די גערעדערייען האָבן בענעטן געשטערט אין לייענען, האָט ער זיך צוגעהערט צו זייערע געשפּרעכן און גע־עפנט אַ פענצטער דער רויך זאָל אַרויס. איינער פון די פּאַסאַזשירן מיט אַ גרויסן שניט איבערן פּנים, האָט זיך אויסגעשטרעקט איבער בענעטן און גלייך פאַרמאַכט דאָס פענצטער.

— נאָך פרישע לופט גיי צו די ווייסע... איך האָב ליב דעם קאַפּער־שטונק.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט פון דעם וויץ. שפּעטער אין דער נאַכט, זענען די „געסט" אַוועק צו זייערע פּלעצער. ס'איז געוואָרן שטיל. די מיטפאָרערס זענען איינציקווייז איינגעשלאָפן. די שמועסערייען זענען פאַרביטן געוואָרן אויף אַ כראָפּען. בענעט האָט נישט גע־קאָנט שלאָפן. דער כראָפּענדיקער „כאַר" האָט אים געהאַלטן וואַך. ער האָט געקוקט אויף דעם מגושמדיקן פּנים מיטן שניט. געמאַכט אַ חשבון פון זיינע איינדרוקן אין קראַאַל. אויסמאַרטירט אין דמיון, וואָס איז אים יאָ, און נישט געפעלן. דער עיקר איז אים נישט געפעלן די איינגעשניטענע לייבער און פּנימער מיט דער טונקעלער פאַרב, וואָס איז אַריינגעלאָזן אונטער דער הויט, דאָס איז באַרבאַ־ריש. דערפאַר איז אים שטאַרק געפעלן זייער גוטמוטיקייט און דער קאָלעקטיווער גייסט, וואָס הערשט אין קראַאַל, דאָס העלפן איינע

די אַנדערע, און דאָס האַלטן זיך צוזאַמען. הגם ער האָט פריער געהאַט געהערט פון זייערע אַבערגלויבנס, דאָך האָט אים געוווּנדערט וואָס די נאָענטע שטעט אַרום האָבן נישט אויסגעאיבט קיין איינפלוס דאָס צו פאַרמינערן. בענעט האָט געטראַכט פון דעם פאַל, ווען ער מיט נגאַטאַניִן זענען געגאַנגען אין פעלד און געזען ווי צוויי שבט־מענטשן זוכן וואָס אין גראָז. אויף זיין פראַגע, האָט נגאַטאַני געענטפערט דאָס זוכן זיי עפּעס אַ חיהלע, אַפילו אַ שלאַנג — וואָס איז נאָענט צו זייער הייזקע, ווייל זיי קלייבן זיך איבער צו אַן אַנדערן קראַאַל, מוזן זיי מיטנעמען די גייסטער פון זייערע עלטערן צום נייעם אָרט...

ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט דאָס אַלץ געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, און וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיט אַ סך יונגע און זיי צוגערעדט, אויב זיי קענען נאָר, זאָלן זיי קומען אין די שטעט אַרבעטן. זאָלן די יונגע זיך אָפּרייסן פון דעם אַנהאַלטן זיך אין טויטע גייסטער, זאָלן זיי זיך לערנען אַרבעטן אין פאַבריקן, קריגן אַן אָרט אינעם קאַמף, צו לעבן צווישן לעבעדיקע. ווי שווער ס׳זאָל נישט זיין דאָס שטאָטישע לעבן, דער עיקר פאַר ניי געקומענע פון קראַאַל, ווי פיינלעך ס׳זאָלן נישט זיין די „פּאַס״־ און דירה־פּראָבלעמען, האָבן זיי דאָך אין די שטעט אַ בעסערע געלעגנהייט אַרויסצוקריכן פון דער לעטאַרגיע, און ווערן פעיִק צו האָפן אויף אַ בעסערער צוקונפט, וואָס קען זיכער נישט קומען דורך דער הילף פון די אָבות־גייסטער... אַזוי האָט בענעט אין געדאַנק גערעדט מיט זיך אַליין. די טונקלקייט אין וואַגאָן, דאָס קלאַפּן פון די רעדער, דאָס מאָנאָטאָנע כראָפּען, די שפּעטנאַכטיקע שטילע סטאַנציעס האָבן אים סוף סוף איינגעוויגט אין אַ מידן שלאָף.

פאַר טאָג שוין, האָט אַ טומל מיט געוואַלדן אויפגעריסן בענעטן פון שלאָף. ער האָט דערזען, ווי אַלע זיינע מיטפּאַרערס זענען פאַרפלאָכטן אין אַ געשלעג. ווי זיי טרייבערן איינעם וואָס ליגט אויס־

געצויגן אויף אַ באַנק, רייסן זיינע בגדים און שלאָגן אים. ער האָט געזען, אַז דער באַפעלענער איז דער „ויצלער" מיטן שניט אין פנים. אין די גוואַלדן האָט בענעט געהערט, אַז מ׳באַשולדיקט אים אין באַגנבענען זיין שכן בעת יענער איז געשלאָפן. בענעט האָט זיך אַריינגעמישט, געוואָלט אָפּשטעלן דאָס געשלעג. דער קאָנדוקטער איז אָנגעקומען מיט אַ געפייפעריי און קללות אויף די בלוטיקע קאַפערס, און איז נישט אָפּגעטרעטן פון אָרט ביז די באַן איז לאַנגזאַם אָנגעקומען אויף דער סטאַציע פערייניכינג.

די פּאָליציי האָט אַלע אַרעסטירט. בענעט האָט דערקלערט, אַז ער איז געשלאָפן און האָט צום געשלעג קיין שייכות נישט געהאַט, וואָס אַלע האָבן באַשטעטיקט, געוויזן זיין פּאַס, וואָס איז געווען אין אָרדענונג האָט מען אים געלאָזט פריי. כאָטש ס׳איז געווען אַן אויטאָבוס אים צו פירן אַהיים, האָט ער בעסער געוואָלט גיין צופוס און זיין מיט זיך אַליין.

— וואָס פאַר אַ טיול זיצט אין מיר און צערייסט מיך אויף צווייען? — האָט בענעט זיך אַליין געפרעגט. — פון איין זייט אַנטלויף איך פון זיי. אָט בין איך אַרויס פון באַן מיט אַזאַ ווידערגעפיל.

איצט וויל איך בעסער אַ מידער גיין דעם לאַנגן וועג אַהיים און נישט פאָרן מיט זיי צוזאַמען אין אויטאָבוס. פון דער אַנדערער זייט ציט מיך צו אַרבעטן מיט וואָס מערער צוזאַמען. אין די רעזערוון זענען זיי אַבערגלויביק, אָבער גוטע, פרידלעכע מענטשן. איז עס דער איינפלוס פון דעם אַלגעמיינעם שטאָטישן עגאָיזם? גאָט אין הימל, וויפל צייט און אַרבעט דאַרף מען, כדי מיינע שוואַרצע ברידער זאָלן ווערן מענטשן, וואָס קענען צוימען דאָס בייז אין זיך און נישט זיין אַזוי גיך מיט דער פויסט אָדער מעסער... און פאַרשטיין וואָס ס׳געשעט אַרום זיי... ניין. מיר אַליין, אַן דער

מיטהילף פון די ווייסע, וועלן דאָס קיין מאָל נישט באַווייזן. וועלן פון דעם מצב נישט אַרויס.

די מיינונג האָט בענעט נישט געביטן, כאָטש מ׳האָט אים אָנגע־בראָכן די ביינער און אַרויסגעוואָרפן פון דער אָרגאַניזאַציע, ווייל ער האָט געוואָגט זיך קעגנצושטעלן דעם באַשלוס פון „נאַציאָנאַלן קאָנגרעס״ צו באַזייטיקן די ווייסע מיטגלידער, און די ווייסע האָבן געשאַפן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע. ער געדענקט ווי מ׳האָט אים געשלאָגן, צעפליקט דאָס רעקל אויף אים, אויסגעלאַכט די חוצפה פון אַ יונגן שנעק... דאָך באַדויערט ער דאָס נישט. און וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ זיכערער בלייבט ער ביי זיין איבערצייגונג.

* * *

ווען בענעט איז אַהיים געקומען, איז די מומע מאָלי נאָך גע־לעגן אין בעט.

— העלאָ!

— ווער איז דאָרט? בענעט?

— יאָ.

— שוין צוריק געקומען?

— יאָ, כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר.

— נישט נאָך מיר, טייוול דו. איך ווייס... אַניקי. זי איז דאָ געוועזן עטלעכע מאָל. קוק, דאָס קעסטל טשאָקאָלאַד האָט זי מיר געבערענגט פאַר קריסטמעס. עס מוז קאָסטן אַ פונט. אָ, זי איז אַ טייער מיידל די אַניקי.

—קען איך פאַרזוכן אַ טשאָקאָלאַד?

— אַוודאַי, דו יונג דו. דער רעוורענד האָט מיר געזאָגט, אַז האָסט אים אויסגעפעלט קריסטמעס אין כאָר. ער האָט דיך ליב דער רעוורענד. אַלע האָבן זיך געפרעגט אויף דיר.

— מומע, איך בין זייער מיד און הונגעריק.

— איך גיב דיר גלייך וואָס צו עסן, דערווייל דערצייל וועגן

זולולאַנד, און ווי געפעלט דיר מעסיגאַ? רוף אַריין ווילסאַנען און די איבעריקע, ווו זענען זיי?

— אין מאַריטצבערג, איך בין אַליין צוריק געקומען מיט דער באַן.

— האָסט זיך צעקריגט מיט זיי?

— חלילה, וואָס פאַלט דיר איין? כ׳האָב זיך פאַרבענקט.

— נאָך אַניקין, הא?...

בענעט האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף דער באַמערקונג.

— ווילסט הערן וועגן מעסיגאַ און זולולאַנד?

— נו, דערצייל, דערצייל, זולולאַנד איז שיין.

— שיין, יאָ, נאָר די „זון" שיינט דאָרט שוואַך?

— אין זולולאַנד שיינט די זון שוואַך?

— יאָ, און די זולוס לעבן אין דער פינצטער...

— בענעט, האָסט געטרונקען?...

— די מומע ווייסט, אַז איך בין נישט קיין טרינקער.

— אויב אַזוי, פאַרשטיי איך דיך נישט.

— כ׳מיין ס׳איז זיי פינצטער דאָ, אין די קעפּ. אַ סך זאַכן געפעלן מיר דאָרט, נאָר זיי לעבן און טראַכטן ווי זייערע עלטער־זיידעס.

— כ׳זאָל אַזוי וויסן פון בייז, ווי כ׳ווייס וואָס דו רעדסט. אָט איז דיין פרישטיק, עס און גיי שלאָפן. אָ, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, דאָ איז אַ בריוו פאַר דיר.

עסנדיק האָט בענעט געלייענט דעם בריוו מיט די אויגן. די מומע האָט באַמערקט אַ גליקלעכן שמייכל אויף זיין פּנים.

— וואָס איז? האָסט געוווּנען אויף דער לאָטעריע?

— יאָ, מומע, הער, זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן מיר: „הער בענעט אוהאַמאַ! דערמיט לאָזן מיר דיר וויסן, אַז דיין ביטע וועגן אַ שטעלע אין דער שמעלצעריי איז אָנגענומען געוואָרן. דער גע־

האַלט איז פינף פונט צען שילינג אַ וואָך. דעם אַכטן יאַנואַר, 9 פרי דאַרפסטו זיך מעלדן אויף אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג. אונטערגעשריבן, פאַר דער עס, עי שמעלצעריי, דער מענעדזשער".
נו, מומע — דרייט ער זי אין אַ טאַנץ מיט אַ שטיק ברויט אין האַנט — ווער איז געווען גערעכט? אַוועקוואַרפן פיר פונט צען אַ וואָך אין שאָפּ, די וועלט איז אונטערגעגאַנגען. איצט וואַרף איך אַוועק אַ בעסערע שטעלע אין דער מעבל־פאַבריק פאַר נאָך אַ בעסערער אין דער שמעלצעריי. אַ חוץ דעם העכערן לוין, וועל איך זיין מיט הונדערטער אַרבעטער צוזאַמען. דאָס, וואָס איך וויל. פילן דעם פולס פון אַ מאַסע. ווי פירן זיי זיך אויף? ווי טראַכטן זיי? איך וועל האָבן צו וועמען צו רעדן, מיט וועמען צו זינגען. אין דער מעבל־פאַבריק זענען נאָר דאָ זעכציק אַרבעטער. אין דער שמעלצעריי — הונדערטער. מומע!!! בענעט איז נישט קיין פאַר־לוירענער. אָ, דעם 8טן יאַנואַר. איך מוז פריער קינדיקן אַ וואָך אין דער מעבל־פאַבריק, און מיר הויבן ערשט אָן דעם 12טן יאַנואַר.

— נו, וועסט גיין אין דער שמעלצעריי דעם 8טן, מאַכן זיכער די שטעלע, און זיי זאָגן, אַז קענסט ערשט אָנהויבן אַרבעטן אַ האָך נאָכן 12טן, ווייל דו מוזט געבן נאָטיס. ביי די ווייסע וועסטו דער־מיט בעסער אויסנעמען, זיי וועלן זען, אַז דו ביסט נישט קיין לויפער.

— גערעכט מומע, אַזוי וועל איך טאַקע טאָן. דערווייל דאַרף מען זיך אַ ביסל אויסרוען — בענעט האָט אַראָפּגעשלעפּט די שיך פון די פיס און זיך אויסגעצויגן אויפן בעט — מומע, דער טאַטע האָט אַ מאָל געאַרבעט מיט הונדערטער צוזאַמען? ס׳מוז זיין אַן אָנגענעם געפיל צו זיין איינער פון אַ סך, מ׳איז חשובער, שטאַר־קער ביי זיך. האַ? וואָס זאָגסטו מומע? און אַניקי... — ביי די לעצטע ווערטער איז ער שוין געשלאָפן.

די מומע האָט אַפילו נישט באַוויזן אים צו ענטפערן. זי האָט

געקוקט אויף דעם צופרידענעם שמייכל, וואָס איז געבליבן רוען אויף זיין שלאָפנדיקן פנים. פאַרזיכטיק האָט זי זיך באַוויגן אין שטוב אים נישט צו וועקן, און מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם ש־ר־ש פאַרטריבן די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט פאַר דער טיר. אין זיך האָט זי געטראַכט:

— דאַנקען גאָט, אַ גוטער דזשאָב און אַזאַ מיידל ווי אַניקי. ער פאַרדינט דאָס גוטע מזל.

* * *

פון רויטפּליסיקן טשוהון, וואָס בענעט האָט געגאָסן פון קעסל אין מעטאַלענע פאָרמעס, האָט געזעצט אַ שטאַרקע היץ. ער האָט אָפּגעווישט דעם שוויס מיט דער האַנטפלאַך און אַוועקגעשטופּט אויף דער דיקער דראָט, וואָס איבערן קאָפּ, דעם ליידיקן קעסל צו אַ צווייטן אַרבעטער ווידער אָנצופילן. מענגעס מוסקולירטע האַלבנאַקעטע לייבער האָבן געגלאַנצט פון שווייס. די טאָגליכט איז פאַרשלונגען געוואָרן פון די פלאַמענדיקע אויוונס. אין דעם שימער פון פלאַם־ליכט האָט ער דערקאָנט דעם יונגן נגאַטאַני פון זולולאַנד.

— ווען ביסטו אַהער אָנגעקומען, נגאַטאַני?!!!

— נישט לאַנג צוריק, בענעט!!!

— ווער נאָך איז מיט דיר?

— אַ סך אין זולולאַנד האָבן דיך געפאָלגט און געקומען.

אין דעם גערויש און פלאַם־ליכט האָט זיך בענעט אַרומגעקוקט און דערקאָנט די אַלע מיט וועמען ער האָט גערעדט אין זולולאַנד און אַריבערגעשריגן דעם גערויש:

— גוט! בעסער צו אַרבעטן אויף ברויט פאַר די לעבעדיקע, איידער אַרויסהענגען פלייש פאַר די טויטע גייסטער!

האָפּ, איז אָנגעקומען מיט אַ קלונג אַ נייע וואַגאָנעטקע מיט פרישן טשוהון. נישט וויט האָבן געזעצט שווערע האַמערס און

צעשפּריצט רויטע שטערן־פונקען. פון די פונקען זענען געוואָרן אַן אַ שיער פּנימער און מיילער וואָס האָבן געזונגען צום ריטם פון די האַמער־זעצערייען דאָס ליד, וואָס שוואַרצע זיגען ביי שווערער אַרבעט: „טשאַטשאַ לאַזאַ, טשאַטשאַ לאַזאַ סטימעלאַסי פּומאַרהאַ־דישאַ".

— בענעט! בענעט! — האָט די מומע אים געוועקט — שטיי אויף, ס'איז שוין נאַכט. דו פלוידערסט און זינגסט פון שלאָף. אַ פּעפּער דאָס איז.

— לאָז צו רו — קערט ער זיך אום אויף דער אַנדערער זייט.

— גענוג געשלאָפן, זע ווער ס'שטייט דאָ. — זעצט זי אים אויף. אַ פאַרשלאָפענער האָט בענעט געריבן די אויגן און פון די ליפּן זענען געפלאָסן קלאַנגען מיט אַ בלאָזן: פּפו, פּפו, האָ, הו, אַ גוטער חלום.

— פון וועמען האָט זיך דיר געחלומט? — די פראַגע האָט אים אויפגעוועקט, ער האָט זיך אויסגעטשוכעט, געעפנט די אויגן און דערזען אַניקין.

— העלאָ, אַניקי, אַנטשולדיק מיר, איך בין זייער מיד.

— נאָך אַ גאַנצן טאָג שלאָפן?

— פאַר וואָס? ווי שפּעט איז דען?

— אַכט אין אָוונט.

— פּפו, נייק, עס קען נישט זיין.

— ביסט פאַרשלאָפן אַ טאָג לעבן.

— ס'איז ווערט געווען — האָט בענעט געענטפערט אין גאַנצן אַ וואַכער.

די טאַנטע האָט אַנגענומען אַניקין פאַר דער האַנט.

— אַניקי און איך וועלן אַרויסגיין און דו טו זיך אָן און קום צום טיש.

פאַר דער צייט וואָס בענעט האָט זיך אָנגעטאָן, האָט די מומע געגעבן אַניקין צו לייענען דעם בריוו פון דער שמעלצעריי.

— נו, איז ער נישט אַ מזלדיקער יונג?

— יאָ, — האָט אַניקי געענטפערט — אַ לערער אין אַ לאָקיישן־שול פאַרדינט דאָס נישט.

בענעט איז צוגעקומען צום טיש, באַגריסט אַניקין מיט אַ קוש אין דער מומעס קעגנוואַרט. געענטפערט אויף פאַרשידענע פראַגן וועגן זולולאַנד, דערציילט מיט באַוועגונגען פון די „היים־קאָנצערטן" אין קראַאַל, פון זייערע אַבערגלויבנס און מינהגים. אַניקי האָט געוואָלט אַראָפּפירן דאָס געשפּרעך אויף אַ מער אינטימען כאַראַק־טער, האָט זי אָנגעהויבן מיטן נייעם דזשאָב.

— ביסטו צופרידן, בענעט, מיט דעם בריוו? די מומע זאָגט, אַז דו האָסט אַפילו געזונגען אין שלאָף פאַר פרייד.

— קען זיין. כ׳בין דוכט זיך מיט צען יאָר עלטער געוואָרן די לעצטע טעג. כ׳האָב געזונגען אין שלאָף? כאַ, כאַ, כאַ, אַ גוטער חלום געווען. כ׳ווייס שוין פון דעם חלום אַפילו מיין אַרבעט אין דער שמעלצעריי.

— איצט, בענעט, זע איך, אַז דו ביסט אַ זולו. זיי גלויבן אין חלומות.

— גערעכט, אַניקי, אָבער מיין חלום האָט אַ באַזע — ווייזט ער אָן אויפן בריוו. — זיי חלומען און גלויבן אין זאַכן, וואָס מיר גלויבן נישט. געדענקסט, האָסט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז מיר זענען אַ פאָלק מיט אָן אייגענעם פאָלקלאָר, לעגענדעס, לידער. דאָס זענען מיר טאַקע.

אַניקי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטענגל און זיך שפּילנדיק געריסן די בלעטלעך:

— פאַר וואָס, בענעט, האָסטו געזאָגט, אַז ס׳איז ווערט געווען צו פאַרשלאָפן אַ טאָג?

בענעט האָט געקוקט אויף אירע פינגער, ווי זיי רייסן די בלעטעלעך איינס ביי איינס און זיך געכאַפּט:

— כ׳פאַרשטיי, אַניקי. דיינע פינגער זאָגן מיר, אַז יעדער טאָג וואָס פאַרגייט, איז אַן אָפּגעריסן בלעטל...

— ביסט ווייזט אויס נישט נאָר עלטער, נאָר אויך קלוגער געוואָרן. פון ביידע זאַכן בין איך שטאַרק צופרידן.

די מומע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז דאָ אַן איבעריקע, און ווי זיך צו באַהאַלטן האָט זי נישט געהאַט אין דער קליינער דירה, האָט זי פאַרגעלייגט זיי זאָלן אַ ביסל אַרויסגיין, און שפּעטער צוריק קומען צו טיי. דאָס פּאָרל האָט געפאָלגט און אַרויס שפּאַצירן. בענעט האָט איר דערציילט, וואָס ער האָט געזען אין זולולאַנד. ער האָט געמאַכט פאַרגלייכן פונעם לעבן אין קראַאַל און דעם שטאָטישן. אַניקין האָט זייער אימפּאָנירט זיין לאַגישער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען. בעת בענעט האָט פאַר איר געשילדערט די נאַטור־שיינקייט פון זולולאַנד, האָט זי געקלערט, אַז אַזוי רעדט אַ פּאָעט און דערביי געטראַכט: ווי יונג בענעט איז רייף געוואָרן. זיין געוועזענע לערעריך האָט באַגריפן, אַז ער שטייגט זי אַריבער, אַז זי פאַלט אַלץ מער אַרונטער זיין איינפלוס, און ווי שטאַרק זי איז פאַרליבט אין אים. בענעט האָט איר אַפילו דערציילט, ווי ער האָט אין די בערג געזונגען די „לעגענדע פון דער טרער" וואָס זי האָט אים אויסגעלערנט. און ווי אָפט ער האָט געטראַכט וועגן איר.

די לעצטע ווערטער האָבן אַניקין געמוטיקט זיך צו דערנענטערן צו אים אין גאַנג ווי צוויי פאַרליבטע. דאָס האָט בענעטן אָנגעפילט מיט אייגן שטאָלץ, אָבער אויך מיט דרך־ארץ פאַר אַ לערעריך, פון וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען, און ער האָט זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן. פאַר אַ ווײַלע האָבן ביידע נאָר געקאָנט הערן דאָס קלאַפּן פון זייערע טריט. בענעט האָט גערעדט צו זיך אַליין: איך האָב זי ליב, איר נאָענטקייט גיט מיר

חשיבות. זי איז נישט מער מיין לערערין, זי איז די פרוי, וואָס האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט דאָס געפיל פון גליק... אַז כ׳בין אַ מאַן. טאָ פאַר וואָס... ער האָט באַמערקט, ווי אַניקי איז געוואָרן נערוועז און זי האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— בענעט, דו זאָגסט, אַז דו האָסט אָפּט געטראַכט פון מיר. טאָ פאַר וואָס אַזאַ פרעמדקייט איצט? איך האָב דיך ליב, בענעט. און אויב דו פילסט דאָס זעלבע צו מיר, טאָ פאַרגעס, אַז איך בין געווען דיין לערערין. היינט קענסטו זיין מיין לערער — ביי די ווערטער האָט זי זיך געשטעלט פנים אל פנים און געזאָגט:

— קוק מיר אין די אויגן, „לערער מיינער". האָסט אַן אַנדער מיידל? אויב יאָ, זאָג מיר.

— מיין מיידל ביסטו אַניקי. נאָר...

— נאָר וואָס, בענעט?

אַנשטאָט אַן ענטפער האָט ער זי געדריקט צו זיך און געקושט.

— אויב דאָס איז דער ענטפער, בענעט, האַלט איך, אַז מיר זאָלן חתונה האָבן. פון אונדזערע פאַרדינסטן קענען מיר זיך גוט איינאָרדענען, און דיין געמיט וועט זיכער לייכטער ווערן ווען מירן זיין צוזאַמען. מיינסטו נישט אַזוי, בענעט?

— אַניקי טייערע, אָט דאָס טאַקע איז געווען די סיבה פון אומזיכערקייט. איך האָב דיך ליב, אָבער כ׳פיל, אַז כ׳בין צו יונג, נאָך נישט רייף דערפאַר. קען זיין ס׳איז נאַאיוו און נישט באַגרינ־דעט, ווייל ייִנגערע בחורים פון מיר האָבן חתונה. דאָ ליגט די שוועריקייט. איך בין אַנדערש...

— דערפאַר, בענעט, האָב איך דיך ליב, ווייל דו ביסט אַנ־דערש. און אויב ווי דו זאָגסט האָסט מיך אויך ליב, זע איך נישט פאַר וואָס מיר קענען זיך נישט ליב האָבן ווי מאַן און ווייב, און נישט ווי אַ בחור און אַ מיידל?

— ביסט גערעכט, אַניקי, קען זיין אַז אַפילו אין דעם נישט

האָבן קיין ענטפער דיר צו דערקלערן פאַר וואָס איך פיל, אַז כ'בין צו יונג חתונה צו האָבן, הגם איך האָב דיך ליב, טראַכט אָפּט פון דיר און וויל זיין מיט דיר צוזאַמען, און דאָך...

— ביסט זייער קאָמפּליצירט, בענעט.

— קען זיין...

נאָך דעם „קען זיין" און לאַנגן שוויגן איז אַניקין זייער אומעטיק געוואָרן. זי האָט דערפילט, אַז זי קען נישט דערגיין צו אַ פּאַרבאָרגן ווינקל פון זיין האַרץ, און פרעגן וויל זי נישט מער. האָט זי אים געבעטן ער זאָל זי אַהיימפירן.

— די מומע וואַרט אויף אונדז מיט טיי.

— די מומע וועט מיר מוחל זיין און דו, בענעט, האָסט מיר פאַרשאַפט אַ סך צער און מיך אַנטוישט. ליבע איז אַ גרויס גליק, דאָס ביסטו נישט צו יונג צו פאַרשטיין. איך פיל אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דיר, און בין גרייט דיר צו העלפן, אויב וועסט מיר געבן אַ געלעגנהייט דיר צו העלפן. מער פרעגן און בעטן קען איך נישט. איך האָף וועסט זיין גליקלעך אויף דיין נייעם דזשאָב. אויב ווילסט מיין הילף... לאָז מיר וויסן. אַ גוטע נאַכט.

אײדער בענעט האָט געקאָנט טראַכטן וואָס איר צו זאָגן, איז זי שוין געווען אין שטוב. ער איז געבליבן הינטער דער טיר אַ פאַרשעמטער, און אַהיימגעקומען מיט אַ שווער האַרץ...

— ווו איז אַניקי? איר האָט אַ סך צו רעדן האַ?...

— זי איז געווען מיד, מומע, זאָל איך חתונה האָבן מיט אַניקין?

— אָ, מיין זון, מיט אַ לערערין, דאָס איז אַ גרויס גליק. און אַזאַ שיינע. זי איז אַ טייער מידל אַניקי. און אַזאַ בכבודיקן דזשאָב. דאַנקען גאָט, האָסט מזל מיין זון. אָט איז טיי. ווען רעכנט איר חתונה צו האָבן? אָ, ווי איך פריי זיך מיט דיין גליק.

— כ'ווייס נאָך נישט, מומע, אָבער כ'וועל דיך זיכער פאַרבעטן ווען די צייט וועט קומען...

בענעט האָט געזוכט פֿאַר זיך אַליין אַ באַרעכטיקונג אין שייכות צו זיין אומרו און צווייפֿל צו אַניקיס פֿאַרשלאַג. אמת, ער האָט זי ליב, און זי קען זיין אַ זייל פֿאַר אַ גליקלעכער היים. אַזוי קען ער אויך זיין, — אָבער זיילן שטייען נישט צוזאַמען... אַט די געדאַנקען האָבן אים גאַרנישט געגעבן, נאָר געלאָזן מיט אַ ווונד אין האַרצן.

דעם אַכטן יאַנואַר איז בענעט אַוועק צו דער שמעלצעריי אויף אַ מעדיציניִשער אונטערזוכונג. ער האָט געמאָלדן אין ביוראָ, אַז ער מוז אָפּאַרבעטן אַ וואָך נאָטיס אין דער מעבל־פֿאַבריק, וואָס הויבט אָן אַרבעטן דעם צוועלפֿטן יאַנואַר. דעם מענעדזשער איז דאָס געפֿעלן געוואָרן און בענעט איז אָנגענומען געוואָרן אין דער שמעלצעריי. די וואָך אין דער מעבל־פֿאַבריק האָבן אַלע גערעדט וועגן דער געשעעניש מיט טאָמען, און פֿאַר וואָס בענעט גייט אַוועק. די אַרבעטער האָבן אים צוגערעדט ער זאָל בלייבן. פֿון ביוראָ האָט מען אים אַפֿילו פֿאַרגעלייגט מער געלט. אָבער בענעט האָט באַשלאָסן נישט צו ענדערן זיין פּלאַן, און גיין אַרבעטן אין דער שמעלצעריי.

ווי זיין טבע, איז בענעט געקומען גאַנץ פֿרי צו דער שמעלצעריי. אין טויער האָט ער געטראָפֿן אַ סך אַרבעטער. פֿון זיי האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מ׳קען זיך אויסקלויבן צו אַרבעטן נאַכטשיכט, זיבן שעה אָנשטאָט אַכט שעה בייטאָג. ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַריין אין דער טשוהון־אָפּטיילונג מיט די פֿלאַמענדיקע אויוונס, די אייזערנע וואַגאָנעטקעס אויף דיקע דראָטן איבער די קעפּ, מיט די האַלבנאַקעטע, פֿאַרשוויצטע לייבער פֿון הונדערטער אַרבעטער, וואָס גיסן די רויטע פֿליסיקייט אין שטאָלענע פֿאָרמעס, און זינגען צום טאַקט פֿון מאַשינען־גערויש, האָט בענעט אַ בריק געטאָן מיטן פֿוס אַ שטיק אייזן, צו מאַכן זיכער, אַז ס׳איז ווידער נישט אַ חלום. דער פֿאָרמאַן האָט אים אָנגעוויזן זיין שענקל אין

רוצימער, ווו צו בייטן זיינע קליידער, און אים צוגעפירט צו זיין אָרט ווו די וואַגאָנעטקע וועט קומען און אים געוויזן ווי אַזוי מען גיסט אין די פאָרמעס דעם טשוהון.

— נאָר פאָרזיכטיק! דאָס רויטע „וואַסער" איז אַ ביסל וואַרעם...

כאַטש מיד און אויסגעשוויצט מיט אַ פּאָר ברענבלאָזן אויף די הענט איז בענעט אַהיימגעקומען פון זיין ערשטן טאָג אַרבעט אין דער שמעלצעריי אַ גליקלעכער. ענדלעך האָט ער געפונען אַן אַרבעט, וואָס באַפרידיקט זיינע מוסקולן און גייסטיקן איינשטעל — צו אַרבעטן מיט מאַסן צוזאַמען, פילן זייער פּולס, און זינגען מיט זיי. בענעט האָט זיך באַמיט צו שליסן באַקאַנטשאַפט, ער האָט גע־קראָגן אַ סך נייע פריינד, אַ טייל פּרימיטיווע, אַנדערע באַוווסט־זיניקע, וואָס זענען מיטגלידער אין „סאָקטו" און אין אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס. די טיי־ און מיטאָג־איבעררייסן האָט ער אויסגענוצט פאַר אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס מיט די אַרבעטער.

אין די געזאַנגען ביי דער אַרבעט האָט זיך בענעטס טענאָר־שטימע אויסגעטיילט פון אַנדערע, ער האָט אויך באַמערקט, אַז אַ טייל פון די אַרבעטער זענען גוטע זינגער, איז אים איינגעפאַלן צו שאַפן אַ כאָר וואָס האָט זיך גערופן „עס.עי.פאַונדרי קווייער" (שמעלץ־כאָר). דעם עקזעקוטיוו פון דער שמעלצעריי איז זיין איינפאַל שטאַרק געפעלן געוואָרן. זיי האָבן אַפילו אַסיגנירט אַ פאָנד. דער פּרינציפּאַל האָט אים געהאָלפן מיט צוקלייבן אַ פּאַסיקן רעפּער־טואַר. נאָך אַ קורצער צייט האָט אַ ספּעציעלער כאָר־קאָמיטעט אָנ־געהויבן אַראַנזשירן קאָנצערטן אין פאַרשידענע לאָקיישנס. די שמעל־צעריי־אָנפירערשאַפט איז געווען צופרידן פון בענעטס אויפטו, ווייל דער כאָר האָט געשאַפן געלטער פאַר ווילטעטיקע צוועקן פאַר די שוואַרצע, און געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער פירמע. בענעט האָט באַקומען אַ בריוו פון ביוראָ מיט אַ נאָמינאַלן טשעק. דער מענעדזשער האָט אים איין מאָל גערופן אין ביוראָ, זיך מיט אים

צו באַראַטן, ווען איינלאַדן אַ ווייסן דיריגענט איינצוזינגען מיטן כאָר הענדעלס „דער משיח״, און געלויבט בענעטן פֿאַר זיין איני־ציאַטיוו און אים איבערגעגעבן דעם באַשלוס צו הויבן זיין געהאַלט. דער כאָר איז געוואָרן פּאָפּולער אין דער גאַנצער געגנט. בענעט איז געווען אין זיבעטן הימל, ווען ער האָט געהערט, אַז דער כאָר וועט ארויסטרעטן מיט אַ קאָנצערט, וואָס דער מעיאָר (בירגער־מייסטער) פון פעריייניכינג אָראַנזשירט אין שטאָטזאַל פֿאַר ווינטער־הילף פֿאַר שוואַרצע. דער ווייסער דיריגענט וועט אָנפירן מיט הענדעלס „דער משיח״, און בענעט וועט דיריגירן די אַנדערע אַפֿריקאַן־לידער. דער קאָנצערט האָט געמאַכט אַ רושם אויף דעם פולן זאַל ווייסע געסט. דער מעיאָר האָט פון דער בינע געלויבט די אָנפירערשאַפט פון דער שמעלצעריי, דעם ווייסן דיריגענט, בענעטן, און דעם גאַנצן כאָר, און געזאָגט, אַז די צוויי הונדערט פונט, וואָס דער קאָנצערט האָט אַריינגעבראַכט, גייען פֿאַר אַ זייער ווערטפולן צוועק, און ער דאַנקט דעם גאַנצן עולם פֿאַר דעם וואַ־רעמען אָפּרוף.

דער גרויסער דערפֿאָלג האָט בענעטן מיט אַלע זינגער געגעבן מוט פֿאַר ווייטערדיקע פּלענער. בענעט איז געווען זייער פֿאַרנומען מיט צוגרייטן נייע לידער, מיט פּראָבן. און דעריבער האָט ער אַניקין נישט געזען די גאַנצע צייט. אָנגעלאָדן מיט נייע פּלענער איז בענעט געגאַנגען צום פּרינציפּאַל זיך באַראַטן וועגן נייע לידער. ווי שטענדיק האָט אים זיין שול־פּרינציפּאַל פריינדלעך אויפגענו־מען, און אים געזאָגט:

— בענעט, האָסט מיר פֿאַרשפּאָרט די טירחה, איך בין צופרידן וואָס ביסט געקומען. כ׳האָב געלייענט, אַז דער קאָנצערט איז געווען אַ גרויסער דערפֿאָלג, זעסט ווי נוצלעך דו ביסט.

— אַ דאַנק אייך, הער פּרינציפּאַל.

— טײַלווײַז אפשר יאָ, אָבער דער עיקר איז עס דײַן דער־גרייכונג.

— איר, הער פּרינציפּאַל, האָט מיר שטענדיק געהאָלפן, גע־שטאַרקט און געמוטיקט.

— װעגן דעם טאַקע וויל איך מיט דיר רעדן. איצט דאַרפסטו עמעצן העלפן, שטאַרקן און מוטיקן... געדענקסט, בענעט, ווען ביסט געקומען מיך פרעגן אין וועלכער טיר זאָלסט פריער אַרײַנגיין?... און איך האָב דיר געראָטן זאָלסט פאָרן צו דײַן פאַרברענטן נעכטן אין זולולאַנד, ווײַל די ערשטע טיר בלײַבט אָפן... די טיר שטייט נאָך אַלץ אָפן... ווילסטו אין איר נישט אַרײַן?...

— הער פּרינציפּאַל, איך ווייס ווי שטאַרק אַניקי ליבט מיך, און איך זי נישט ווייניקער. אָבער איך קען זיך נישט באַפרייען פון דעם שילער־ און לערער־קאָמפּלעקס... אַחוץ דעם פיל איך, אַז כ׳בין צו יונג חתונה צו האָבן, כ׳בין ערשט ביים סאַמע אָנהויב, און האָב מורא פאַר דעם עול און באַזעסנקייט. איך האָב ליב צו טאָן זאַכן מיטן גאַנצן האַרץ. עפּעס שרעקט מיך און האַלט מיך אָפּ. וואָס איך ווייס אַליין נישט. איך ווייס, אַז זי ליידט און איך באַעוולה זי. אָט דאָס שולדגעפיל און מײַן ליבשאַפט און דרך־ארץ פאַר איר האַלט מיך אָפּ פון גיין צו איר און זיך דורכשמועסן, ווײַל כ׳פיל פּשוט, אַז כ׳וועל אין איר קעגנוואַרט בלײַבן אַנטוואָפנט פון רייד. וואָס זאָל איך טאָן, פּרינציפּאַל, אַז דאָס איז מײַן געפיל.

— נו, אין אַזעלכע ענינים קען מען נישט עצהן. אוודאי ליידט זי. זי איז זייער פאַרליבט אין דיר. דאָך. אויב דו האָסט זי ליב, ווי דו זאָגסט, זע איך נישט קיין בייז אין ביידע פאַלן. אָדער חתונה האָבן גלייך, אָדער וואַרטן. ווי לאַנג איר פאַרשטענדיקט זיך און באַשליסט זאַכן צוזאַמען, נישט ווי איצט. דו מײַדסט זי דאָך אויס. דאָס איז נישט קיין סימן פון ליבע. אַז מ׳האָט וועמען ליב, וויל מען די פּערזאָן זען אָפט ובפרט אַ פרוי. דו ביסט נישט מער איר שילער,

און זי איז נישט מער דיין לערערין. פונקט ווי איך בין נישט מער דיין שול־פּרינציפּאַל. דו קומסט צו מיר ווי צו אַן עלטערן פריינד. איר ביידע זענט פאַרליבטע מאַן און פרוי. איר דאַרפט זיך טרעפן און דורכשמועסן. אָפּגעזונדערטקייט מאַכט אָרט פאַר טענות, פאַרדרוס און פאַריבלס. און אפשר אויך פאַר דער נישט קלאָרער שרעק. כ׳האָב איךביידן זייער ליב, און מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן.

— פּרינציפּאַל, איר זענט שטענדיק מיין וואַנט, אויף וועלכער כ׳קען זיך אָנשפּאַרן.

— וועסטו טאָן ווי איך ראָט דיר ?

— יאָ.

— האָסט געקראָגן אַן איינלאַדונג צו דזשיימסעס חתונה ? זעסט, ער איז יונגער פון דיר און האָט נישט מורא ?... איך ווייס, ווייס, איך מאַך נישט קיין פאַרגלייך. איך ווייס ווי אַנדערש דו ביסט. וואָלסטו געבוירן געוואָרן ביי אַ ווייסער משפּחה, וואָלסטו שוין היינט געהאַט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם. דיין לעבן איז פולער ווי דזשיימסעס און מיט אַניקין קען עס נאָך פולער ווערן. וועגן דיין כאַרזאָרג זיך נישט, איך וועל זען זאָלסט האָבן נייע לידער.

* * *

— דער פּרינציפּאַל קען מיך און ווינטשט מיר זיכער נישט קיין שלעכטס, ער וויל זייער מיר זאָלן חתונה האָבן, אַזוי אויך די מומע און אַנדערע — מיט די געדאַנקען איז בענעט אַהיימגעקומען פון פּרינציפּאַל און באַשלאָסן זיך צו טרעפן מיט אַניקין.

די געלעגנהייט האָט ער געהאַט בעת דזשיימסעס חתונה־פּאַרטי. אַניקי איז געווען מיט איר שוועסטער. בענעט איז צוגעקומען און זיך פריינדלעך באַגריסט, פאַרברענגט מיט איר די גאַנצע צייט, און זיך אָפּגערעדט צו קומען צו איר זיך דורכרעדן.

אַניקי איז געווען גליקלעך פון דער ענדערונג. מיט בענעטס אַריינקומען צו איר איז די גאַנצע ביטערניש אַוועק. בענעט האָט

זי איבערגעבעטן, און דערציילט, ווי אומרויִק ער איז געווען פאַר דער צייט וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען און ווי לייכטער עס איז אים איצטער. דער כאָר און דער גרויסער קאָנצערט אין פעררייני־כינגער שטאַטזאַל האָט פאַרנומען אַ סך אָרט אין דער באַגעגעניש. וועגן אַ חתונה האָט מען נישט גערעדט, נאָר פון אַ זייט, האָט אַניקי באַמערקט ווי שיין דזשיימס מיט זיין כלה האָבן אויסגעזען...

אין לאָקיישן האָבן אַלע געוווּסט, אַז בענעט מיט אַניקין גייען חתונה האָבן. שכנות האָבן געלויבט אַניקין פאַר בענעטס מומען, זיי געוווּנטשן גליק. אַניקי האָט יעדן פאַרנאַכט אָפּגעוואַרט בענעטן ביי אים אין שטוב, ווען ער איז געקומען פון דער אַרבעט. געבליבן ביי זיי אויף אָוונטברויט. נאָכן עסן האָט זי געהאָלפן בענעטן מיטן אָפּקלייבן לידער, אַפילו צוגעפּאַסט מוזיק צו פּאַבריקס־לידער, וואָס בענעט האָט געשריבן.

— איצט — האָט זיך אַניקי גערייצט מיט אים — איצט באַדויערסטו אַוודאַי וואָס האָסט זיך נישט געוואָלט לערנען ביי מיר קיין מוזיק, לייענען נאָטן, ס'וואָלט דיר אַ סך לייכטער געווען אָנצופירן מיטן כאָר.

— גערעכט, אַניקי, איך באַדויער שטאַרק, אָבער ס'איז נישט צו שפּעט.

— אָ! ניין, כ'האָב צופיל געליטן, ווייל כ'בין געווען דיין לערערין...

— נקמה, האַ? נישט מיין לערערין, נאָר מיין ליב מיידל, וואָס העלפט מיר אין מיין אַרבעט.

די מוזיק־לעקציעס האָט זי אים געגעבן ביי זיך אין צימער, וווּ זי האָט געהאַט די פּיאַנאָ. נאָך אַזאַ לעקציע האָט בענעט געקוקט אויפן פּיסל פון דער פּיאַנאָ, וואָס ער האָט אַמאָל צערעכט געמאַכט און באַמערקט:

— הייגט וואָלט איך דאָס נישט געקאָנט טאָן.

— אַוודאי, היינט ביסטו דאָך אַ גאַנצער מאַכער אין אַ שמעל־צעריי, אויס סטאָלער.

— ווייסט, אַניקי, אין אָנהויב האָט מיך דער פּלאַן פון די קוימענס געשראָקן. אָבער זינט כ׳בין אַ ביסל עלטער געוואָרן, האָט מיך שטענדיק געצויגן צו דער שמעלצעריי. היינט בין איך גליק־לעך דאָרט צו אַרבעטן. נישט נאָר צוליב מיין גוטן געהאַלט, נאָר אויך צוליב אַ סך אַנדערע באַפרידיקונגען. כ׳האָב געפונען מיין אָרט. דאָס איז אַ סך.

נאָך איינער אַזאַ מוזיק־לעקציע, האָט בענעט געוויזן אַניקין אַ בריוו פון טאַבאַזוטון פון זולולאַנד, אין וועלכן ער לאַדט אים איין צו זיין שוועסטערס חתונה.

— קום מיט, לאָמיר פאָרן צוזאַמען, ס׳איז אינטערעסאַנט צו זיין אויף אַ חתונה אין זולולאַנד.

אַניקי איז געווען איבערגליקלעך פון דער איינלאַדונג, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע. בענעט האָט פאַר איר איינגעקויפט נייע קליידער און חתונה־מתנות פאַר חתן־כלה. דאָס וואָס בענעט האָט זי געבעטן מיטצופאָרן מיט אים צו דער חתונה האָט אַניקי אָנגענומען ווי אַ סימן, אַז אויך זייער חתונה־טאָג דער־נענטערט זיך, מער האָט זי געשטאַרקט אין דער האָפנונג זיין משפחה־דיקייט, און די פרייד ווען ער האָט איר געבראַכט די נייע קליידער און אַנדערע רייזע־מתנות.

בענעט האָט פאַרגעלייגט, אַז ביידע זאָלן זיך באַפרייען פון דער אַרבעט אויף אַ וואָך צייט.

— וועלן מיר האָבן אַ פּאָר טעג אין זולולאַנד. אָך, אַניקי! — האָט ער אויסגערופן מיט באַגייסטערונג. — ווען דו זינגסט אין די בערג און דער עכאָ־כאָר ענטפערט דיר אָפּ, מיינסטו, אַז די „זולו־גייסטער״ זינגען מיט מיט דיר. — זיי האָבן ביידע געלאַכט פון דעם סאַרקאַזם אין זיין טאָן. אַניקיס האַרץ האָט געצאַפּלט פאַר

פרייד פון בענעטס גליקלעכן פלאַן, און זי האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע.

אַ פּאָר טעג פאַרן פאָרן איז אַניקיס שוועסטער קראַנק געוואָרן. דער דאָקטער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ס'איז אַ האַרצאַטאַק, און פאַראָרדנט, אַז זי מוז בלייבן זעקס וואָכן אין בעט. פון אַניקיס פאָרן האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אַפילו פון בענעטס מומעס פאַרלייג, אַז זי וועט בלייבן מיט דער קראַנקער איבער דער וואָך, האָט אַניקי נישט געוואָלט הערן, ווייל די שוועסטער וואָס האָט זי אויפגעהאָדעוועט וועט איר קיין מאָל נישט מוחל זיין. אויב אַזוי האָט זיך בענעט אויך אָפּגעזאָגט פון פאָרן. אַניקי האָט אים זייער געדאַנקט פאַר דער טרייקייט און אים איינגערעדט, אַז ער זאָל יאָ פאָרן, אים געצערטלט און געטרייסט:

— מירן נאָך האָבן אַ סך געלעגנהייטן צו זיין אין זולולאַנד צוזאַמען. דו בענעט, מוזט פאָרן.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אַ שווער געמיט. אַניקי האָט זיך אָנגעמאָסטן די נייע קליידער, געפרעגט דער שוועסטערס מיינונג, געקוקט אין שפּיגל, און געפילט, ווי עפּעס רייסט זיך אָפּ אין איר האַרץ: נאָר בענעט וואָלט געפונען אַ פּאַסיק וואָרט אויסצודריקן איר באַדויער, האָט זי געטראַכט.

ווען בענעט איז געקומען זיך געזעגענען, האָט ער געפונען אַניקין אין נייעם קלייד אַ פּאַרווייַנטע זיצן ביי דער שוועסטערס בעט. ער איז שטיל צוגעגאַנגען, אַריינגענומען איר פּנים אין זיינע הענט און איבערבויגנדיק זיך איר איינגערוימט:

— ווי שיין דאָס קלייד פּאַסט דיר.

זי האָט אים געענטפערט מיט אַ גליקלעכן בליק און געקושט זיינע הענט.

— אפשר, אַניקי, זאָל איך נישט פאָרן, איך קאָן דיך נישט לאָזן אין אַזאַ מעמד.

— ניין, טייערער, דו קאָנסט זיי נישט פאַרשעמען, מוזט פאָרן, ליבער, און פאַרבעט דיין חבר טאַבאַזוטו צו אונדזער חתונה.

* * *

בענעט איז אָנגעקומען צו דער חתונה אָן אומעטיקער. די מחותנים האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיטן שטאָטישן גאַסט. זיין חבר נגאַטאַני האָט אים אַרומגעפירט פאַרצושטעלן פאַר די געסט, וואָס זענען געקומען פון דער גאַנצער געגנט. אויסגעצירטע בענק מיט פעלן און קאָלירטע ראָגאָזשעס זענען געווען צוגעגרייט פאַרן הויפּט מיט זיין סוויטע. נגאַטאַני האָט פאַרזיכערט אַ פּלאַץ פאַר בענעטן לעבן זיי. די בערג, די פעלדער אַרום האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ספּעציעל געוואָרן אויסגעפּוצט מיט „עללאַ קאַנדע־לאַבערעס", „קאַפער־בומס" און אַנדערע בלומען פאַר דער חתונה. אויסגעפּוצטע יונגען אין זולוטראַכט, האָבן אויסגעלייגט זייערע טאַמטאַמס (פויקן). יונגע בחורים און מיידלעך האָבן אַרומגעטראָגן גרויסע קאַלאַבאַזשס (טעפּ פון האַרטע געוויקסשאָלן) מיט קאַפער־ביר פאַר די געסט צו זופּן. פון צייט צו צייט זענען האַלב נאַקעטע יונגע מענער אַרומגעלאָפן מיט אַסאַגאַיס (שפּיזן) אין די הענט, און מיט אַ געסווישטשעריי צו פאַרטרייבן די דעמאָנס אין שטח פון התן־כלה. די זון האָט געברענט און די אַסאַגאַיס האָבן צעוואָרפן פייער־שפּריצן פון דער לופטן. די פויקן האָבן געזעצט שטאַרקער און שטאַרקער. אַ גרופּע מענער, אין שטיקלעך פעל, קרעלן, פעדערן מיט מאַסקעס אויף די פּנימער און גלעקלעך אויף די פיס זענען אַרויס אין אַ פאַרמעסטטאַנץ צווישן חתנס און כלהס צד און שפּע־טער אין אַ קאַמפּסטאַנץ קעגן די בייזע רוחות. צום טאַקט פון די פויקן האָבן זיי אין טאַנץ געזונגען, געשריען, געזעצט מיט די שטעקנס אין די שילדן. זייערע מוסקולירטע פיס האָבן געטופּעט, און געהויבן אַ וואָלקן שטויב. צום סוף האָבן זיי געקנאַקט אין

די שילדן אין דער לופטן און אויסגעשריען זייער זיג. נגאַטאַני, דער כלהס ברודער, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן בענעטן, און געווען צופרידן, וואָס בענעט איז דאָ זיין גאַסט, און האָט הנאה געהאַט פון דעם וואָס ער זעט דאָ.

דאָן זענען יונגע מיידלעך, כמעט נאַקעט, אַרויס אין אַ טאַנץ אַנטקעגן דער כלה. אין דעםווירבל פון מיידלטאַנץ האָט בענעט דערזען איינע מיט רונדע, שטייפע בריסט, וואָס האָט זיך מיט איר רייץ אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע. איך ווייך־בויגעוודיקייט, ווי אַ קאָבראַ־שלאַנג, איר בראַנדזענער גוף האָט אַנגעצונדן בענעטס מוח. נגאַטאַני האָט געהערט ווי בענעט רעדט צו זיך:

— ווי שיין זי איז, ווי נישט פון דער וועלט, די קעניגין פון קראַאַל, וואָס דער קאַפּערבוים האָט איינגעשלונגען — און מיט די ווערטער האָט ער מיטגעוויגט זיין גוף צו אירע באַוועגונגען, און דערפילט, אַז פייער פליסט אין זיינע אָדערן. — ווער איז זי? — האָט ער נישט געפרעגט, נאָר אויסגעשריען.

נגאַטאַני האָט געוווסט וועמען ער מיינט.

— ש,ש,ש, — האָט ער אים איינגעשטילט — דאָס איז סאַקאַבולאַ מקומאַסי, אַ שיינע, האַ?

— אַן אַמאַראַוואַ ווי נישט פון דער וועלט — האָט בענעט שטיל געזאָגט. — פאַר וואָס טראָגט זי אויפן קאָפּ נאָר קרעלן פון איין זייט?

— די מיידלעך, וואָס האָבן נישט קיין חתנים טראָגן קרעלן נאָר פון איין זייט.

— זי?

— יאָ, זי איז יונג.

דער ענטפער האָט אים גאָר צעטומלט, בענעט האָט זיך אַוועקגעזעצט און געווישט דעם שווייס פון קאָפּ.

— איז זי צו יונג?...

— איך וועל זי דיר פאַרשטעלן.

מער האָט זי בענעט נישט אָפּגעלאָזט פון אויג. נאָך דער חתונה־סעודה האָט נגאַטאַני זיי צונויפגעפירט. פאַרשיכורט פון איר רייץ האָט בענעט פאַרגעסן אין אַלץ, און איר געזאָגט, אַז זי האָט זיין האַרץ פאַרכישופט.

— דו ביסט די קעניגין פון קראַאַל און כ׳וויל דיך פאַר מיין ווייב.

איר נאַאיווע, שעמעוודיק לאַכן האָט אים געגעבן די ערשטע טרייסט.

— סאַקאַבולאַ — האָט ער אויסגעזונגען איר נאָמען — ווילסט ווערן מיין ווייב?

— גיי רעד מיט מיין פאָטער. — האָט זי אים געזאָגט ווי אַ סוד.

נגאַטאַני האָט אים געלערנט ווי זיך נוהג צו זיין:

— איידער דו וועסט גיין רעדן מיט איר פאָטער, פרעג זי נאָך אַ מאָל, צי זי וויל דיך. אויב זי וועט זאָגן יאָ, וועט זי דיר געבן אַ ספּעציעלן פון קרעלן אויסגעפלאָכטענעם ליבעסצייכן, אויך דו מוזט איר געבן אַ ליבעסבריוו פון קרעלן. איך וועל דיר ווייזן ווו דו קענסט דאָס באַקומען. דאַן וועסטו גיין צום טאַטן רעדן וועגן לאָבאָלאָ (נדן) מיט באַווייזן — אָבער אין זולוקליידער, נישט ווי אַ שטאָטישער.

דעם קומענדיקן אָוונט האָט בענעט געהאַט זיין ליבעסצייכן און סאַקאַבולאַ איר ליבעסבריוו.

נגאַטאַני מיט זיין עלטערן ברודער האָבן אים געברענגט טראַדיציאָנעלע זולוקליידער און אָנגעפירט בענעטן צום אַלטן מקומאַסי אין קראַאַל. זיי האָבן אים פאַרגעשטעלט בענעטן און אַוועק אַהיים. בענעט האָט דעם פאָטער דערציילט פון זיין גרויסער ליבע צו זיין טאָכטער, ווי זי האָט אים פאַרכישופט און, אַז ער וויל זי

פּאַר אַ ווייב און געפּרעגט וויפל לאַבאָלאַ ער וויל פּאַר איר. דער אַלטער האָט אים אויסגעהערט, באַטראַכט פון אַלע זייטן און גע־זאָגט: „יונגערמאַן, כ׳ווייס ביסט אַ שטאָטישער זולו וואָס פאַר־דינט אַ סך געלט, דאָך וויל איך, אַז סאַקאַבולאַ זאָל נעמען אַ בחור פון קראַאַל. זי איז צו יונג פאַר די שטאָטישע..."

— פאַר וואָס, פאָטער מקומאַסי? אויב איך וויל זי און זי וויל מיך, און איך וועל איר אַלץ געבן. איך בין יונג און געזונט, און מיר וועלן האָבן געזונטע קינדער. וואָס איז דער פלעק אויף אַ זולו, וואָס אַרבעט אין שטאָט און פאַרדינט מער? זאָג מיר, פאָטער פון דער שיינער סאַקאַבולאַ.

— איך וועל זי נישט לאָזן גיין אין שטאָט — האָט דער אַלטער שטרענג געזאָגט. די איבעריקע פון דער משפחה, זין און שנורן האָבן אויפגעכאַפּט ווערטער פון דעם שמועס פון הינטער די שטרויענע ווענט און זיך אַוועקגעדרייט אומצופרידענע.

— קום מיך זען אַן אַנדערש מאָל. לאָז מיך דאָס איבערקלערן.

מיט דער משפחה האָט דער פאָטער נישט גערעדט דערפון, נאָר זיי האָבן פון אַלץ געוווּסט און אים געבונטעוועט קעגן דעם אויסגעפּוצטן שטאָטישן וואָס וויל זי פאַרפירן...

בענעט איז עטלעכע מאָל אַוועק פון פאָטער מיט גאָרנישט, ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער און נישט געקאָנט אַהיימפאָרן. ער איז געקומען אויף אַ פאָר טעג צו דער חתונה, און איז שוין דאָ באַלד פיר וואָכן. אַן אומרו:קער בריוו פון אַניקין מיט דער מומען פול מיט אַנפראַגן וועגן דער סיבה פון זיין אויפהאַלטן זיך אין זולולאַנד און וועגן זיין געזונט האָט אים קיין רו נישט געגעבן. בענעט האָט זיי געענטפערט, אַז ער איז געזונט, און דאָס איבעריקע וועט ער זיי אויפקלערן ווען ער וועט אַהיימקומען.

סאַקאַבולאַ האָט געקלאָגט און געוויינט, געבעטן איר פאָטער, אַז ער זאָל רעדן מיט בענעטן וועגן נדן, ווייל זי וויל אים. זי האָט

אַריינגעפּלאָכטן קרעלן אין איר צווייטער זייט קאָפּ, צו ווייזן דעם טאַטן אַז זי איז פאַרכנסט, און אַז ער האָט זי אָנגעזידלט, האָט זי אַלץ אָנגענומען פאַר גוט און באַוויזן דעם פאָטער דעם „ליבעס־בריוו״ פון בענעטן. דער אַלטער האָט איר באַפוילן זי זאָל ברענגען צו אים דעם פאַרכישופטן יונג, ער וויל מיט אים רעדן. סאָקאָבולאָ האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— נייך, דו בלייב דאָ, ער וועט גיין — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין עלטערן זון.

בענעט איז געקומען אין באַגלייטונג פון נגאַטאַני וואָס איז געבליבן אין דרויסן מיט אַלע משפחה־מענטשן. נאָך לאַנגע רייד און דינגעניש, האָט דער אַלטער איינגעשטימט אים צו געבן סאָקאָבולאַן פאַר אַ ווייב, וואָס זאָל אים געבוירן קינדער, און בענעט דאַרף אים געבן לאָבאָלאָ 15 אָקסן און 50 פונט מזומנים, אָבער ווינען זאָלן זיי דאָ. ער וועט זיי געבן אַ הייזקע, און בענעט וועט אַהיימקומען יעדן וויק־ענד (שבת און זונטיק). דער לעצטער באַדינג איז בענעטן נישט געווען צום האַרצן, אָבער ער איז אויף אַלץ באַשטאַנען. מען האָט געטרונקען קאַפער־ביר און באַשטימט אַ זמן חתונה. אַ טייל פונעם נדן מוז בענעט איינצאָלן אין משך פון זעקס וואָכן, און פאַר דער חתונה מוז אַלץ זיין באַצאָלט. בענעט האָט צו אַלץ צוגעשטימט און פרייער אָפּגעאָטעמט. נגאַטאַני האָט דער ערשטער אויפגעכאַפּט און דערציילט זיין משפחה די גוטע נייעס.

בענעט איז געבליבן נאָך אַ פּאָר טעג, און דורך דער צייט אַ סך גערעדט מיט זיין כלה, דער טאַטע זאָל דערפון נישט וויסן. גליק איז געפלאָסן פון יעדן נאַאיוון וואָרט, וואָס זי האָט געזאָגט און געוואָרעמט זיין האַרץ. בענעט האָט איר דערציילט פון אַ סך זאַכן וואָס האָבן מיט אים פּאַסירט, ווי ווייט זיין לעבן און סביבה איז פון דאַנען, וועגן ביכער וואָס ער לייענט, וועגן זיין אַרבעט. וועגן דעם כאָר אין דער שמעלצעריי, ער האָט זי געלערנט זינגען

בעת די שפּאַצירן אין די בערג און טאָלן, און איר אויך דערציילט וועגן אַניקין, אַז ווען נישט די חתונה דאָ, וואָלט ער אוודאי חתונה געהאַט מיט אַניקין, און ווי גליקלעך ער איז וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט. אים האָט געפרייט צו זען ווי זי נעמט אויף און דריקט אויס איר באַגער אויך צו קענען לייענען און וויסן וואָס ער ווייסט. וועגן אַניקין האָט זי באַמערקט:

— אַז מן הסתם האָבן די גוטע גייסטער פון מיינע זיידעס געוואָלט אַז איך זאָל זיין זיין ווייב און נישט די אַניקי.

בענעט האָט זי געקושט און געלאַכט פון די גייסטער:

— ביסט גערעכט, סאַקאַבולאַ, עמעץ האָט אַזוי געוואָלט... און מיר זענען דאַנקבאַר דעם עמעצן... סאַקאַבולאַ! דו מיט דיינע גייסטער האָבן מיך געלערנט וואָס עס מיינט ליב האָבן. איצט זע איך די זון אויף אַ קלאָרן הימל — נישט דורך וואָלקנס...

דער ערשטער נדן־איינצאָל, וואָס מען מוז צושטעלן אין משך פון זעקס וואָכן, האָט אים געטריבן אַהיימצופאָרן, כאָטש זיין האַרץ האָט אים נישט געלאָזט זיך שיידן מיט זיין שיינער סאַקאַבולאַ. ער האָט געזונגען אָן אויפהער:

— סאַקאַבולאַ ביסט מיינע, מיט דיר וועל איך חתונה האָבן. מיט דיר וועל איך קינדער ברענגען אויף דער וועלט.

אַרויסבאַגלייט האָט מען בענעטן פון קראַאַל מיט געמישטע געפילן. די זין און שנורן האָבן אַרויסגעקוקט פון זייערע הייזקעס, און געזען ווי זייער פאָטער שפּאַנט פיר פּאָר אָקסן, ווי סאַקאַבולאַ בעט אויס די געזעסן מיט פריש שטרוי. די עקרה איסוגאַקאַ, די עלטערע שנור מיט אַ גוף ווי אַ מילי־שטעקן און בריסט ווי קליינע ניסלעך, איז אַרויסגעקומען בייז, אָן אַ גוטמאָרגן. זי האָט געקוקט מיט קנאהדיקע אויגן אויפן „ליבעסבריוו", וואָס האָט זיך געבאַמבלט אויף סאַקאַבולאַס האַלדז און געפאַלן ווייך צווישן אירע פולע בריסט.

בענעט איז אָנגעקומען מיט נגאַטאַנין, וואָס האָט געטראָגן זיין וואַליזע און זיי ליבלעך באַגריסט:

— האַ הו סאַקאַבולאַ, מקומאַסי!

— האַ הו בענעט מאַסילובו. — האָבן טאַטע און טאָכטער געענטפערט.

איסוגאַקאַ האָט זיך צוריק געשאַרט און געבליבן שטיין ביי איר טיר צוזאַמען מיט איר מאַן און זיינע צוויי אַנדערע ווייבער.

די פאָרער זענען אַרויף אויפן וואָגן. דער אַלטער מיט נגאַטאַנין פון פאָרנט, און דאָס פּאָרל אויפן הינטערשטן געזעס. די איבעריקע משפּחה־לייט זענען געבליבן ביי זייערע טירן. געערעדט בייזע רייד אויפן זולו, וואָס רופט זיך בענעט, געדרייט מיט די קעפּ און זיי נאָכגעקוקט ביז דער געשפּאַן איז געוואָרן קליין קוים צו זען.

אויפן וועג האָט בענעט אַ סך געזונגען, דערציילט פון דעם גרויסן קאָנצערט און דעם „משיח"־געזאַנג, דערציילט זיין מחותן, אַז ער האָט געזונגען אין קירך־כאָר, און איצט פירט ער אָן מיט אַ כאָר אין דער שמעלצעריי. דער אַלטער איז געווען צופרידן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געכאַפּט אַ בליק אויף זיין טאָכטער, וואָס האָט געשיינט פון גליק.

פאַרשיכורט פון זיין נצחון איז בענעט אַריין אין באַן־וואַגאָן. אויפן וועג אַהיים, דורך דער גאַנצער נאַכט, האָט בענעט געטראַכט, וועגן דער גרויסער סומע געלט לאַבאַלאַ, וואָס ער דאַרף שאַפן. אָבער זי איז ווערט — אַפילו ער זאָל דאַרפן אַרבעטן טאָג און נאַכט־שיכטן יעדן וואָך עקסטראַ. סאַקאַבולאַ זיין געטין איז ווערט אַלץ...

פאַר טאָג האָט בענעט דערזען דעם ערשטן פלאַם פון די קוימענס, און וואָס נענטער די באַן איז געקומען צו פעריינינבינג, אַלץ אומעטיקער און שווערער איז געוואָרן זיין האַרץ. פון זיין געפיל פון גליק איז געוואָרן אַ נאַגנדיקע ביטערניש. ווי קען ער ברענגען

די נייעס פֿאַר אַניקין? וואָס וועט ער איר זאָגן? ווי אַזוי? זיין גאַנצע וועלט האָט זיך איבערגעקערט.

— וואָס בין איך שולדיק — האָט ער געפֿונען אַ פֿאַרענטפֿער פֿאַר זיך אַליין — אַז די יונגע, נאַיִווע בראַנדזענע קראַאַל־קעניגין האָט מיך פֿאַרכישופֿט... סאַקאַבולאַ! דיינער בין איך — האָט ער פֿאַרשריען דעם אומעט, וואָס האָט געהויערט אין אים.

בענעטס אַריינקומען אין שטוב, האָט אויפֿגעוועקט די מומען פֿון שלאָף.

— בענעט! כ׳האָב געמיינט, אַז וועסט שוין קיין מאָל נישט צוריקקומען, וואָס איז געשען? האָסט געפֿונען גאָלד אין זולו־לאַנד?

— מומע — האָט ער זי אַרומגעכאַפּט צו קושן — געבענטשט זאָל זיין דיין האַרץ, איי ווי גערעכט דו ביסט, אַ שטיק גאָלד, צוויי מאָל אַזוי שווער ווי דו ביסט.... וואָס מאַכט אַניקיס שוועסטער? — האָט ער געפֿרעגט אַ שטילער.

— זי פֿילט זיך בעסער. און אויף אַניקין פֿרעגסטו גאַרנישט?

— מומע טייערע, איך דאַרף גלייך גיין צו דער אַרבעט, גיב מיר וואָס אָפּצועסן. מיט אַניקין וועל איך דאַרפֿן רעדן.

— לויף פֿריער אַריין זי זען. די מויד גייט אויס פֿון בענקען.

— נישט איצט, מומע.

— אָבער וואָס האָט דיך געהאַלטן דאָרט אַזוי לאַנג?

— די גאָלדמינע...

די מומע קוקט און פֿאַרשטייט נישט:

— אַ גאָלדמינע? טאַקע?...

— יאָ, סאַקאַבולאַ מקומאַסי, די קעניגין פֿון קראַאַל. מומע, איז זי שיין...

— ווער? די גאָלדמינע. שענער פֿון אַניקין?

— שענער פֿון דער גאַנצער וועלט.

די מומע האָט זיך צעוויינט אויף דער גוטער אַניקיס ביטערן מזל און האָט געזאָגט:

— נישט אַנדערש, זיי האָבן דיך דאָרט פאַרכישופט.

— יאָ, מומע, פון היינט אָן גלויב איך אין כישוף. און אַז דו וועסט זי זען, וועסטו אויך פאַרכישופט ווערן. מיר וועט נישט זיין לייכט צו ברענגען די בייעס צו אַניקין, אָבער אַנדערש קען נישט זיין. דו, מומע, רעד נישט דערפון מיט קיינעם, וויש זיך אויס די אויגן. מירן אין קורצן חתונה האָבן.

— נייך, בענעט, מען טוט נישט אַזוי צו אַזאַ מיידל ווי אַניקי!

— איך ווייס, מומע, איך ווייס. מיין האַרץ וויינט אויך פאַר אַניקין...

— פאַר וואָס ביסטו דאָרט געבליבן אַזוי לאַנג, נישט אַהיימ־געקומען זיך דורכרעדן מיט מיר?

— כ׳האָב נישט געקאָנט אַוועקפאָרן אָן אַ צוזאָג פון איר פאָטער, ער האָט מיך נישט געוואָלט, און איך האָב געפילט, אַז אָן איר קען איך נישט לעבן. זי איז יונג, נאַיִוו, אפשר אויך נאַריש, אָבער אַ געטין, אַ געטין, מומע...

די מומע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם מאָדנעם פייער אין בענעטס אויגן, ווען ער האָט געזאָגט די ווערטער: „געטין”. זי איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט, נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן, ווי ער נעמט זיין פעקל עסן און גייט אַרויס צו דער אַרבעט. און אין דער טיר שוין האָט ער איבערגעחזרט:

— דו רעד מיט קיינעם נישט. איך וועל רעדן מיט פרינציפּאַל און מיט אַניקין.

די מומע האָט זיך צוריק געלייגט אין בעט מיט אַ שווער האַרץ און גערעדט צו זיך:

— אַ שיינער יונג, האָבן זיי אים פאַרכישופט. ער איז נישט נאָרמאַל — כ׳האָף נאָר, אַז ער וועט עס נישט באַדויערן.

צו דער שמעלצעריי האָט בענעט געהאַט געשריבן, אַז ער מוז פאַרבלייבן לענגער אין זולולאַנד, און איצט געמוזט געבן אַ מינד־לעכע אויפקלערונג פאַר דעם מענעדזשער, וואָס האָט אים מוחל געווען. די אַרבעטער האָבן זיך געפרייט מיט אים, און דער טאָג אַרבעט איז אַדורך נאָרמאַל. אין אָוונט, האָט די מומע נישט גערעדט מיט אים. זי האָט אים דערלאַנגט זיין אָוונטברויט אָן אַ וואָרט. בענעט האָט נישט געקענט באַשליסן צי ער זאָל גיין צו אַניקין, אָדער פריער זיך אַדורכרעדן מיטן פרינציפּאַל. ער האָט באַשלאָסן פריער צו רעדן מיטן פרינציפּאַל.

ווען ער איז געקומען צו זיין הויז האָט ער געזען ליכט נאָר אין שלאָפצימער. נאָך אַ ישוב־הדעת האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ דערשראָקענער האָט דער פרינציפּאַל געפרעגט ווער עס איז, און אים אַריינגעלאָזט אַ פאַרוווּנדערטער.

— עפּעס שלעכטס, בענעט?

— כ׳ווייס אַליין נישט, נאָר זייט מיר מוחל, כ׳האָב נישט באַמערקט, אַז ס׳איז אַזוי שפּעט. נאָר כ׳מוז מיט אייך רעדן, איידער איך רעד צו אַניקין.

— זעץ דיך און דערצייל.

בענעטס צונג איז ווי געליימט געוואָרן.

— וואָס איז געשען? ביסט נישט דער זעלבער בענעט. זאָג מיר, רעד.

— פרינציפּאַל, כ׳ווייס אַז כ׳בין נישט דער זעלבער בענעט ווי מיט פינף וואָכן פריער. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר אַנדערש.

— קום, קום, יינגל, רעד זיך אַראָפּ פון האַרצן, וואָס איז עס?

בענעט האָט דערציילט פון זיין פאַרכישופטער ליבע, און מיט אַ צעלויכטן פּנים גערעדט פון דער בראָנדזענער געטין פון קראַאַל, און פאַרענדיקט, אַז נאָר איצט ווייסט ער, וואָס אמתע ליבע מיינט...

אַלע פריערדיקע שרעק זענען נעלם געוואָרן. דער פּרינציפּאַל האָט זיך געפריידט מיט בענעטס גליק, אָבער געבליבן באַצערט טראַכטנ־דיק פון אַניקין.

— איז וואָס ביסטו געקומען צו מיר?

— זאָגט מיר, ווי אַזוי זאָל איך דאָס ברענגען צו אַניקין?

— בענעט, דו ביסט יונג, און האָסט אַ יונג האַרץ. איך בין צו אַלט דאָס צו פאַרשטיין. אָבער אַניקין מוזטו דערציילן, אפשר נישט אַזוי געגוי ווי מיר, אָבער דעם אמת. זי איז אַ צו ערנסטער מענטש, און זי פילט צו דיר אַ לאַנגע צייט דאָס, וואָס דו פילסט איצט צו דיין קראַאַל־געטין — אַוודאי, זי האָט דיך נישט אָנגערופן אַ „לאַקיישן גאָט", קען זיין, ווייל זי איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון דיר, און איז נישט אַזוי פּאָעטיש, אָבער דאָס מינערט נישט איר ליבע צו דיר. אָדער גיין, בענעט, רעד נישט מיט קיינעם וועגן דעם, לאָז דאָס אויסצייטיקן אין דיין האַרץ, אָדער אויסוועפּן, — קען זיין ס'איז בלויז אַ מאָמענטאַלער כישוף, וואָס וועט אַרויס פון דיר. מיט אַ מאָל איילסטו זיך חתונה צו האָבן, און נישט לאַנג צוריק האָסטו נישט געוואָלט הערן דערפון: כ'בין יונג, כ'האַלט איצט ביים סאַמע אָנהויב. האָסטו מיר אַליין געזאָגט. און מיט איין מאָל... גיין, בענעט, דאָס איז נישט געזונט. וואַרט אָפּ, לאָמיר זאָגן אַ חודש צייט, מיר ביידע וועלן האַלטן דעם סוד. אויב נאָך דער צייט, וועסטו קומען, און רעדן צו מיר די זעלבע רייד, וועל איך דיר אַליין זאָגן: גיי רעד צו אַניקין. האָב חתונה מיט דיין געטין און זאָל זיין מיט גליק. גיי אַהיים, רו זיך אויס און רעד נישט דערפון.

— איך האָב שוין דערציילט דער מומען.

— זייער שלעכט, בענעט. נישט דער מומען האָסטו דערציילט, נאָר דעם גאַנצן לאַקיישן. אַניקין דאַרפסטו שוין אויך נישט דער־ציילן... זייער נישט קלוג. טאָ וואָס זשע ביסטו געקומען צו מיר?

האָסט זיך אויפגעפירט ווי אַ יינגל. וואָס קאָן איך איצט עצהן, אַז די „קאַץ" לויפט שוין אַרום און מיאַוקעט...

בענעטן האָבן די מוסר־רייד דערדריקט און ער האָט זיך צעוויינט.

— וואָס וויינסטו, וויל חתונה האָבן און וויינט ווי אַ קינד. האָסט חרטה, אָדער דו שעמסט זיך?

— ביידע, כ'שעם זיך פאַר מיין יינגלישקייט, און כ'האָב חרטה וואָס כ'האָב דערציילט דער מומען.

— דאָס אַלץ?

בענעט האָט מיט וויינענדיקע רייד פאַרזיכערט דעם פּרינצי־פּאַל, אַז ס'איז נישט קיין מאָמענטאַלער כישוף. ער האָט אים דער־ציילט פון זיינע איבער פיר וואָכן זיין דאָרט, און צו וואָס ער האָט אַלץ צוגעשטימט, ווייל איר פאָטער האָט אים נישט געוואָלט, און ער האָט געפילט, אַז ער קען נישט אַהיימפאָרן אָן אַ צוזאָג פון איר פאָטער, אַז זי איז זיינע. דער פּרינציפּאַל איז אַלץ באַשטאַנען אויף זיין פאַרלייג, אַז בענעט זאָל אָפּוואַרטן פיר וואָכן, און ער אַליין וועט רעדן מיט זיין מומען, אַז זי זאָל קיינעם נישט דערציילן, אויב פאַרשטייט זיך ס'איז שוין נישט צו שפּעט. בענעט האָט אים צוגעזאָגט צו פאָלגן, און ווי נאָר ער וועט אַהיימקומען, וועט ער רעדן מיט דער מומען וועגן דעם.

די מומע איז געוועזן צופרידן פון פּרינציפּאַלס פאַרלאַנג, זי האָט געגעבן איר וואָרט, אַז זי וועט קיינעם נישט דערציילן, און אין האַרצן האָט זי געטראַכט, אַז דער פּרינציפּאַל האָט אים זיכער איבערגערעדט און זיך דערמיט געטרייסט.

ביי דער אַרבעט האָבן אַלע באַמערקט, אַז בענעט איז אַנדערש געוואָרן, ער איז ערנסטער און אומעטיקער. אַפילו בעת די געזאַנג־פּראָבן אין כאָר איז ער נישט מער דער פריילעכער בענעט. אויף פראַגן, וואָס איז געשען? האָט ער אויסגעמיטן צו ענטפערן, אָבער

ס׳האָט אים געגאַגט אַ מורא, צי וועט ער זי נישט פאַרלירן, אויב ער וועט נישט אָנהויבן שיקן געלט פאַר זיין נדן. אַזאַ גרויסע סומע געלט, און ער ווייסט נישט וויפל די מומע האָט פאַר אים אָפּגע־שפּאָרט, און וויפל ער דאַרף באָרגן, און צי וועט אים די פאַבריק אַנטלייען אַזאַ סומע. אָט די געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט און אים נישט געגעבן קיין רו. פון דער מומען האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ער פאַרמאָגט אַ צענט־חלק פון דעם וואָס ער דאַרף, און באַ־שלאָסן, אַז ער קאָן דאָס נישט אָפּלייגן, און ער וועט זיך באַפרייען פון דעם סוד און רעדן מיט אַניקין. דאַן וועט ער קאָנען מאַכן אַראַנזשירונגען וועגן געלט, און חתונה האָבן מיט סאַקאַבולאַן צו דער אָפּגערעדטער צייט.

אַניקי איז געווען זייער אומגליקלעך. זי האָט געוווּסט, אַז בע־נעט איז שוין אַ צייט דאָ צוריק, און נישט זי זעט אים, אָדער קאָן זיך וואָס דערוויסן פון זיין מומען אָדער דעם פּרינציפּאַל. עפּעס אויסערגעוויינלעכס האָט געמוזט געשען. זי האָט באַשלאָסן אויפצורייסן דעם מיסטעריע־שלייער און אַריבערגיין צו בענעטן פרעגן, וואָס דאָ קומט פאָר.

דעם זעלבן אָוונט איז בענעט אומגעריכט געקומען צו איר. ער האָט זי באַגריסט מיט שטאַמלענדיקע רייד. געפרעגט אויף דער שוועסטער, און ווי זי פילט זיך, און ווי גייט די אַרבעט אין דער שול? אַניקי האָט געזען פאַר זיך אַ פרעמדן מאַן מיט אַ שווער האַרץ, זי האָט אויף קיין איינער פון זיינע פראַגן נישט געענטפערט. איר אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט פון אַן אינערלעכן אויפברויז. כדי דאָס צו פאַרווישן האָט זי פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט און אָוועק אַ פּאָר שפּאַן פון אים. איר קראַנקע שוועסטער איז געשלאָפן. אין שטוב איז געווען שטיל — בענעט האָט געפילט, אַז די שטילקייט רייסט פון אים שטיקער. —

— פאַר וואָס ענטפערסטו מיר נישט ?.

— וואָס האָב איך דיר צו ענטפערן ? זאָג מיר, וואָס איז געשען ?

— כאָטש כ׳האָב צוגעזאָגט דעם פּרינציפּאַל צו וואַרטן אַ חודש, אָבער כ׳בין געקומען, און דו פרעגסט מיך, וועל איך דיר זאָגן. איך קאָן מער צו דיר נישט קומען, ווייל...

— דאַרפסט מער גאָרנישט זאָגן, בענעט — האָט זי איבער־געריסן, און געקוקט מיט ברייט אָפענע אויגן נישט אויף אים נאָר דורך אים, און זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול מיט אַ צעצאַפּלטן רוקן אין אַ שטימלאָזן געוויין.

בענעט איז געשטאַנען איבער איר אַ פאַרלוירענער, און געפילט, ווי זיין ליבשאַפט צו איר איז פאַרביטן געוואָרן אויף רחמנות.

— קענסט גיין, בענעט — האָט אַניקי צוויי מאָל שטיל געזאָגט.

בענעט האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב, ווי אַ שיפל שאַרט זיך אַרויס פון נעפּלדיקן ים. — — דורך וואָס פאַר אַ פיינלעכע טירן אַ מענטש דאַרף דורכגיין אין לעבן, האָט ער געטראַכט אויפן וועג אַהיים, אויפן וועג צו זיך...

נאָך דעם געשפּרעך מיט אַניקין האָט ער מער נישט געהאַט וואָס צו באַהאַלטן, און גענומען דעם גורל אין די אייגענע הענט אַריין. ער האָט דערציילט דעם פּרינציפּאַל דערפון און דערקלערט, אַז ער האָט נישט געקאָנט האַלטן אַניקין וואַרטן אַזוי לאַנג, וויסנ־דיק אַז סאָקאָבולאָ איז זיין באַשערטע, און ער מוז שאַפן דאָס געלט, ווייל אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט זיין זייער חתונה, און טאָקע אים פאַרבעטן צו קומען צו דער חתונה. דאָס ביסל געלט, וואָס די מומע האָט געהאַט אויף זיין נאָמען, האָט ער אַרויסגענומען און עס גלייך איבערגעשיקט צום אַלטן מקומאָסין. איצט איז בע־נעטן לייכטער געוואָרן, ער איז ווידער געוואָרן דער שמייכלענ־דיקער ליבער בענעט, און דערציילט זיינע חברים, וואָס ס׳איז אין צווישנצייט געשען. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן איבער־שעהן. אין שטוב איז די לאַגע אויך בעסער געוואָרן. די מומע האָט אָנגענומען,

אַז אַזוי איז אַוודאי באַשערט. דער עיקר זינט בענעט האָט זי אין איין וויק־ענד מיטגענומען צו זען זיין כלה, און אויפן וועג צוריק האָט זי אים געזאָגט, אַז די מחותנים געפעלן איר נישט.

— אָבער זי ?...

— דו טייוול דו, זי קען פאַרכישופן.

בענעט האָט פאַר דער מומען אויסגעלייגט זיין פּלאַן פאַר דער צוקונפט: זיי וועלן וווינען אין קראַאַל אין אַ הייזקע, אַ גאַנצע וואָך וועט ער אַרבעטן, און שטיין מיט איר אין לאַקיישן, און אין די וויק־ענדס אַהיימפאָרן. און ווען דו, מומע, וועסט וועלן מיטפאָרן וועסטו אויך...

— נישט קיין לייכט לעבן, און די הוצאה, פאָרן יעדע וואָך אין זולולאַנד.

— ס'איז ווערט, מומע. טייל וויקענדס וועט זי קומען אַהער צו אונדז. איך וועל איר וויזן די שטאָט, זאָל זי זיך באַקענען מיטן שטאָטישן לעבן, ווייל נישט שטענדיק וועל איך נאָכגעבן דעם אַלטן, אָבער איצט האָב איך געמוזט איינגייען.

בענעט האָט אָנגעשריבן אַ שיינעם בריוו צום מענעדזשער, דערציילט, אַז ער גרייט זיך חתונה צו האָבן מיט אַ זולו־שיינקייט, דערביי אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז די אָנפירערשאַפט פון דער שמעלצעריי וועט אים אָנטאָן דעם כבוד און קומען צו זולולאַנד אויף זיין חתונה, און געבעטן אַ הלוואה פאַר דעם צוועק. די פּופ־ציק פונט מזומנים און אַ גרויסן טייל פאַר די אָקסן האָט ער שוין געהאַט איינגעצאָלט. דער אַלטער מקומאָסי האָט אים פריינדלעכער באַגריסט נאָך יעדער ראַטע, ווען ער איז געקומען אויף וויק־ענד. און ווען בענעט איז איין מאָל אָנגעקומען צום קראַאַל און פון וויטן דערזען אַ וויס ליילעך הענגען פון אַ הויכן שטעקן איבערן הויז, האָט ער זיך דערפילט, ווי אַן אָדלער, וואָס דערפליט דורך אַלע שטורעמס צו זיין נעסט...

אַז סאַקאַבולאַס ברידער און שוועגערינס דרייען זיך אַוועק פון אים, האָט בענעט באַמערקט. אָבער וואָס אינטערעסירן זיי אים. זי סאַקאַבולאַ, איז אַזוי שיין און ליב. בענעט האָט צוגעגרייט אַ גאַנצן פּלאַן זי צו לערנען, דערציִען, זי ברענגען נעענטער צו אים. ער האָט איר דערציילט פון ביכער, וואָס ער האָט געלייענט. פון מענטשן, וואָס שאַפן, פון געשעענישן אין לאַנד, פון דער נאַטור. בענעט האָט געזען ווי זי טרויט אים און ווייזט אַרויס אַזאַ נייגער צו וויסן. דאָס האָט אים געשטאַרקט אין זיין גלויבן, אַז נאָך דער חתונה, ווען זי וועט זיין אין זיין רשות, וועט ער נישט נאָר האָבן דאָס שענסטע ווייב אין דער וועלט, נאָר אויך אַ טייערן קאָמפּאַניאָן פאַר זיינע געדאַנקען און אידעען. דער אַלטער מקומאָסי האָט צוגע־פירט דאָס יונגע פּאָרל צו אַ נישט פאַרענדיקט רונד הייזל און געזאָגט:

— אָט דאָס וועט זיין פאַר איך, עס וועט פאַרטיק זיין אין זיבן זונטיקס צייט.

סאַקאַבולאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַ גליקלעך געלעכטער, וואָס האָט געגלעט בענעטס אויערן, ווי איר סאַמעט־בראַנדזענע הויט גלעט זיין האַרץ.

פון ביוראָ האָט בענעט באַקומען אַ בריוו מיט פופצן נעמען פון ווייסע, וואָס דאַנקען אים פאַר דער איינלאַדונג און וועלן זיין צו־פרידן צו זיין זיינע געסט אויף דער חתונה. צום בריוו איז געווען בייגעלייגט אַ טשעק אויף פופציק פונט מיט נאָך אַ בריוועלע, אַז דרייסיק פונט איז אַ חתונה־מתנה פון די ביוראָ־אַנגעשטעלטע און צוואַנציק פונט איז אַ הלוואה.

די אַרבעטער האָבן אויך געוווסט פון זיינע געלט־פּראָבלעמען, האָבן זיי זיך אויך צוזאַמענגעלייגט און געגעבן בענעטן אַ חתונה־מתנה אַ גרויסן גראַמאָפאָן. דעם וויק־ענד איז בענעט געפאָרן צום קראַאַל אַ צעשטראַלטער פון פרייד און מיטגעבראַכט דעם ערשטן

„שטיין" — פאַר זיין נייער היים, דעם גראַמאָפאָן. ער האָט געשפּילט איין פּליטע נאָך דער אַנדערער. סאַקאַבולאַ מיטן טאַטן האָבן געקוואָלן פון דעם זינגענדיקן קעסטל, און די ברידער מיט די שוועגערינס האָבן זיך צוגעהערט פון דרויסן. דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען מיט זיין כלה און איר דערציילט פון דעם געלט וואָס ער האָט באַקומען, און אַז ער וויל איינקויפן שטאָטישע מעבל, ווי בעטן, אַ קאַמאָד און אַנדערע זאַכן, כאָטש ער ווייסט, אַז אין קראַאַל שלאָפט מען אויף דער ערד, און מ׳נוצט די זאַכן נישט. סאַקאַבולאַ האָט זיך זייער געפרייט דערמיט, אָבער אים געראָטן נישט צו קויפן קיין בעט, ווייל דעם טאַטן וועט דאָס נישט געפעלן. דערווייל נישט. שפּעטער...

דעם נאָענטסטן שבת איז בענעט געבליבן אין דער היים, און אַרומגעגאַנגען מיט דער מומען אין שטאָט איינקויפן אַ שיינעם קאַמאָד אין פאַרבן, וואָס זאָל זיין מחותן געפעלן, קאָלדרעס, קישנס, וועש, ליילעכער און כלים. פאַרן אַלטן שווער האָט ער געקויפט אַ האַקי־אָנצוג, אַ נייע פּיפּקע מיט טאַבאַק און צוועלף פּעקלעך שוועבעלעך. פאַר סאַקאַבולאַן האָט ער איינגעקויפט צירונג, קליידער, קאָפּ־טיכלעך און קאָסמעטישע אַרטיקלען. אויך אין דער מומען האָט בענעט נישט פאַרגעסן, און איר איינגעקויפט וואָס נאָר זי האָט געוואָלט.

בענעט האָט אַראַנזשירט מיט ווילסאָנען, אַז ער זאָל די אַלע זאַכן אַריבערפירן צו זיין נייער היים. דאָס רונדע שטיבל איז פול געוואָרן מיט אַזוי פיל שיינע זאַכן, און אַלע אין קראַאַל זענען געקומען באַקוקן און זיי מקנא געווען. סאַקאַבולאַ האָט באַטראַכט איר פאַרמעגן און אַלע ווײַלע אַרויסגעלאָזן אַ גליקלעכן האַ, הו, און מ׳האָט זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה.



די חתונה

דער שבט־מינהג ביי די זולוס איז, אַז דעם חתנס פֿאָטער מאַכט אַלע הכנות און פּראַוועט די חתונה פֿון זיין זון, היות ווי בענעט איז אַ קיילעכיקער יתום און זיינע קרובים זענען שטאָטישע, האָט ער פֿאַרגיטיקט מיט מער מתנות דער כלהס פֿאָטער, כדי ער זאָל אַ צופֿרידענער גרייטן און פּראַוועז די חתונה ביי זיך אין קראַאַל.

דער גרעסטער בעל־שמחה ערב דער חתונה איז געווען בענעטס יונגער פֿריינד נגאַטאַני טאַבאַזוטאַ, וואָס האָט געדעדט וועגן חתן מיט „מיין בענעט״. אונטער דער אויפֿזיכט פֿון מחותן האָט נגאַטאַני געזאָרגט, אַז איבער די מקומאָסיס הויז זאָל הויך פֿלאַטערן די ווייסע פֿאָן, אַז די טעפּ ביר זאָלן פֿערמענטירן צום טעם, גע־האָלפֿן דעם מחותן אויסקלויבן אַ קעלבל און שעפּסן פֿאַר דער חתונה־סעודה, אָפּרייניקן אַ שטח לאַנד פֿאַר די ווייסע געסט, וואָס בענעט וועט ברענגען פֿון שטאָט און געטאָן נאָך אַרבעטן, ווייל אַלע פֿון דער מקומאָסי־משפּחה האָבן נאָר בייז געמורמלט און זיך געהאַלטן וויט פֿון דער קומענדיקער שמחה. ווען דער אַלטער מקומאָסי האָט צווישן בייזלעכן געברום אויפֿן חשבון פֿון זיינע זין און שנורן צו־געוואָרפֿן נגאַטאַנין אַ גוט וואָרט, האָט דער לעצטער נאָך פֿלייסיקער געאַרבעט און זיך אונטערגעזונגען: לע־לע־לע־לע־לע־לע־לע־לע...

נאָך שטאַרקער האָט זיך זיין קול צעטרעלט, ווען די כלה סאַ־קאַבולאַ האָט אים געשאָנקען אַ שמייכל און איר ברודערל עמוס, וואָס האָט זיך כסדר געהאַלטן ביי זיין שוועסטער האָט אים צוגע־האָלפֿן זינגען: לע־לע־לע־לע־לע־לע־לע...

נגאַטאַני האָט זיך געפֿילט חשוב און געהאַלטן, אַז די אַנער־

קענונג קומט אים, ווייל ער איז דאָך געווען דער שדכן, ער האָט צוגערעדט בענעטן צו קומען אויף זיין שוועסטערס חתונה, ווו ער האָט צונויפגעפירט דאָס פּאָרל, דערפאַר איז ער געווען זיכער, אַז בענעט וועט אים אָפּדינען מיט העלפן קומען קיין יאָהאַנעסבורג און געפינען פאַר אים אַ שטעלע. אָט דער געדאַנק האָט געקוועלט מיט גליק אין זיין האַרץ. נישט איין מאָל איז ער געבליבן שטיין אויף אַ שפּיץ בערגל אונטערזינגענדיק זיין מאָנאָטאָנעם לע־לע־לע־ניגון און קוקן פאַרגאַפט אויפן טונקעלן נאַכטוואָגן מיט מיליאָסן פינקלענדיקע נשמות, וואָס ציטערן. „צי זעט מען זיי אויך אין יאָהאַנעסבורג?״ בייטאָג האָט ער געקוקט אויף די קאַנדעלאַברע־בלומען, וואָס זענען אויס ווי עמיצער וואָלט אַריינגעשטעלט אין זיי רויטע ליכט, אויפן ווייסן צווייג, ווי געפּאָלענער שניי אויף די פּרוכטביימער, אויפן טומאַן, וואָס הויבט זיך פון אומגעני־טייך, אויף די חיות און געשטאַלטן, וואָס שווימען מיט די וואָלקנס אין הימל און ווייט, ווייט צום סוף, ווו דער הימל פאַלט צו דער ערד, דאָרט איז יאָהאַנעסבורג, מיט די גאָלדמינען און פאַבריקן, דאָרט נישט ווייט איז זיין בענעט, דאָרט וועט ער זיין, דאָרט וועט ער אויסוואַקסן ווי בענעט, פאַרדינען געלט, גיין אין קינאָ און טראָגן אַ שיינעם אַנצוג, אַ געקעסטלט העמד און שפּיציקע, גלאַנציקע שיך, אָבער חתונה האָבן וועט ער מיט אַ מיידל פון קראַאַל, ווי בענעט, נישט מיט אַ שטאָטישער.

דער כלהס שוועגערין אוסוגאַקאַ, איינע פון די ווייבער פון איר עלטסטן ברודער, וואָס איז געווען מיאוס און דאַר ווי אַן אויסגעטרוקנטער קוקורוזע־שטעקן, מיט בריסטן ווי ניסלעך איז כסדר געלעגן אין שטאַל, זי איז נישט אַרויסגעקומען עסן אָדער טרינקען, נאָר אַרויסגעקוקט דורך די שטרוי־שפּאַרעס, געשאָלטן די אַלע, וואָס גרייטן צו די חתונה פון דער שיינער צוויג מיט די גרויסע בריסטן, ווי אייטערס פון אַ קו. אָך ווי פיינט זי האָט אַלע

מקומאָסיס מיט דעם בכור איר מאַן, וואָס פאַרשעמט זי און וויל מיט איר נישט ליגן... נעכטיקט זי אין שטאַל...

— ס׳זאָל קומען אויף זיי דאָס, וואָס עס איז געקומען אויף די אוהאַמאַס פון הימל — האָט זי געבעטן ביי די אָבות...

אויך די זין זענען געווען קעגן דעם שידוך. זיי איז נישט געפעלן דער שטאָטישער „ווילער יונג״, וואָס ברענגט זייער שווער־טער שטאָטישע שמאָכטעס און פאַרפירט זי אין שאול־תחתיה אַריין. פאַר דרך־ארץ פאַרן טאַטן האָבן זיי דאָס נישט אַרויסגעוויזן, אָבער קיין שמחה אויך נישט. ווען דער אַלטער מיט נגאַטאַנין האָבן זיך אַרומגעפּאָרעט, זענען די זין פאַרבייגעגאַנגען צו זייער אַרבעט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אָן אַ וואָרט. דער אַלטער האָט פון אַלץ געוווּסט און מיט זיי נישט גערעדט וועגן דעם שידוך, נאָר דעם בכור האָט ער אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— אָן אויסגעטרוקנטן בוים רייסט מען אַרויס, וואָס ליגט זי דאָרט אין שטאַל און מרוקעט? שיק זי צו איר טאַטן מרוקען, אַ ווייב, אַ שטעקן... אַ ווייב דאַרף ליגן מיט איר מאַן און האָבן קינ־דער, און נישט אין שטאַל... אָן אָפּגעדאַרט ווייב איז אַ סימן פון אָן אָפּגעדאַרט האַרץ... אַ קללה פון די אָבות... סאַקאַבולאָס ווייב־לעכקייט גיט איר די נכפה, שעלט זי די שלאַנג. סאַקאַבולאָ איז מיך טאָכטער, וואָס וועט ברענגען אַ געזונטן דור זולוס, די אָבות האָבן זי געבענטשט, איר מאַן איז אויך אַ געבענטשטער, געזונטער זולו, טאָ קרימט זיך נישט און וויזט אַרויס דרך־ארץ, זאָג דאָס אויך דיינע אין שטאַל...

די ווייבער האָט ער באַפוילן מ׳זאָל סאַקאַבולאַן אָנהויבן גרייטן די כלה־פריזור. צוגרייטן אַ כלה־פריזור צו אַ חתונה איז אַ צערע־מאָניאַל מיט וועלכן ס׳פאַרנעמען זיך די נאָענטסטע קרובות פון דער כלה און דויערט אַ לענגערע צייט. בעת דער „אַרבעט״ זאָגן די ווייבער כלה־שפּרוכן און זינגען כלה־געזאַנגען.

ביי חשובע שבט־מענער איז אויך דאָ אַ קאָפּרינג, וואָס ווערט אַריינגעפלאָכטן אין די האָר, פֿאַרצויגן מיט אַ וואַקס, וואָס ווערט נאָכן האַרט ווערן געפּוצט ביז אַ גלאַנץ, די איבעריקע האָר ווערן אַרומגעשוירן, כדי דער רינג זאָל זיין בולטער.

בעת די פּויזעס פון איין האָר־סעסיע און דער צווייטער, האָבן די וויבער געלאָזט די כלה אַליין מיט איר ברודערל עמוס, ווען זי האָט דערציילט פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס בענעט האָט גע־לייענט אין ביכער. דער קליינער עמוס האָט אויף אַלץ געהאַט צו פרעגן קשיות, צווישן אַנדערע אויך:

— וויפל לאָבאָלאָ האָט בענעט באַצאָלט פאַר דיר, ביסט אַזוי געזונט, פעט און שיין.

ביי די שוואַרצע שבטים ווייסט קינד און קייט, אַז אַ מאַן קלויבט אויס אַ וויב, וואָס איז געזונט פאַר אַרבעט און צו געבוירן קינדער. וואָס שטאַרקער, פעטער זי איז, אַלץ מער נדן וויל דער פאָטער פאַר איר. אויף דער פראַגע האָט זי אים נאָר אַ רייב געטאָן אין גלאַנציקן נעזל און נישט געענטפערט און דערציילט בסוד, אַז בענעט האָט איר פאַרבאָטן צו נעמען קרייטעכצער און טראָפּנס און נישט זען קיין כישוף־דאָקטוירים.

כאָטש מקומאָסי, דער כלהס פאָטער, האָט געוווסט פון בענעטס משפחה, די אוהאָמאָס, איז ער דאָך אַרומגעפאָרן אין דער גאַנצער געגנט זיכער צו מאַכן, אַז די אוהאָמאָס קערן זיך משפחהדיק נישט אָן מיט אים, ווייל ביי זולוס איז אַ גרויסע זינד זיך משדך צו זיין אַפילו מיט אַ וויטן קרוב.

שכנים האָבן צווישן זיך געמורמלט, אַז דער שידוך פון סאָקאָ־בולאַן מיטן שטאָטישן, איז נישט געמאַכט געוואָרן ווי ס'פירט זיך ביי זולוס. ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער געטראָגן אַ שטאָ־טיש רעקל און נישט קיין פעל איבערן גוף, געגאַנגען מיט איר

איבער פעלדער אַליין אַן „שוועסטער”... סאַקאַבולאַ האָט דאָס אונטערגעהערט און ממשיך געווען פאַר זיך:

— יאָ, כ'האָב נישט אויספּרובירט זיין כוח מיט פּראָוואָצירנ־דיקע פראַגן, צי ער קאָן אויפהויבן אַ קעלבל, אָדער הרגענען אַ הירש, כ'האָב אים באַגעגנט אַליין מיטן יינגל נגאַטאַני ביי זיין שוועס־טערס חתונה. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט, זיינע אויגן זענען געווען גרויס און פייכט און ער האָט געזאָגט: „סאַקאַבולאַ, ביסט די שענס־טע אין דער וועלט. כ'וויל דיך נעמען פאַר אַ ווייב”. אָן עדות־„שוועסטער”, וואָס באַגלייטן אַ זולו־מיידל צו אַזאַ באַגעגעניש, אָן צו דאַרפן פריער חוזקן, מאַכן אים זיך פילן קליין און שוואַך, כדי ער זאָל באַווייזן, אַז ער איז עס נישט, איז ער מיר אויך באַלד געפעלן, אַזוי האָט מיר געזאָגט דאָס בלוט אין די אָדערן און מיין האַרץ. נאָר די אומצופרידנקייט פון דער משפחה, די נדן־דינגעניש איז יאָ צוגעגאַנגען לויטן זולו־מנהג, און ביי אַזאַ דינגעניש איז נישט מזלדיק צו דערמאָנען די ציפערן זיבן און פינף.

זולוס לאַכן הויך און מיט אַ קוויטש, האָט זיך די משפחה אָפּט געוווּנדערט צו הערן ווי די כלה איז אַליין און לאַכט. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז זי לאַכט פון די אַנדערע חתנים, וואָס קומען אויסגעשמירטע אין היפּאָפּאָטאַם־פעטס, וואָס האָט אַ בעסערן גלאַנץ און ריח כדי נושא חן צו זיין ביי די כלות. בענעט איז אַנדערש, ער דאַרף עס נישט... אויך די חתונה וועט זיין אַ ביסל אַנדערש, בענעט איז טאַקע אַ זולו, אָבער אַ שטאָטישער.

די הייזקע פאַרן יונגן פּאָר איז געשטאַנען פאַרטיק, נגאַטאַני האָט אַרויסגעוויזן גרויס ברייהשאַפט ביים אַרומפלעכטן די קלעצ־לעך ביים אַריינגאַנג מיט שטרוי און סאַקאַבולאַ האָט אים פאַרזי־כערט, אַז בענעטן וועט עס געפעלן, דער מחותן האָט אויסגעלייגט די פריש־אויסגעפלאָכטענע ראָגאָזשע־מאַטראַצן אויף דער אויסגע־

גלייכטער ערד און געוואַרט אויף נאָך שטוב־זאַכן, וואָס בענעט דאַרף שיקן פון שטאָט.

די נאָענטקייט וואָס דער אַלטער האָט אַרויסגעוויזן צום יינגל נגאַטאַני ביי די חתונה־הכנות האָט אים געמוטיקט צו פרעגן:

— זאָג מיר, פאַטער מקומאַסי, אַז איך וועל נישט האָבן קיין גרויסן נדן ווי בענעט, וועל איך נישט קאָנען קריגן אַזאַ ווייב ווי סאַקאַבולאַ?

— פאַר וואָס זאָלסטו נישט האָבן? ביסט פעיִק, וועסט אַרבעטן און פאַרדינען. בענעט וועט דיר העלפן און דער נדן איז נישט דער פרייז פאַר אַזאַ אוצר, נאָר אַ פאַרגיטיקונג פאַרן טאַטן, וואָס האָט זי אויפגעהאָדעוועט און גיט זי אַוועק צו אַ פרעמדן מאַן, ס'איז אויך אַ גאַראַנטיע פאַר אים, אַז זי וועט זיך אויפפירן גוט, האָבן קינדער, ווען נישט קאָן ער זי צוריקשיקן צום טאַטן און צוריק באַקומען זיין געלט מיט די אָקסן נדן. אָבער מיינע איז געבענטשט פון די אָבות... ער קריגט אַן אוצר, זי וועט ער נישט צוריקשיקן, און דו זאָרג נישט, זע זאָלסט זיין אַ גוטער, ערלעכער זולו, לערן זיך גוט צו פאַרדינען און האַלט די אויגן אָפן... וועסט געפינען, געפינען, אויף אויסגעדאַרטע הערצער מייד אויס דיין בליק, וועסט עלטער ווערן וועסטו פאַרשטיין, אַז די ברכה פון אַ פרוי איז ווייך איינגעבעבט אין איר גוף, נישט ווי די דאָרט, וואָס מרוקעט פון שטאָל אַ פאַרשאָלטענע.

זולוס שמועסן מיט די יונגע פון קערפּערלעך רייף ווערן אַזוי נאַטירלעך, ווי פון זאָגנען וואָס ווערן צייטיק, פון זריעה, אָדער באַ־פרוכפּערן חיות. דער מאַן אָקערט דאָס פעלד, די פרוי זייעט, ווייל זי איז דער סימבאָל פון פרוכטבאַרקייט. די יונגע וואַרטן אויף די ערשטע סימנים פון רייף ווערן, ווי צו אַ ווידער־געבורט, וואָס זיי לאָזן וויסן מיט אָנגענומענע סימנים, אַנדערע פאַר יינגלעך, אַנדערע פאַר מיידלעך, דאָס איז אַ געלעגנהייט פאַר אַ גרויסן ריטועלן צערע־

מאַניאַל, מיט עסן, טרינקען, טאַנצן און ברכות פאַר די עלטערן און נייעם „מאַן" אָדער „פרוי", וואָס ווערט באַטראַכט פון דער עדה מיט מער חשיבות.

דער אַלטער האָט זיך הויך אויסגעצויגן און אים אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן.

— טאַבאַזוטוס יונג וואַקסט, האָסט שוין חלומות, נגאַטאַני, הא?... יאָ, שוין מער ווי אַ יאָר, ווי כ׳האָב ביי דיין טאַטן אַ זייטל פלייש אויפגעגעסן און אַ טאָפּ ביר אויסגעטרונקען, געטאַנצט, געזונגען, אַ פריילעכע סעודה געווען, ביסט נישט מער קיין ציג, נגאַטאַני, קאָנסט שוין האַלטן די אויגן אָפן, נאָר נישט מער בחור... לאַבאַלאַ? וועסט אַרבעטן? וועסט אָפּשפּאָרן, ועסטו געפונען אַ סאַקאַבולאַ. דו געפעלסט מיר, אַ שאָד כ׳האָב נישט נאָך איינע...

דעם אַלטנס רייד האָבן צעשמאָלצן הייס בלוט אין נגאַטאַניס אָדערן. ער האָט זיך פאַרשעמט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד...

דער כלה׳ס צד איז דער וויכטיקסטער יחוס. ווייל די „זי" גייט אין גאַנצן איבער צו זיין משפחה־גרופּע, איז דעריבער אַ מנהג צו פאַרגיטיקן דער כלה׳ס עלטערן מיט געבן מתנות פונעם שידוך־אָפּמאַך ביז נאָך דער חתונה. פון דעם מנהג האָט בענעט געלאָזט וויסן זיינע שטאָטישע קרובים, וואָס האָבן אים צוליב געטאָן און געשיקט מתנות דעם פאָטער פון דער כלה.

* * *

די טאַנטע האָט זיך געגרייט צו דער חתונה מיט גרויס שמחה, נאָך אַלעם, איז זי דאָך אַזוי ווי אַ מאַמע, וואָס האָט אים דערצויגן זינט ער איז געבליבן איין איינציקער יתום פון דער גאַנצער משפחה, די אוהאַמאַס. איר איינציקער ביטערער טראָפּן איז געווען אַניקי, דאָס טייערע מיידל צעברעכט איר ס׳האַרץ און אין ענגן לאָקיישן איז אוממעגלעך זי אויסצומיידן. כאָטש סאַקאַבולאַ געפעלט איר, טראַכט זי אַלץ, אַז אַניקי וואָלט פאַרן יונג בעסער געווען, פאַרט

אַ שטאַטישע לערערין און אַ שיינע. אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט אַניקין האָט זי נישט געהאַט קיין וואָרט פאַר איר, נאָר טרערן. נישט איינמאָל האָט זי וועגן דעם גערעדט מיט איר זון ווילסאָן, וואָס האָט איר פאַרמאַכט דאָס מויל זי זאָל זיך נישט מישן, ווייל בענעט ווייסט בעסער וואָס ער טוט, כאָטש ער וואָלט נישט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן זיך משדך זיין מיט וועמען פון קראַאַל.

אין דער שמעלצעריי האָבן אַלע גערעדט און זיך געגרייט צו דער חתונה אין זולולאַנד. פאַר ווייסע איז אַ זולו־חתונה אין קראַאַל אַן עקזאָטישע איבערלעבונג, אַ ספּעקטאַקל צו וועלכן מ׳וועט פאָרן ווי ווייט. כאָטש בענעט האָט אין אַ בריוו איינגעלאַדן 15 ווייסע געסט פון דער אַדמיניסטראַציע, איז ער געווען איבערראַשט צו הערן, אַז אַלע גרייטן זיך צו פאָרן, אויך אַ סך פון די אַרבעטער, אַפריקער און ברוינע, אַ חוץ דעם די זיבעציק מאַן פון זיין כאָר. אַ דעלע־גאַציע פון כאָר האָט פאַרגעלייגט מען זאָל געבן אַ קאָנצערט בעת דער חתונה, זאָל זולולאַנד הערן וואָס בענעט קאָן. בענעטן איז דאָס נישט געווען צום האַרצן, ער איז נישט געווען זיכער ווי זיין מחותן און אַנדערע וועלן דאָס אויפנעמען און צי קאָן מען בכלל דאָס טאָן ביי אַ חתונה. כאָטש זולוס פון דער שמעלצעריי האָבן אים פאַרזי־כערט, אַז פאַרקערט, ס׳איז זייער שייך מהנה צו זיין זולוס מיט געזאַנג, איז ער דאָך אַוועק צו זיין שול־פּרינציפּאַל זיך אַפּרעדן, אַז ער וועט צו דער חתונה פאָרן מיט אים און די מומע אין איין מאַשין און זיך אין איין וועגס באַראַטן אויך וועגן דעם געפּלאַנטן קאָנצערט. אויך דער פּרינציפּאַל האָט אים פאַרזיכערט, אַז זיין מחותן און אַלע זולוגעסט וועלן זיך פרייען דערמיט, אַ סימן האָט ער אים דערמאַנט, ווי זיי האָבן זיך געפרייט מיט זיין זינגען פאַר זיי, ביי זיין ערשטן באַזוך אין קראַאַל.

איצט איז בענעטן צוגעקומען פאַר דער חתונה נאָך אַ באַשעפ־טיקונג — פּראָבן פאַר אַ קאָנצערט צו זיין חתונה. אַ חוץ הענדעלס

„דער משיח” און אַנדערע לידער, האָט בענעט פאַרפאַסט אַ ספּעציעל ליבעסליד פאַר זיין כלה סאַקאַבולאַ, וואָס ער האָט פאַרן ברענגען עס צום כאַר פריער געוויזן דעם שול־פּרינציפּאַל. אַ צווייטער „וויליקאַזי”, האָט דער פּרינציפּאַל געטראַכט איבערלייענענדיק דאָס ליד און נאָר אָנגעוויזן אויף פעלערן אין מעטער. מיטן גאַנצן דרך־ארץ פאַר זיין לערער, האָט בענעט אויסגעזונגען דאָס ליד צו באַווייזן, אַז דער ריטם פון דער מעלאָדיע דערלויבט נישט קיין ענדערונגען.

— האָסט מיך איבערציייגט, בענעט, זאָל דיר זיין מיט מזל, אָבער, אַז דו וועסט שרייבן פּאָעזיע, געדענק אין דעם.

דעם זונטיק פון בענעטס חתונה איז דער „לאָקיישן” געווען וואָך פון קאַיאַר, קינדער האָבן געראַיעט מיט געפילדער, ווי אַ צולייג האָבן זיי דערשנאַפּט דעם „לאַנגן סעם”, וואָס איז געבליבן אַ שיכור־רער איבער נאַכט אין דרויסן. לכבוד דער חתונה איז צו דער „לאָקיישן”־סימפאָניע פון שפּילן פליטן מיט באַנטו־מוזיק, דזשעז אויף די העכסטע טענער, צוגעקומען מענדעלסאָנס חתונה־מאַרש: „היר קאָמט דזי ברייט”.

פון באַגינען איז די טאַנטעס שטוב פול געווען מיט שכנים, „גוד לאַק”־ווינטשערס. בענעטס חברים, דזשעימס און ריקי, אויס־געפּוצטע אין זייערע בעסטע זונטיק־מלבושים האָבן מכבד געווען די געסט מיט כיבוד, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. די טאַנטע, ווי אַן אמתע מחותנסטע איז געווען צעיאַכמערט און נישט באַמערקט דעם רעוורענד, וואָס איז געקומען אָנווינטשן, ריקי האָט מיט גרויס דרך־ארץ געברענגט צו פירן דעם שול־פּרינציפּאַל אין שטוב אַריין, מ׳האָט זיך משמח געווען, געגעסן און געטרונקען ביז אַ מאַשין באַשלייערט מיט ווייסע בענדער און בלומען איז פאַרפאַרן אויפצו־נעמען דעם חתן מיט די מחותנים: די טאַנטע, דעם פּרינציפּאַל און די צוויי חברים.

אויפן שאַסיי האָט געוואָרט אַ קאַראַוואַן פון טראַקס און מאַשי־נען מיט אַנדערע געסט. זיי האָבן געוואָרט, אַז דער חתן זאָל פאָרן נאָשפּיץ. די טאַנטע האָט פאַרביסן אַ ליפּ פאַר צער, ווען זי האָט געכאַפּט אַ בליק צו אַניקיס פענצטער און געזען ווי זי קוקט אַרויס דורכן פוירהענגל.. בענעט האָט עס נישט באַמערקט. אַ צעשטראָל־טער פון גליק האָט ער געפּאַכעט אַ ווייס טיכל צום קאַראַוואַן און פאַרנומען זיין אָרט אין דער מאַשין. מיט געזאַנג פון זיין כאָר פון 70, וואָס האָט זיך געפונען אין צוויי טראַקס, און פון די לאָקיישן־שכנים האָט געררירט דער חתונה־צוג צו בענעטס נייע וועלט, אין זולולאַנד...

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, דער ריח פון פעלדער האָט געקילט מיט אַ מילד ווינטל. דער כאָר־געזאַנג, די חתונה־פּראָצעסיע האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט ביי אַלע פאַרבייפאָרער, וואָס האָבן פאַרקערעוועט די מאַשינען אין אַ זייט דורכצולאָזן דעם צוג. וועג־פּאָליציי האָט זיי פריינדלעך באַגריסט און אַפילו געהאַלטן אָרדענונג ווו בויטיק. מ׳איז פאַרבייגעפאָרן שטעט און שטעטלעך, „לאָקיישנס״, דערפער, קראַאַלס, טייכן, בערג מיט רונדע שטרויהייזלעך אויף שפּיצן און אין שיפּועדיקע פעלדן. האַלב באַקעטע זולו־מיידלעך, קינדער, יונג און אַלט, האָבן געשיקט ברכות דורך ווייסע, לאַכנדיקע ציין. בענעט האָט דעם גאַנצן וועג געענטפערט מיט צוריק פּאָכען אַ ווייס טיכל דורכן פענצטערל, ער האָט נישט פאַרגעסן די ביטערע רייזע מיט געשלעגן און אַרעסט, וואָס ער האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט אויפן זעלבן וועג, ווען ווילסאָן האָט אים געפירט צו זיין פאַרברענטן נעכטן... איצט פאָרט ער ווי אַ מלך צו זיין שיינער מלכה...

וואָס נעענטער מ׳איז געקומען צום חתונה־אָרט, אַלץ בולטער האָט מען געזען די פּיל־קאַליריק פאַרזאַמלטע מאַסע איינגעוועבט אין גרינע בערג און טאָלן, מ׳האָט געקאָנט הערן „טאָם טאָם״־פּויקן

און געזאַנג, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן אָנקומענדיקן כאָר־געזאַנג פון חתנס צד.

צווישן המון האָבן זיך שוין געפונען ווייסע געסט פון די אַרומיקע האָטעלן אין זולולאַנד, וועלכע וועלן אַזאַ געלעגנהייט נישט דורכלאָזן.

אַ האָרן־רוף פון אַ זולו אַרומגעגאַרטלט מיט עקן פון אָקסן אונטער זיין גרויסן בויך, מיט אַן אויסגעשמירט פּנים אין פאַר־ביקע פאַסן און אַן „אַסאַגאַי" (שפּיז) אין האַנט, האָט אָפּגעשטעלט דאָס פּויקן און טומל. אין זעלבן טראַכט האָבן יונגע מענער מיט שטעקנס אין די הענט געפּאַכעט אין דער לופט צו פאַרטרייבן די דעמאָנס, געטאַנצט מיט אַ שטיל, מאָנאָטאָנעם געזאַנג פאַרן חתן מיט זיינע געסט און אַזוי זיי צוגעפירט צום באַשטימטן אָרט.

בענעטס ווייסע געסט זענען געווען פאַרבליפט פון דער נאַטור־שיינקייט, פון דעם פאַרביקן מענטשן־מיראַזש, פול מיט גרויס דער־וואַרטונג, וואָס דאַרף נאָך קומען אויף דער עקזאָטישער זולו־חתונה. באַלד זענען „נישט־גוטע" אַרויס יאָגן די כלה און זי „נישט" געקאָנט כאַפּן... דאָס זענען געווען כמעט נאַקעטע מיידלעך מיט פעל־פלודערן און פעדערן אַרום די היפטן. לויט מנהג וויל די כלה אַנט־לויפן פונעם חתן, פון דער חתונה, מען יאָגט זי און מ'כאַפּט זי „יאָ" און מ'ברענגט זי צוריק... דאָס אַלץ ווערט באַגלייט מיט פּויקן, געזאַנג און הענט־פּאַטשעריי פון גאַנצן המון, וואָס וויגט זיך מיט אַן אַאָו־געשריי. דורך דער גאַנצער צייט טראָגט מען אַרום „קאַלאַבאַזשעס" (טעפּ פון דיניע־שאָלן) מיט ביר פאַר די געסט, יעדער קאָן טרינקען פון טאָפּ וויפל מ'וויל און דער טאָפּ גייט פון מויל צו מויל, טייל ווייסע האָבן אַ זופּ געטאָן און אויס־געשפּיגן אין אַ זייט, אַנדערע האָבן געבעטן נאָך.

אַ צעיאַכמערטער, אַ פאַרשוויצטער, אין זולוטראַכט, האָט נגאַטאַ־ני טאַבאַזוטו צוגעפירט אַן אַלטן זולו צו „זיין" בענעט, וואָס גע־

דענקט איך נאָך ווען ער האָט פאַר זיי געזונגען דאָ אין קראָאַל, דער אַלטער וויל אים ווינטשן גליק מיט זיין שיינער „בעלעסי״ (אַ שיינע פרוי) און איז אים מכבד מיט אַ שמעק טאַבעק פון זיין טאַרבעלע. בענעט איז נישט שטאַרק צופרידן דערפון, אָבער נאָך מער דערפון, וואָס ביז איצט האָט ער געזען זיין שיינע סאַקאַבולאַ נאָר פון ווייטן אַ גלאַנציק אויסגעשמירטע אין פעטס. ער וויל, אַז די גאַנצע צערעמאָניע זאָל זיך וואָס שנעלער ענדיקן. ער טרייסט זיך נאָר דערמיט, וואָס זיינע ווייסע געסט זענען באַגייסטערט און דאַנקען אים כסדר פאַר דער איינלאַדונג. דער שול־פּרינציפּאַל, וואָס זיצט ביי זיין זייט באַרויִקט אים, אַז טראַדיציע איז שיין, אַ חוץ דעם אַלטן זולו־מנהג בעת דער חתונה צו דערהרגענען אַן אָקס און מיט דער גאַל באַשפּריצן די כלה דאָס פּנים, הענט און פיס, ווי אַ קרבן פאַר די אָבות וואָס בענטשן דאָס פּאָר.

— אָ, ניין, איך האָף, אַז דאָס נישט — האָט בענעט אַ פּאַר־צווייפלטער געזאָגט.

נגאַטאַני איז צוגעלאָפן צו בענעטן אַ פאַרצווייפלטער, אַז באַלד וועט זיין דער „טאַנץ״, דאָס איז לויטן זולו־מנהג אַ פאַרמעסט־טאַנץ, צווישן חתנס און כלהס צד. זיי האָבן אַ סך און פון חתנס צד איז ער איינער אַליין. בענעט האָט באַלד אָרגאַניזירט די זולוס פון זיין כאָר — פערציק מאַן.

פריער האָט אָפּגעטאַנצט אַ פרויען־„באַלעט״... דערנאָך איז אַרויס אַ גאַנצער „רעגימענט״ מענער מיט שפּיזן און שילדן אין די הענט, געהילט אין שטיקלעך פעל איבער טיילן פון גוף, הענט און פיס, וואָס האָבן געפלאַטערט אין טאַנץ־געווירבל, די שפּיזן האָבן געזעצט אין די שילדן צום ריטם פון די פאַרטויבנדיקע טאַם טאַם־פּויקן, און געפינקלט ווי די בראָנדזענע גופים אונטער דער הייסער נאָכמיטאָג־זון.

דער אַטאַוויזם פון זולוס האָט זיך אָפּגערופן ביי בענעטס חברה. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די רעקלעך און העמדער און, זענען האַלב נאַקעטע אומגעריכט אַריין אין טאַנצווירבער אַנטקעגן דעם „רעגימענט״ פון כלהס צד מיט אַ געשטייגערטן עקסטאַז, וואָס האָט נאָך מער סטימולירט דעם אַנדערן צד צו עקזאַלטירונג פון פּאַנאַטיקער, מיט ווילדע אויסגעשרייען און זעצעריי אויך פון גרויסן המון, אַפילו די ווייסע געסט האָבן אָן קאָנטראָל אויך מיטגעשריגן, אַזש די ערד האָט זיך געהויבן און די לופט האָט געציטערט. נגאַטאַני, דאָס איינציקע אין זולוטראַכט ייִנגליש גופעלע צווישן די פּערציק ריזן אין וויכער, האָט אויסגעזען, ווי אַ קינד פירט אַ סטאַדע ווילדע באַשעפענישן. דער טאַנץ האָט לאַנג געדויערט, ביז דיביידע צדדים האָבן זיך טאַנצנדיק צוזאַמענגעפּלאָכטן, אַ סימן פון בונד פון די משפחות און מזל פאַרן יונגן פּאָר. ביידע „רעגימענטן״ מיט די שפּיזן און שילדן, מיט שטיקלעך אָפּגעפּליקטע פעלן, זענען געבליבן ליגן אויסגעשפּילטע אויף דער ווייכער ערד אונטער אַ דונערן פון די פּויקן, בראַוואָ־פּאַטשערייען און גערויש פון המון־גערעדעריי, וואָס איז געווען באַגייסטערט.

בענעט האָט זיך סוף כל סוף דערוואָרט. דער המון זולוס האָט זיך אָנגעהויבן וויגן פון פוס צו פוס מיט אַ שטילן רעטשיטאַטיוו־געזאַנג ווי אַ תפילה. דער מחותן מיט זיין סוויטע האָבן מיט לאַנגזאַמע טריט צוגעפירט די כלה סאַקאַבולאַ און האָט זי איבערגעגעבן צו איר נייעם וועכטער — איר מאַן, בענעט, מאַסיליבו אוהאַמאַ, דער אוסינדילע...

פון דעם מאָמענט אָן זענען די משפחות געוואָרן פאַראייניקט, מ'האָט געגעסן געבראָטן פלייש, געטרונקען ביר. נגאַטאַני איז אַרומגעלאָפן מודיע זיין, אַז בענעטס כאָר וועט באַלד זינגען, פון יעדער גרופּע וואָס האָט געהערט דערפון איז געקומען אַ צופרידענער „אַאו״־אויסגעשריי. אַ „העראָלד״ האָט אויסגערופן דעם חתן מיטן

כאַר. בענעט האָט באַמערקט, ווי דער מחותן איז נעלם געוואָרן און זיך געוווּנדערט... ער האָט פאַרנומען זיין אָרט אין מיטן פון אַ האַלבן קרייז, ווו דער כאָר איז געשטאַנען, נעבן אים אויף דער ערד האָבן זיך אַנידערגעזעצט סאַקאַבולאַ מיט נגאַטאַנין.

זולוס האָבן אַ נאַטירלעכן חוש פאַר ריטם און געזאַנג, זיי זינגען שטענדיק און נעמען אויף געזאַנג מיט אַלע חושים. דער מעכטיקער זינגשטראָם פון געשולטע זינגער אונטער בענעטס האַנט, האָט גע־כוואַליעט אין טאָל צווישן בערג, האָט זיי אַלע פאַרגליווערט אין שווייגן. איין שטיק אומבאַוועגלעכע מאַסע חלומט מיט אָפענע אויגן, זעט ווי די זון פאַרציט די שפּיצן בערג, וואָס זינגען צוריק ווי די אָבות וואָלטן מיטגעזונגען פון דאָרטן...

ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, מ׳האָט זיך אָנגעהויבן געזע־גענען, באַגייסטערטע האָבן בענעטס געסט אים פאַרזיכערט, אַז די חתונה וועלן זיי שטענדיק געדענקען. די אָרטיקע האָבן אין גרו־פּעס מיט געזאַנג זיך געשאַרט צווישן די טאָלן צו זייערע הייזקעס. דאָס יונגע פּאָר איז געבליבן אַליין אין בין השמשות.

בענעט איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט פריער פאַר די געסט נישט געזונגען זיין אָדע צו דער שיינער סאַקאַבולאַ. נאָר איצט, אין דער שטיל, האָט ער זי מיט דעם ליבעסליד אַריינגעפירט אין זייער שטרוינעסט, ווו אַ פאַרחלשט שטראַלעכל האָט געטאַנצט איבער דער ראַגאָזשע, זייער „חתונה־בעט” אויף דער ערד באַדעקט מיט פאַרביקע קאָלדרעס גרייט איינצוזאַפּן דעם שאַרך פון דער אויסגעבענקטער ערשטער נאַכט...

די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל, ווען בענעט האָט געעפנט די אויגן און דערזען דעם בראָנדזענעם שימער פון סאַקאַ־בולאַס גוף, ער האָט צאַרט געגלעט און געקושט דאָס סאַמעטלייב, ווי אַ דורשטיק באַשעפעניש לעקט פון בלעטער מאַרגנטוי... סאַקאַ־

בולאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך שעמעוודיק צוגעדעקט און געלאַכט.

— ביסט מיין מפאַז (ווייב), סאַקאַבולאַ, און איך דיין מאַן, מיר זענען איינס, נישטאָ זיך וואָס צו שעמען, מיין נעלעסי (שיין ווייב), — ער האָט פאַרצויגן די קאָלדרע איבער די קעפּ, געוויזן דעם סימן פון סוף בתולה׳שאַפט, גלעטנדיק איר בויך האָט ער סודותדיק געזאָגט:

— אונדזער איזיבולאָ (בכור) וועלן מיר אַ נאָמען געבן דינגאַ־נע... און דיין נאָמען, סאַקאַבולאַ, וועלן מיר בייטן אויף מאַרגאַ, אַ שטאָטישן נאָמען.

בענעט איז געבליבן מיט זיין ווייב אין קראַאַל די גאַנצע האָניק־וואָך.

דאָס יונגע פּאָר האָט געהאַט אַ סך צו טאָן און נאָך מער צו רעדן, וויאַזוי איינצושטעלן זייער לעבן צווישן שטאָט און קראַאַל.

ס׳האָט אים גערירט סאַקאַבולאַס נאָכגיביקייט צו אַלץ, וואָס ער באַשליסט: איינצופירן אַ שטאָטישן שטייגער־לעבן, סאַקאַבולאַ זאָל ענדערן איינגעוואָרצלטע קראַאַל־געוווינשאַפטן, ווי זיך וואַשן זיצנדיקערהייט אויף דער ערד, ווייל מענער וואַשן זיך שטייענדיק, אָדער עסן אויף דער ערד מיט די פיס הינטער זיך, ווי ס׳איז דער מנהג ביי זולו־פרויען.

— מירן שלאָפן אין אַ בעט און עסן ביי אַ טיש מיט לעפל, גאָפּל און נישט מיט די הענט...

סאַקאַבולאַ האָט מיט ליבשאַפט און צוטרוי אויפגענומען אַלץ, וואָס בענעט האָט אין איר אַריינגערעדט. ער האָט זי אַריינגעפירט אין אַ נייער וועלט, אין זיין וועלט.

אין דער באַציונג פונעם אַלטן און דער גאַנצער משפּחה צו זיי האָט בענעט באַמערקט אַן ענדערונג צום שלעכטן. פאַר וואָס דער אַלטער איז אַוועק פון דער חתונה ווייסט ער נישט, פרעגן

זיין ווייב און זי מצער זיין וויל ער נישט. זיין טרייער, יונגער נגאַטאַני האָט פאַר אים אַנטפּלעקט די סיבה: דער הויפּט האָט געשיקט אַ שליח זאָגן דעם אַלטן, אַז ס'איז דאָ אַ פּאַריבל, פאַר וואָס ער האָט זיך וועגן שידוך נישט באַראָטן מיטן אינדונאַ (לאַנד־פּאַרטיילער) און מ'ווייסט, אַז דער חתן איז אַ שטאָטישער טצאָצי (הפקר־יונג)...

איצט פאַרשטייט בענעט דאָס בייזע ברומען פון אַלטן און פאַר וואָס אַלע, אַ חוץ דעם קליינעם עמוס, האַלטן זיך פון ווייטן. דאָס האָט אַ ביסל פאַרוואָלקנט זיין גרויס גליק, דער עיקר דערפאַר ווייל ער לאָזט דאָ איבער זיין סאַקאַבולאַן.

די טעג זענען געלאָפן, פון דער שמעלצעריי זענען אָנגעקומען נאָך ווונטש־טעלעגראַמעס און מתנות. מיט נגאַטאַנין האָט ער אָפּגערעדט, ער זאָל האַלטן אָן אויג איבער זיין אוצר, און מיט סאַקאַבולאַ, אַז אויב זי וועט ליידן דערפון, וועט ער ברעכן זיין צוזאָג און זי אַריבערנעמען אין שטאָט אַריין.

דער איינציקער פון דער משפחה, וואָס איז געקומען געזעגענען בענעטן, איז געווען עמוס. בענעט האָט מיט אים געשפּילט „באָלס", געוואָרפן אין דער לופט און געכאַפּט, ווי זיין טאַטע אַ מאָל מיט אים. סאַקאַבולאַ מיט נגאַטאַנין האָבן אים באַגלייט ביז דער באַנסטאַציע. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אַ גליקלעך אָבער שווער געמיט...

די טאַנטע און די אַלע אין דער שמעלצעריי האָבן בענעטן באַגעגנט מיט שמחה, זיין האַרץ אָבער איז געווען אומרויק, די טאַנטע האָט דאָס דערפילט, אָבער נישט געפרעגט.

אַ לאַנגע שווערע וואָך איז דאָס געווען פאַר בענעטן. ער האָט קוים דערלעבט דעם פרייטיק נאָך מיטאָג אָפּצונעמען זיין געהאַלט, די מומע האָט שוין געהאַט אַלץ צוגעגרייט פאַר בענעטן אויפן וועג.

דעם זעלבן אָוונט, איז קיינער אין דער וועלט נישט געווען גלייך צו אים — ער איז ווידער מיט זיין סאַקאַבולאַן...

אַזוי האָבן זיך געצויגן וואָכן און חדשים מיט אַרבעט אין שטאָט, מיט בענקען און מיט וויק־ענדס, פול מיט גליק און יונג פאַרפאַלקישער ליבע...

זינט דעם טאָג, וואָס סאַקאַבולאַ האָט אים מגלה געווען, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט דאָס גליק געשפּאַרט פון אים מיט קושן, געזאַנג און געלעכטער, מיט מעסטן איר בויך און אויס־שרייען: „ער וואַקסט מיין דינגאַנע!!!" ער האָט זיך מער נישט גענומען צום האַרצן די בייזע רייד פונעם אַלטן, ער האָט זיין לאַבאָלאַ באַצאָלט, ער דאַרף אים מער נישט, ער שטעלט אויף זיין דור... דער טאַנטע האָט ער געגעבן געלט זי זאָל איינקויפן אַן אויסשטייער, פאַר אַ „בייבי־באַי", אַ דינגאַנע. בענעט גייט ווערן אַן אובאַבאַ (אַ טאַטע),

זיין בכור וועט הייסן דינגאַנע.
סאַקאַבולאַ וועט ווערן אַ מאַמע
און זינגען צום פּיקאַנין לע־לע־לע־לע.

האָט זיין כאָר געטרייסט בענעטן מיט אַ ניי פאַרפאַסט ליד, וואָס זיי האָבן געזונגען ביי דער אַרבעט אין קלומפּעריי פון וואַגאַנעטקעס און האַמער־זעצערייען.

עטלעכע לאַנגע וויק־ענדס, מיט אַ פּרייטיק אָדער אַ מאָנטיק, איז סאַקאַבולאַ געקומען צו בענעטן אין „לאָקיישן" אַריין. פאַר דער טאַנטע זענען די וויק־ענדס געווען יומטובים. זי האָט צוגעגרייט אַ פייערלעכן מאָלצייט און פאַרבעטן אירע דריי זין מיט זייערע משפחות, דעם שול־פּרינציפּאַל און אַריינגערופן די שכנים צו זען איר שיינע שנור סאַקאַבולאַ.

דער פאַקט, וואָס דעם לעצטן שולסעזאָן איז אַניקי אַריבער־געפירט געוואָרן צו אַן אַנדערער שול, האָט איר געגעבן אַ פרייער

געמיט אויסצודריקן איר גליק מיט בענעטס אויסוואַל. זי האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט סאַקאַבולאַס שוואַנגערן, זי האָט זי באמת ליב באַקומען און זי געבענטשט זי זאָל האָבן געזונטע קינ־דער. פון אַזאַ באַזוך איז סאַקאַבולאַ אַהיימגעפאָרן אַ גליקלעכע מיט אַ סך שיינע מתנות.

בעת סאַקאַבולאַס לעצטן באַזוך אין „לאָקיישן”, איז זי שוין געווען אין די הויכע חדשים און זיך נישט געפילט צו גוט. אַ דער־שראָקענער האָט בענעט געברענגט אַ דאָקטער, נאָכן אויסהערן, אַז זי העלפט מיט דער ווירטשאַפט אין קראַאַל, האָט ער איר גע־ראָטן מער דאָס נישט צו טאָן, נאָר גיין יעדן טאָג אויף אַ לאַנגן שפּאַציר. בענעטן האָט דער דאָקטער פאַרזיכערט, אַז זיין ווייב וועט מיט גאָטס הילף האָבן אַ געזונטן דינגאַנע...

בענעט מאַסיליבו דינגאַן

טעג און וואָכן האָבן זיך געשלעפּט הייסע, צעפּאַרעטע און קיין פּעקל אָדער בריוו פון בענעטן איז נישט געקומען. זיין טאַנטע פון פּערייניכינג האָט איר אויך נישט געענטפערט אויף אַן אָנפראַגע וועגן איר מאַן. מאַרגאָס גוף איז שווערער געוואָרן, אַפילו אַ ביסל מיליס צעשטויסן איז איר אָנגעקומען שווער.

אין לאָקיישן נעמט די טאַנטע מאַלי יעדן טאָג דאָס פּעקל אויסשטייער פאַרן אומגליקלעכן דינגאַנע, וואָס וועט געבוירן ווערן אַ יתום און לייגט עס צוריק אַוועק... זי קאָן נישט זיין די בשורה־ברענגערין פון זייער גרויס אומגליק. אַפילו אויף סאַקאַבולאָס האַרצרייסנדיקן בריוו האָט זי נישט געענטפערט.

— וואָס קאָן איך איר שרייבן ? אוי אַ ביטער מזל די אוהאַמאָס האָבן, זיין טאַטע אַזוי, זיין זיידע, אַלע האָבן אָנגעהויבן זייערע משפּחות אַזוי גליקלעך און אַלע זענען זיי געפאַלן ביים סאַמע אָנהויב... אויף מיינע הענט איז ער אויסגעוואַקסן... דער „אוסינדילע״, דער איינציק געבליבענער יתום פון אַ גרויסער משפּחה, וואָס אַ פייער פון הימל האָט אַריינגעכאַפּט.. דורך אַט דעם פּענצטער האָט ער אין די אָוונטן געזען דעם פלאַם פון די קוימענס, און איינגעגראָבן אין מיר דאָס פּנימל פאַר פּחד מיט אַ געוויין... כ׳האָב די שרעק פון אים אַרויסגעטריבן. פּיטער האָט אים ליב געהאַט, ווי אַן אייגן קינד. ער האָט זיך געפרייט דעם ערשטן טאָג אים צו פירן אין דער שול אַריין, אין דער קירכע. אויף די הענט מיינע איז ער אויסגעוואַקסן, אַזאַ שיינער, געזונטער געראָטענער יונג, אַ געלערנטער און אַזאַ גוטער פאַרדינער, אַזאַ גליקלעכער מיט מאַרגאַ סאַקאַ־

בולאַ און מיט דעם דינגאַנע, וואָס וועט קומען פון זיין בלוט העלפן אויפריכטן דאָס מזל פון די באַנטוס אין אַפריקע. און איצט ?... דאָס פעקל דאָ. זי, אַן אלמנה דאָרט, און ער ?... פאַר וואָס ?... כ׳האָב זיך ביי אים געבעטן : דו וועסט די וועלט נישט איבערמאַכן, שוואַרץ וועט בלייבן שוואַרץ און ווייס — ווייס. זענען מיר שוואַרץ, לעבן מיר נישט ? האָסטו נישט אַ גוטן דזשאָב? די ווייסע באָסעס האָבן דיך אַזוי ליב, זיי זענען געקומען צו דיין חתונה, דיר געגעבן שיינע מתנות און דו ביסט צופרידן פון זיי, פון דער שטעלע. און ער ?.. שטענדיק האָט ער געפונען שיינע רייד מיט משלים.

„דאָס איז אמת, מומע, נאָר אויב יעדערער פון אונדז וועט זיין צופרידן מיט זיין בערגל מיסט בלויז, וועלן מיר אייביק בלייבן זיצן דערויף... די צוקונפט, די צוקונפט...״

„סאַקאַבולאַ מיט איר קינד אין בויך איז דיין צוקונפט״.

„גערעכט, מומע, טייערע, גערעכט, מיין ווייב, מיין קינד און מיין לאַנד אַפריקע, אונדזער אַלעמענס צוקונפט...״ כ׳האָב געזען יענעם פאַרשאָלטענעם פרימאָרגן, ווי אַלע לויפן גייציקע מיט די פעסער אין די הענט צום פייער. פאַרברענען די פעסער!!! נאָר דאָס האָט מען געהערט, פאַרברענען די פעסער. די פּאָליציי האָט מען נישט געוואָלט פאָלגן. דאָס פייער האָט געקנאַקט, די פעסער האָבן געברענט און די ביקסן האָבן געשאָסן...

שאַרפּוויל, אַ פייער פון דער ערד נישט פון הימל... מיין בענעט מאַסיליבו אוהאַמאַ, דער לעצטער אוהאַמאַ אַוועק, כ׳האָף אַ נייער אוהאַמאַ קומט. גאָט העלף, אַפריקע...

* * *

איין פאַרטאָג, ווען אַלץ האָט נאָך גערוט, די נאַכט איז אין רעגנדיקע טראָפּנס אויסגעגאַנגען, און אַ גרויער באַגינען האָט זיך גענומען שפּרייטן, האָט אַן עלטערע שכנטע אַרויסגעלייגט פאַר מאַרגאָס טיר אַ בינטל דינע ריטלעך און אומבובאַ (צואה פון אַ קו),



אין זולולאַנד, יאַנואר 1938.

פון רעכטס : שלום שוואַרצבאַרד, אַן אַלטער זולו פון איבער הונדערט יאָר, און פייוול זיגעלבוים

ווי אַ סגולה פאַר דער געווינערין. ביים שיין פון אַ קעראָסין־לעמפּל האָט זי געקנאָטן און געדרייט מאַרגאָס לייב, אַרומגעוויקלט אַרום די פּיס פרישע רייפלעך קופּערנעם דראָט, און ווען די גלעקלעך פון אָקסן און שעפּסן האָבן זיך אין יונגן באַגינען צעקלימפּערט האָט זיך אַריינגעפלאָכטן דער קוויטש פון אַ נייגעבוירן שוואַרץ נפשל.

ווען די מבעלעטיז (הייבמוטער) האָט איר דערלאַנגט דאָס קינד אָן אָפּגעוואַשנס און געזאָגט: „נאַ, אַ יונג שווער ווי אַ זאַק מיליס", האָט אַ געוויין זיך צעוויגט אין איר, פריער מיט אַ העשען אין זיך, בלויז די בריסטן און נאָזפליגלען האָבן זיך באַוויגן און אַ שטראָם טרערן איז גערונען פון די צוגעמאַכטע אויגן איבער די פאַרפרעסטע ליפּן, דורך איין זייט מויל אויפן קינדס קעפּל: — וווּ איז בענעט?

— דאָס קינד! — האָט די הייבמוטער אויסגעשריגן.

— זאָל ער דערפילן די ערשטע טראָפּנס פון אַ ביטער לעבן — האָט מאַרגאָ ווי אַרויסגעשפּיגן די ווערטער אין אַ הויך געוויין.

— שטיל, דו חצופה — האָט די הייבמוטער זיך צערעדט — דייך שווערערין אוסוגאַקאַ וואָלט זיך געלאָזט ביידע הענט אָפּהאַקן פאַר אַ קינד און נאָך אַזאַ יונג, און דו זינדיקסט.

— שוטאַבאַ טייערע, זיי מיר מוחל, אַ לויב דיר פאַר דיינע טרייסטווערטער, איך וועל מער נישט וויינען, און אויב יאָ, וועלן דאָס זיין טרערן פון פרייד און באַדויער וואָס זיין טאַטע איז דאָ נישטאָ, ער איז אַזאַ גוטער, גאַנצער מענטש, זיין האַרץ און מוח זענען איינס. געוואָלט אַהיימקומען אונדז היטן, ער האָט אונדז אַזוי ליב, מיך און אים — זי דריקט דאָס קינד צו זיך מיט אַ צעשיינט פּנים פון טרערן און גליק.

— אָנקל עמוס, קוק! — ווייזט מאַרגאָ דאָס קינד איר ברו־דערל, וואָס צעכיכעט זיך מיט אַ שפּרונג.

— דו בלייב מיט איר דאָ, גיב איר וואָס זי וויל, נאָר דאָס קינד זאָלסטו נישט אָנרירן — באַפעלט די אַלטע און גייט אַוועק.

עמוס מיט צעעפנטע אויגן קוקט אַ צעשמייכלטער אויפן קינד, זיינע ווייסע, פייכטע ציינער שימערן מיט אַ גלאַנץ. פאַר וואָס טאָר ער אים נישט אָנרירן?

— קענסט אים אָנרירן עמוס, דאָ אין הענטל. — פאַרזיכטיק רירט ער אָן דאָס קינד און צעקלינגט זיך מיט אַ גליקלעך געלעכ־טער: — כי, כי, כי. ווייך ווי די פעדערן פון מיין פייגעלע.

— וואָס איז זיין נאָמען?

— דינגאָן.

— פאַר וואָס נישט עמוס?

— ווייל אַן עמוס האָבן מיר, און אַ דינגאָן דאַרפן מיר. אַ גרויסן, אַ שטאַרקן.

— ער, אַ גרויסער, שטאַרקער? ווי מיין קעצל גרויס! כי, כי, כי, — קייקלט זיך עמוס פאַר געלעכטער.

— אַלע גרויסע זענען אַ מאָל קליין געווען, אַ ייִנגעלע מיין, — בויגט זי עמוסן נעענטער צו צו זיך און באַדעקט בײדע קינדער מיט מאַמעשע קושן.

דורכן טאָג איז די גאַנצע משפחה און שכנים געקומען איר גוט־ווינטשן און געבראַכט קמיע־מתנות פאַר איר און פאַרן קינד.

דעם פאַרנאַכט האָט פאַר מאַרגאָס שטוב געברענט אַ לוסטיק פייער, די משפחה און געסט האָבן זיך משמח געווען מיט געבראָ־טענע שטיקער שעפסן־פלייש און פאַרטרונקען מיט קאַפער־ביר, געזונגען און געטאַנצט צום ריטם פון גיטאַרעס און פויקן. דאָס, וואָס איר משפחה איז זיך אַזוי משמח געווען האָט מאַרגאָ פאַר־שאַפט גרויס פאַרגעניגן. דורך דער אָפענער טיר האָט זי געהערט ווי דער יונגער נגאַטאַני רופט אויס: „לאָמיר זינגען דאָס ליד וואָס מאַסיליבו האָט אונדז געלערנט!” און גלייך אָנגעהויבן זינגען:

קאַזי סינגאַלעלע אַפריקע (גאָט העלף אַפריקע)". בענעט, בענעטס קול האָט אָפּגעקלונגען אַרום איר...

צוויי אויטאָ־לאָמפּן האָבן זיך דערנעענטערט צום קראַאַל און איבערגעריסן דאָס זינגען. געווענדט צום אויטאָליכט זענען ס'רוב געבליבן שטיין פאַרווונדערט און מיט נישט ווייניק פּחד. דער קליינער עמוס איז אַריינגעלאָפן זאָגן מאַרגאָן די נייעס און גלייך צוריק אַרויסגעקומען. די מאַשין איז פאַרפאָרן צום עולם, דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט, די לאָמפּן זענען געבליבן ברענען צו באַלויכטן דעם אַרום, עמוס איז אַנטקעגנגעלאָפן דעם זייל ליכט, ביז ער איז געווען זיכער אַז עס ברייט נישט האָט ער צוגע־פלאַטשט די נאָז צום לאָמפּגלאָז און זיך צעלאַכט.

אַ ווייסער פּאָליציי־מאַן, אַ שוואַרצער פאָרשטייער פון טשיף, און אַ שוואַרצער פּאָליציי־מאַן האָבן זיך מיט לאַנגזאַמע טריט דער־נעענטערט צום עולם, וואָס איז געשטאַנען געשפּאַנט און געהערט זייער אייגענעם אָטעם בלויז.

— וווינט דאָ סאַקאַבולאַ אוהאַמאַ ?

—יאָ — איז אַרויסגעטראָטן דער אַלטער מקומאָסי — איך בין איר פאָטער.

— איז זי אין דער היים ? —

— זי האָט היינט אַ זון געבוירן, אָט איז איר היים.

דעם טשיפס פאָרשטייער האָט אָנגענומען דעם פאָטער ביי דער האַנט און אַנגעוויזן אַריינצוגיין. עמוס איז זיי נאָכגעגאַנגען ביז דער טיר. מאַרגאָ האָט זיך צוגעדעקט ביזן האַלדז און אַ צע־שראָקענע געקוקט אויף די אומגעריכטע געסט און זיך געטרייסט וואָס דער טאַטע איז אויך דאָ. דעם טשיפס פאָרשטייער, אַן אַלטער אַפריקער מיט אַ קליין גרוי בערדל, האָט אַרויסגענומען אַ בריוו פון אַ גרויסן קאָנווערט, און פאַרן לייענען געזאָגט: מיר וואָלטן דאָ געווען אַ סך פריער ווען נישט דאָס פּלאַצן פון אַ ראָד, איז זיי

אונדז מוחל פאַרן שטערן איך אין אָונט; צושאָקלענדיק פון פאַר־לעגנהייט מיטן קאָפּ האָט ער זיך אַ ביסל געבויגן צו מאַרגאָן.

— זיי געטרייסט מיט דיין זון, סאָקאַבולאַ, און דו אויך — האָט ער זיך געוואָנדן מיט קאָפּ צום פּאָטער — גאָט זאָל אייך היטן און באַשיצן.

ער האָט אָנגעהויבן לייענען פון פּאַפּיר וואָס האָט געציי־טערט אין זיינע הענט: — פּאָליציי־באַריכט, מאָסאָליבו אוהאַמאַ געבוירן דעם 16 אויגוסט, 1936 אין מעסיגא זולולענד, איז דער־שאָסן געוואָרן בעת אומרועןן אין שאַרפּוויל, און איז באַגראָבן גע־וואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע געפאַלענע.

— ניין! ניין! ניין! — האָט מאַרגאָ אַרויסגעיאָמערט און גע־קלאַפּט פאַר איר פּנים אַ פויסט אין אַ פויסט, אירע געשרייען און דאָס קאָנוואולסיווע קלאַפּן מיט די פויסטן האָט דערשיטערט דעם קליינעם עמוס וואָס האָט זיך אויך ביטער צעוויינט. זייערע קולות האָבן צונויפגערופן דעם גאַנצן קראַאַל צו מאַרגאָס הייזקע. דער אומרויִקער געמורמל פון דרויסן, וואָס האָט זיך צעוויגט אַלץ העכער, האָט נערוועז געמאַכט די "געסט". דעם טשיפס פאַרשטייער האָט מיט געוויין אין זיין שטים זיך געוואָנדן צו מאַרגאָס פאָטער:

— וועסט קומען מאָרגן פאַרשרייבן דאָס קינד, האָסט אַ נאָמען פאַר אים?

— יאָ!!! — האָט מאַרגאָ אויפגעהויבן דאָס קינד הויך איבערן קאָפּ און מיט אַ צעוויטיקטער שטים און צעשטראַלטן פּנים אויס־געשריען:

— מאָסיליבו בענעט דינגאָן!!!

(סוף)

* * *

אַלץ אין דעם בוך געשעט אין זולולאַנד, אין שטאָט און אין „לאָקיישן" (אַ רעזערוו פאַר שוואַרצע ניט ווייט פון אַן אינדוסטריע־שטאָט). כאָטש אפגעזונדערט, לעבן זיי אין טאָג־טעגלעכן לעבן פאַרוועבט מיט דער ווייסער באַפעלקערונג. דער הויפט־העלד איז בענעט מאַסיליבו אוהאמא, וועמענס טרוים ווערט, אַז זיין ווייב זאָל געבוירן אַ זון „דינגאַנע", אַן אויסלייזער, זייער מערכה מתקן צו זיין. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אין וועלכער דער שוואַרצער אין אַפריקע איז אַריינגעצויגן געוואָרן און געניסט ווייניק פון אירע פרוכטן, איז בענעטס וועלט — און פאַר איר שטאַרבט ער...